STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11510

MIR DI KORBONES

Munie Tel De Tru

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מוניע טעל דע טרו

*

מיר די קרבנות

מוניע טעל דע טרו

מיר די קרבנות

אַליין איבערגעטראָגן, מיט ווי און פּיין, אינעם סאָוויעטישן „גן־עדן"

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב
תשל"א — 1971

296.0947
M

MUNIE TEL DE TRU'

MIR DI KORBONES

מוניע טעל דע טרו / מיר די קרבנות

פאַרלאַג „המנורה" רח' זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
"Hamenora" Publishing House, 24, Zangwill St., Tel-Aviv, Israel

©

Printed in Israel 1971 — נדפס בישראל תשל"א

דפוס ישראל בע"מ, תל־אביב

אינהאַלט

די שפיל מיט מענטשלעכע לעבנס 9

וועגן און גורלות 30

אויף רויטע שליאַכן 34

„דאָפּראָסן" 37

עטאַפּ 44

אין קלויסטער 48

וואָגל און ווײ 55

באַרילסק 62

דודינקאַ 70

ווער וועט אונדז געדענקען ? 73

ניטאָ קיין אַרבעטסלאָזע 76

שקלטפעריי 81

פּאַפּאַנינסקאַיאַ 86

סאָוויעטישע עקספּלואַטאַציע 93

קאַרצער 98

עלטערן און קינדער 102

שקלאַפן 104

אַנטיסעמיטישע שטיק 109

טרעפט זיך אַ מענטש 111

סאָוויעטישע „ראַציאָנאַליזאַציע" 115

ווער עס אַרבעט — עסט ניט 123

„קירפּיטשני זאַוואָד" 127

„אומזיסטע מעדיצינישע באַדינונג" 129

„אַטדיך" 134

סאָוויעטישע קינדער 138

צוריק באַרילסק 142

קאַ־װע־טשע 146

בוכהאַלטעריע 149

רעזיגנאַציע 152

FEB 14 '75

יעזוס 154

סיביר 159

„שירפאַטרעב" 162

סאָוויעטישע קייסאָרים 164

אַ גרוס פון דער היים 171

שטיינער — פּאַר ברויט 175

אַ קרבן ביי 75 יאָר 177

אַ מאַכ[illegible]וויטש 188

ביים נאַטשאַלניק 196

ראַזקאַנוואַירן 198

צו גאַסט אין „זאַנע" 209

פרילינג 213

צאַפּ... צעבע ! 211

קאַרבאַנקאַ 227

אַ שמחה — אַ העמד... 228

סטאָליפּינס ירושה 233

פאַר וואָס האַלט איר מיך דאָ ? 241

פריי 243

אין וועג אַריין 246

די „פריידּ" פון אַרבעט... 251

אין די קעלערן פון גאָוואָסיבירסקער וואָקזאַל 253

אין מעטראָ 257

„קאָמענדאַטוראַ" 261

אַ טייערע „ראַדינאַ" 263

בני שקר 265

שהחינו 269

וואַרשע 273

שלום עליכם ! 275

מעכטיקער שקר 278

„אָ, גאָלדענע יוגנט, ווו ביסטו? ווייט?
קומסט קיין מאָל צוריק מער, דו פרעכטיקע צייט.
דו ביסט פאַרשוווּנדן, ס׳גלויבט זיך נאָר קוים,
ביסט נאָר אַ מעשהלע, אַ זומערנאַכט־טרוים"

(ג. ע. לעסינג)

★

„שקר, זאָגסטו, אין לא רגלים
פאָרט דער שקר אין קאַרעטן,
און דער אמת גייט צו פוס!"

(י. ל. פרץ)

די שפיל מיט מענטשלעכע לעבנס

1936. היטלערס מערדער־באַנדעס ווערן אַלץ הוצפּהדיקער, רויער און געמיינער און שלינגען איין שיכטן נאָך שיכטן פון דער „קולטורעלער" דייטש־לאַנד, וואָס שטרעבט צו אַ בלוטיקן, רויען, רויבערישן חשבון מיט דער גאַנצער וועלט, מיליאָנען שפּאַנען זיי שוין — גרויליק, חוצפּהדיק, דורכ־געפּוילט מיט נאַציאָנאַליסטישן סם, איבער דער דערשראָקענער צעפּיצלטער און צעטיילטער אייראָפּע, וואָס וואַגט ניט צו אָרגאַניזירן אַ געמיינזאַמען כוח, קעגן די נאַציס, וואָס ווערן אַלץ מער פאַרשיכורט פון די זיגן איבער קליינע אומבאַשיצטע פעלקער.

ווער קען זאָגן, ווו זייער „זיגרייכער מאַרש" וועט זיך אָפּשטעלן? מענטשן ווערן גרויליקער און רויער, אַלץ מער שפּלדיקער און געמיינער אין דער באַציונג צו אַנדערע פעלקער און נאַציעס. היטלערס אונטער־לעקערס, וואָס ווערן פון אים געניצט צו אַלערליי מאָרד־געצייגן, זיינען שוין ביי זיך „ס'אויבערשטע פון שטייסל", און היטלער מיט זיינע טרעטנ־דיקע מערדער־אַרמייען זיינען די מיוחסים און הערשערס איבער מיליאָנען שוואַכערע, אומבאַוואָפנטע.

וואָס וועט זיין? אויף וועמען וואַרט מען צו דערשטיקן דעם פייער פון אַלוועלטלעכן אומקום? וואָס טוט דער געהיימער, מעכטיקער, אָפּגע־שלאָסענער ספינקס, דער ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס האָט אויף זיך גענומען אָנצופירן דעם ווידערשטאַנד קעגן דער אַלטער, אָפּשטאַרבנדיקער „קאַפּי־טאַליסטישער וועלט"?

37 ־ 1936. עפּעס איז ניט קלאָר דאָרט אינעם לאַנד פון „מענטשלעכן גליק". דער ראַדיאָ דערציילט אומגלויבלעכע מעשיות. פּראָצעסן קעגן די בעסטע זין פון דער רעוואָלוציע: טוכאַטשעווסקי, זינאָוויעוו, קאַמענעיעוו, טאָמסקי, ריקאָוו... וואָס איז דאָרט געשען? מיר הערן ראַדיאָ. מיר הערן די עפּנטלעכע זיצונגען אין געריכט. אומגלויבלעכע באַשולדיקונגען. וואָס

האָט געקענט ברענגען אַזאַ טוכאַטשעווסקי צו פאַרקויפן די פרוכט פון אַלע יאָרן אַרבעט זיינע, דעמלט, ווען די ערשטע פון די חלומות זיינען פאַר־ווירקלעכט געוואָרן? וואָס שפּייט מען אויף זיי מיט אַזאַ האַס? פאַר וואָס הערט מען אַזעלכע יובל־געשרייען ביים אויסרופן די טויט־אורטיילן איבער זייערע בעסטע און שענסטע?

— פּראָווילנאַ... פּראָווילנאַ... — הערן מיר טויזנטער פרייד־אויסגע־שרייען אויף יעדן אַרויסגעטראָגענעם טויט־אורטייל.

פאַרברענטע חלומות... און אפשר האָבן מיר יידן טאַקע נאָר איין וועג — אין אונדזער אַלטער היים? אָבער צו שפּעט.

די וועלט ברענט. ווער וועט העלפן לעשן? און ווער וועט איבער־האַלטן?

★

די היטלער־אַרמיי האָט שוין איינגעשלונגען האַלב אייראָפּע. די פּוילישע מויל־העלדן, וואָס האָבן געשריגן, אַז זיי וועלן אַפילו אַ קנעפּל פון זייערע מונדירן ניט אָפּגעבן היטלערן, זיינען מיט די לעצטע פּאָר עראָפּלאַנען אַנטלאָפן קיין — רומעניע; אויפן האַלב־אינדזל העל, אין דאַנציקער קרייז, קעמפט נאָך פאַרביסן אַ פּוילישע אַרמיי, אָנגעפירט פון אַ געשמדטן ייד, אַ גענעראַל פון קאַלאָמיי, וואָס אויף אַלע זיינע רופן צו הילף איז שוין קיינער נישטאָ. צענדליקער יאָרן אָנגעזאַמלט פאַרמעגנס פון דער פּוילישער שטייערן־מאַכט וואַלגערן זיך לענג־אויס די אַלע וועגן, וואָס פירן צו דער רומענישער גרענעץ, אָנגעוואָרפענע און אַוועקגעוואָרפענע מיליטערישע פאַרמעגנס.

די אוקראַיִנער פון די אַרומיקע דערפער זאַמלען צונויף וויפל זיי קענען. ווער ווייס פאַר וועמען? געוווּסט האָט מען, אַז זיי וואַרטן שוין אויף זייער היטלערישן משיח, וואָס האָט זיי צוגעזאָגט אַ „סאַמאַסטינע אוקראַיִנע״, זיי גלאָזט אַ ביסל הוליען ביים פאַרנעמען אונגאַרן, אָבער ווי גיך ער האָט געדאַרפט צום שותפות דעם אונגאַרישן הערשער האָרטין, האָט ער דערלויבט דאָרט אויסצושיסן 65 טויזנט אוקראַיִנישע „סיטשאָוו־

צעס״ פון דער נאַציאָנאַל־אוקראַיִנישער אַרמיי. די אוקראַיִנישע „רעדל־פירערס״ האָבן דערפון גוט געוווּסט און זיי האָבן עס אויסבאַהאַלטן פון דער אונטערגעוואָרעמטער טשערעדע.

פון פוילן איז שוין גאָרניט געבליבן. די נעכטיקע פּאָליציאַנטן זיינען ביי נאַכט אַנטלאָפן. אין גאַס האָבן ווידער זיך אָנגעהויבן באַווייזן די אוקראַיִנישע „העלדן״ מיט זעקלעך אויף די פּלייצעס און העקלעך וואָס האָבן זיך שטיקלעכווייז אַרויסגעזען פון אינעווייניק, און היטלעך, אַרײַבערגעצויגענע איבער די אויגן.

יידן האָבן דערפילט, וואָס ס׳קוקט אַרויס פון אונטער די היטעלעך און פון די טאָרבעס מיט די העקלעך.

דערוואַכן איצט די זכרונות אונדזערע, פרישע, פחדפולע... קוקנדיק אויף די ליידיקע טאָרבעס אויף זייערע פּלייצעס, מיט די שאָטנס פון העקלעך, וואָס פרישן אויף זייערע פינצטערע צייטן... און זכרונות... און איצט, זיינען מיר ווידער הפקר — און אין שרעק...

דעם 17טן סעפּטעמבער 1939. מיט אַ מעכטיקער שטים, ווי ס׳האָט נאָר געקענט עס מעלדן דער באַרימטער ספּיקער פון מאָסקווער ראַדיאָ, האָט ער דערציילט דער וועלט, אַז:

דער מעכטיקער ראַטן־פאַרבאַנד האָט געשלאָסן אַ שלום־אָפּמאַך מיטן היטלערישן דייטשלאַנד, איינטיילנדיק צווישן זיך די פּוילישע מלוכה. גאַנץ מזרח־קליין־פּוילן, וועט, לויטן „מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ־אָפּמאַך״, געהערן צו דער געבענטשטער סאָוויעטישער „ראָדינאַ״, אונטער דער פירונג פון דער באַרימטער קאָמוניסטישער פּאַרטיי מיט איר גרויסן, קלוגן און פּאָטערלעכן סטאַלין.

אַ נייע פינצטערניש האָט פאַרדעקט מענטשלעכע מוחות. אַפילו אַלטע קאָמוניסטישע „קדוש״־שפּרינגערס זיינען אויף אַ שטיקל צייט פאַרשטומט געוואָרן און ניט געקענט קיינעם קוקן גלייך אין די אויגן אַריין.

ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז געקומען די „פּאַרטייטשונג״ פון די קאַדראָווע אויסטייטשערס, אַז דאָס האָט דער גרויסער, קלוגער, ליכטיקער און אומפעלערהאַפטער סטאַלין איבערגעלאָזט די קאַפּיטאַליסטן זיך אַליין צו רייסן ביי די קעפּ, בשעת „מיר״ וועלן דערפאַר

באַקומען גאַנץ מזרח־קליין־פּוילן, און די „פּוילישע פּאַנעס" וועלן גע־הערן צו היטלערן. און וואָס וועט זיין מיט די טויזנטער דאַרטיקע קאָ־מוניסטן, סאָציאַליסטן און יידן? איז געווען דער שטילער תירוץ: „געשיכטע שרייבט מען איבער די קעפּ פון מיליאָנען לעבנס".

די פּוילישע מלוכה האָט אויסגעהויכט איר אָטעם, דער „העטמאַן" פון די אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן האָט צונויפגערופן זיינע „סיטשאָווי־צעס" און זיי געגעבן אַ פּאָליטישן איבערבליק איבער דער ניי־געשאַ־פענער לאַגע, און ווי זיי האָבן געלאָזט וויסן מחוץ, האָט ער זיי געהייסן זיך אונטערוואַרפן די סאָוויעטישע אָנפירערס און איבעררייסן מיט זייער ביזאַיצטיקער טעטיקייט, ווייל „סיי־ווי" זעט ער ניט קיין אַנדערן אויס־וועג פאַרן אוקראַיִנישן פאָלק.

(דערווייל האָט מען אין מיטן שטאָט אויפגעשטעלט אַ טורעם אויפ־צונעמען די סאָוויעטישע „אויסלייזערס", און די געטרייעסטע אַרבעטער דערביי זיינען געווען די נעכטיקע אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן, וואָס האָבן זיך גיך „פאַרברודערט" מיט די יידישע קאָמוניסטן, כאָטש איינער דעם אַנדערן האָט וויניק געטרויט, אָבער ס'איז בעסער געווען, ווי צו זיין אויסגעזעצט אויף די ליידיקע זעק מיט העקלעך אינעווייניק...

דער פּחד פאַר סאָוויעטישער „גערעכטיקייט" און גרויזאַמקייט האָט אָפּגעהאַלטן די פּאָגראָמשטשיקעס פון אָנהייבן אַ רויב־און מאָרד־צוג איבער דער שטאָט. פון וואַנען איז מען עס אַזוי גיך דערגאַנגען? אַלע האָבן געהאָפט אויף „משיחן", און געציטערט פאַר זיין נאָמען.

שוין טעג וואַרט מען אויף זיי. ערגעץ זיינען זיי אין קאָלאָמיי, אָבער אין די קלענערע שטעטלעך אַריין איילן זיי זיך ניט. די טאָרבעס מיט די העקלעך, מיט אָראָפּגעלאָזטע דאַשיקעס איבער די אויגן, האָבן ווידער באַאומרויִקט די מענטשן. אַפילו די קאָמוניסטן האָבן זיך דערפילט ניט היימלעך און אָוועקגעשיקט איינעם אַן אָרטיקן „גדול" צום שטאָב קיין קאָלאָמיי, אָבער דאָרט האָט מען אים געענטפערט, אַז „מיר האָבן אונ־דזער אַנגעצייכנטן וועג, און אַלץ איז אויסגערעכנט מיט דער צייט".

די פאַבריקן זיינען געשלאָסן, מען ווייסט דאָך, אַז ביי זיי זיינען קיין פאַבריקאַנטן נישטאָ, און די אַלערליי מאַשינען וועט מען סיי ווי

צונעמען. די פאַבריקאַנטן האָבן נאָך דערווייל פון וואָס צו לעבן, ווען מען וואַרטן. ביטער איז אין די אַרבעטער־היימען, ווו דער פאַרדינטער גראָשן גייט גלייך אין מויל אַריין.

אין אַרעמע היימען נעמט דער הונגער דריקן. אַרבעטער גייען אַרום הונגעריק און מאָנען אַרבעט, איז נישטאָ ביי וועמען. גייט אַרום איצט ס׳אוקראַיִנישע פאָלקסווערטל: „אַלע זיינען פריצים, נישטאָ ווער ס׳זאָל פאַשען די חזירים". און די נייע בעלי־בתים איילן אַלץ ניט צו קומען. אין דער פרי קומען מענטשן זיך צונויף אין מיטן מאַרק, זען צי ס׳איז שוין עמעצער געקומען. מ׳קוקט אויף די נעכטיקע קאָמוניסטן: אפשר ווייסן זיי עפעס? די מערסטע פון זיי זיינען אַליין גרויסע קבצנים, גייען אַרום הונגעריק און קענען צו קיינעם קיין טענה ניט האָבן. ס׳איז אַ ווייטיק און אַ בושה, און מען טאָר עס קיינעם ניט זאָגן.

אין איינעם אַ טאָג איז פלוצעם אין מיטן שטאָט, טאַקע אונטערן אויפגעשטעלטן טורעם, פאַרפאָרן אַ זעלנער מיט אַ סאָוויעטישן לאַסט־אויטאָ. דער עולם האָט געגומען לויפן זען אַ סאָוויעטישן זעלנער. איינע מיט פרייד, די אַנדערע מיט נייגעריקייט, און די דריטע מיט האָפענונג, אַז ס׳וועט זיך איינשטעלן אַן אָרדענונג, און מען וועט אין גיכן פאַרשפאָרן צו הונגערן.

דער זעלנער איז אַראָפּגעשפרונגען אַ צעשטראָלטער פון אויטאָ און גלייך צוגעלאָפן צו משה־הערצלען, אַ ייד מיט אַ באָרד, וואָס האָט אַ הונגעריקער אויך געוואַרט אויף משיחן, אים אַרומגענומען און גענומען קושן. אַ שמחה אויף יידן. און שמעיה, דער קאָמוניסט, אַליין אַ הונגעריקער, אָבער אַ צעשטראָלטער, לויפט פול מיט שמחה אַרום:

— נו, האָסטו געזען? משה־הערצלען האָט ער אַרומגעכאַפּט קושן! האָסטו געקענט האָפן צו זען עס פון אַ פוילישן זעלנער?

✶

(די ערשטע פרייד איז אַדורך. דער טורעם אין מיטן מאַרק איז זיך צעפאַלן, און ביסלעכווייז האָבן זיך אַריינגעצויגן פאַרשידענע אומ־

באַקאַנטע פּנימער. אַלע האָבן גענומען גיין איבער די יידישע געוועלבן, זוכנדיק עפּעס צו קויפן.

ס׳איז געוואָרן אַ בהלה אין די געוועלבן. נישטאָ קיין באַוולען מער. סחורה פון פראַנץ־יאָזעפס צייטן, איז געוואָרן אַ מציאה. וויפל דו ווילסט, צאָלט מען. און פאַרקויפן מוז מען. יעדער ווייסט שוין, און די „נאַטשאַלניקעס״ גיבן שוין צו פאַרשטיין, אַז — ביי אונדז זענען נישטאָ קיין „לאַוואָטשקעס״ (געוועלבער), אַלץ געהער צו דער מלוכה! און שטילערהייט גיבן זיי צו פאַרשטיין: „אַז וועסט ניט פאַרקויפן, וועט מען עס סיי ווי צונעמען״. און מיט אַ ווונק גיבן זיי צו: „אַז וועסט אַ מאָל עפּעס דאַרפן״...

ביי די גרויסע אָפיצירן איז געלט בלאָטע. גאַנצע פּעק מיט טשער־וואָנצעס, איבערגעבונדענע מיט פרישע באַנדעראָלן, אָנגעפּאַקטע אין הילצערנע „טשעמאָדאַנעס״, טראָגן זיי מיט זיך. די טייערסטע סחורה איז „טשאַסי״ — זייגערלעך. „טשאַסיקי און טשאַסיקי״. זיי גייען שוין אָנגעטון אין זייגערלעך, ביזן עלנבויגן אויף ביידע הענט, און לויפן נאָך נאָך אַלץ פרעגנדיק אויף „טשאַסיקי״. אַלע האַנדלען שוין מיט זייגערלעך. ווער ס׳האָט געהאַט עפּעס אַן אַלטן צוואַק פון אַ זייגער, לייזט געלט. זיי קוקן שוין ניט צי ס׳איז עפּעס דאָ אינעווייניק — אַבי אַ ציפערבלעטל מיט ווייזערס.

ס׳האָבן זיך שוין באַוויזן זייגערלעך מיט אַ בוראַק אינעווייניק. די היגע אוקראַיִנישע „ברידער״ זוכן אויס פּודעלעך פון אַלטע זייגערס, פון די פאַרוואָרפענע מיסטקאַסטנס אין דער היים, פילן זיי אָן מיט אַ שטיק קאַרטאָפל. זיי פאַרקויפן אַ זייגער און אַנטלויפן מיט געלעכטער: „אָפּגענאַרט אַ מאָסקאַל״...

אויב אין דער פרי האָט מען אויסגערעכנט צו נעמען פאַר סחורה אַ רובל פאַר אַ פּוילישן זלאָטי, האָט מען אין אַ שעה אַרום גענומען 10 רובל, און זיי, די אָפיצירן, האָבן מיט שמחה געצאָלט, אַבי גיב נאָר סחורה. דאָס אַלץ נאָר די אָפיצירן; די פּשוטע זעלנער אָבער, קאָלכאָז־ניקעס, ווי זיי האָבן זיך אַליין גערופן, האָבן קוים אויסגעקראַצט פון אַ פאַרבאָרגענער געשענע, צונויפגעקנוילט אין אַ ווינקעלע באַהאַלטן,

אַן אַלט 5 רובל־שטיקל, און זיך געבעטן „עפּעס אַ שטיקל זייגער אַהיים־צושיקן"...

שווער געווען פּאַר פּשוטע אַרבעטער צו פאַרשטיין אַזאַ ריזיקן אונטערשיד צווישן זעלנער און אָפיציר אינעם קאָמוניסטישן פאָטער־לאַנד.

— וואָס איז דאָס כאַפּעניש? — האָט מען געפרעגט די סאָוויעטישע אָפיצערן און זעלנער — איז ביי אייך נישטאָ צו באַקומען אַ העמד, אַ שוך?

— אָ נאַס וסיעוואָ כוואַטיט!... (ביי אונדז איז אַלץ דאָ גענוג) — האָבן זיי געענטפערט.

— נו, און ראָווערן זייגען ביי אייך דאָ?

— אַ קאַק זשע? וואָס דען? גאַנצע זאַוואָדן...

— אַ צרות אָר וואָס יעסט? — האָט אַ ייד אַ חכם, אַ פרעג געטאָן.

— אַ קאַק זשע? כאָט זאַוואַלי... אָ נאַס באָלשיע זאַוואָדי...

יידן האָבן גענומען שמייכלען און זיך אָפּטראָגן, ניט פרעגנדיק מער קיין שאלות.

דערווייל האָט דער הונגער געבושעוועט. אין די צייטן פון שווערע קריזיסן אין פּוילן, האָט אונדזער געגנט ניט שטאַרק געליטן, נאָר פאַר־קערט, געהאַט אַ שטיקל אויפשטייג, צוליב דער נייער אינדוסטרי, וואָס יידן האָבן דאָ אַנטוויקלט, קילימעס, וואָס מען האָט פאַרקויפט איבע[ר] דער גאַנצער מדינה, מיט ריזיקע רווחים. פון צענדליקער שטעט אַרום האָבן מענטשן זיך אַהער איבערגעצויגן, יונג און אַלט, קינדער, זיידעס מיט באָבעס אין ברילן אויף די נעז, זיינען געשטאַנען ביי נאַפּטלאָמפּן, זיך אויסגעלערנט פלעכטן קילימעס און פאַרדינען געלט.

ווינטערצייט האָבן פּויערים אַהיימגענומען וואַרשטאַטן, און געאַר־בעט פאַר ביליקערע פרייזן. אויך האָבן זיך אַנטוויקלט טריקאָטאַזש־פאַבריקלעך. איצט, מיטן קומען פון די סאָוויעטן, איז אַלץ אָפּגעשטאָרבן. קיין נייע אינדוסטרי האָבן זיי ניט געבראַכט און ניט אַנטוויקלט. אַרבע־טער־משפחות הונגערן, און די ניי־געבאַקענע הערשערס, האָבן אַלץ נאָך אין זין צו לויפן איבער די יידישע געוועלבן, זוכנדיק מציאות.

די אונטערוואַקסנדיקע יוגנט, וואָס האָט געהאַט אַ ווילן צו שטודירן, און עס איז פוילן ניט געקענט אויספירן, צוליב די הויכע אָפּצאָלן און אַנטיסעמיטישן קורס אין די הויכשולן, האָבן פאַרוואָרפן דעמאָלט זייערע חלומות און געוואָרן בעלי־מלאכות און געלט־פאַרדינער. איצט, מיטן קומען פון דער „ראַטנמאַכט", האָבן ביי פיל אויפגעוואַכט די חלומות צו לערנען. מיט אייגענע כוחות האָט אַ גרופע יונגע בהורים געפונען אַ געוועזענעם לערער פון אַ גימנאַזיע ערגץ אין פוילן, און געשאַפן אַ קורס אונטערצויאָגן, צו קענען אַריינטרעטן אין מלוכהשער הויכשול. דעם לערער האָט מען אַליין געצאָלט, און מיט אַ ברען זיך געריסן צו דעריאָגן, וואָס מען האָט פאַרלוירן אין פוילן, גלייבנדיק אין אַ מעגלעכ־קייט איצט צו קענען פריי לערנען.

די אַלטע פּאָליטישע חשבונות האָט מען געוואָלט פאַרגעסן און אָנהויבן אַ נייעם חשבון, כדי צו קענען „שפּאַנען אין איינעם צו אַ שע־נערן און בעסערן מאָרגן". ענדע יאָר זיינען טייל אַוועק אין ווייטע שטעט, אָפּגעבן עקזאַמענס אין העכערע שולן און טאַקע זיך געפילט גליקלעך צו קענען פריי לערנען.

דערווייל האָט דער „פּאָליטרוק" (פּאָליטישער אָנפירער) אין דער ערשטער ריי אין זין געהאַט זיך, און די יידישע געוועלבן, וואָס האָבן נאָך ערגעץ געהאַט אַן אייערנעכטיקע מציאה.

קאָרניצקי, דער פּאָליטרוק, האָט גענומען דרשענען קליינשטעטל־דיקע אַנטיסעמיטישע דרשהלעך, פון וואָס די אָרטיקע אַנטיסעמיטישע, איצט אויסבאַהאַלטענע העצערס, האָבן שטאַרק הנאה געהאַט.

די געוועזענע „פּאַראיינען" און געזעלשאַפטן אין שטאָט האָבן אַריינגעלייגט אַ סך מי צווישן דער אָרעמקייט אַריינצוברענגען אַ ביסל קולטור. הונגער אָבער ברעכט אַלע צוריקהאַלטענישן. מיר האָבן אַ „פּאָ־ליטרוק", וואָס דאַרף, לויטן קאָמוניסטישן נוסח, אָנפירן די גאַנצע קולטור־אַרבעט, אָבער ער איז פאַרנומען מיט יונגע „קאָמסאָמאָלצעס", וואָס פירן אים דורך היגטערטירן צו די געוועלבן, וואָס פאַרמאָגן נאָך עפּעס פון „דער באָבעס אוצר". ער קומט מיט אַ שמייכעלע, פון אונ־

טערטעניקער חניפה, מיט אַן אָנצוהעעניש, אַז „סיי ווי וועט מען אַלץ צונעמען".

ס'קומען לעקטאָרן, וואָס לערנען מיט אונדז, ווי מיט קינדער, דעם אלף־בית פון סאָציאַליזם, מיר הערן, שווייגן, זיינען זיי די חכמים... רעפעראַטן, פאַרזאַמלונגען, וויטשעס... אַלע הערן. מען שלינגט אַראָפּ און מען שווייגט. מען רופט — גייט מען, מען הייסט — שטייט מען, מען שרייט — שרייט מען. מען פּליעסקעט: „פּראַווילנאָ!" זאָל זיין פּראַווילנאָ... ווער וועט וואַגן צו זאָגן עפּעס אַנדערש, אָדער זאָגן דעם לעקטאָר, אַז ער ווייסט ניט וואָס ער רעדט?

אין איינעם אַ טאָג זיינען פון טיר צו טיר געקומען די „קאָמסאָמאָל־צעס" אָנזאָגן, אַז אַ זייגער 2 וועט זיין אַ „גרויסע וויטשע" הינטער דער שטאָט, אַלע זאָלן קומען! מילא, וועט מען גיין. ווער וועט וואַגן ניט צו גיין?

ס'זיינען שוין דאָ הונדערטער מענטשן, און ס'האַלט ערשט אין איין קומען פון אַלע זייטן. ס'קומען די אוקראַיִנישע פּויערים פון אַרום אַלע דערפער. דאָרט האָט מען זיי שוין אויך געטריבן פון הויז צו הויז. אַלע קומען מיט פורן, אויסגעפּוצטע אין די נאַציאָנאַלע אוקראַיִנישע טראַכטן, מיט קאָלירטע סטענגעס באַהאַנגען אַרום.

טייל קומען מיט אייגענער מוזיק, פידעלער, צימבלען און אַנדערע כלים. אַלע יום־טובדיק, מיט פריילעכע פּנימער. אויף דער בימה שטייט שוין גרייט ס'גאַנצע פּאַרטייִשע קלאָפּערגעצייג, מיטן סאַמע אַנטיסע־מיטישן „פּאָליטרוק" בראַש, צו העלפן אַלע ווילן זיך דערנענטערן צו דריקן זיין האַנט און געניסן פון זיינעם אַ שמייכל.

אבא פּאַרעך, דער יידישער קאָמוניסט, וואָס איז תמיד געגאַנגען אין צעריסענע הויזן, ווייל ער האָט ניט געוואָלט רייך מאַכן מיט זיין אַרבעט די היגע נגידים, שטייט אויך אַ צעשטראָלטער און קוקט זיין „משיחן" גלייך אין פּנים אַריין. אבא איז דער פּאָפּולערסטער קאָמוניסט, אַפילו צווישן די אוקראַיִנער, ער איז געווען אין די פּוילישע תפיסות מער ווי אויף דער פריי. איצט ברענגט ער פּאַרן צונויפגעזאַמלטן עולם אַ „רעזאָלוציע", וואָס איז שוין געווען פאַרטיק ווער ווייס פון ווען,

אַז: „אינעם נאָמען פון די צונויפגעזאַמלטע טויזנטער מענטשן פון שטאָט און דאָרף, בעטן מיר אונדז אַלע אַרייננצונעמען אינעם שויס פון די זיגרייכע פעלקער פונעם ראַטן־פאַרבאַנד אונטער דער אָנפירונג פון פאָטער פון אַלע פעלקער, דעם ליכטיקן סטאַלין". "הוראַ!" — האָבן אָנגעהויבן שרייען די אָנגעשטעלטע קאַזיאָנע אָנטרייבערס, און אַלע אַרום האָבן נאָכגעשריגן.

אַרום זיינען געשטאַנען אָנגעשטעלט קינאָ־פאָטאָ־אַפּאַראַטן, האָבן אַלץ אויפגעכאַפּט און פאַראייביקט די „פּרייד" פון גאַנצן פאָלק פון ווערן „אויסגעלייזט".

אַ לעקציע אינעם „קינאָזאַל" אויף דער טעמע „מאַרקסיזם־לעניניזם". ניט גיין, הייסט, אַז ביסט אַ שונא, גייט מען. אַלע ווייסן שוין, אַז בעסער ניט אָנהייבן מיט זיי.

מוניע איז געזעסן ביים רעפעראַט מיט אַ מיידל, אַ געוועזענע „שומרת". עפּעס האָבן זיי געכאַפּט אַ שמועס מיט אַ שמייכל. ביים אַהיימגיין, יאָגט אָן מוניען שלמה, דער זעלבער, וואָס מוניע האָט אים געלערנט, ער זאָל אים ניט פאַרשעמען אין שול, און מיט רציחה געשריגן צו מוניען:

— מיינסט, מיר ווייסן ניט? ביסט געזעסן ביי דער לעקציע און געלאַכט! אויסגעלאַכט דעם רעפערענט, און אַזאַ טעמע...

מוניע האָט גאָרניט געענטפערט. „ס'גאַנצע מיסט שווימט שוין פון אויבן" — האָט ער זיך אַ קלער געטאָן.

*

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן גניבות. אַלע האָבן געוווּסט, אַז ס'איז ניט פון נחת, ס'איז גאָרניט אַזאַ פאַרגעניגן אַרומצוגיין הונגעריק גאַנצע טעג, ווערנדיק נאָר געקאָרמעט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק מיט „וויטשעס" אין מיטן שטאָט, אָנגעפירט פון זעלבן „פּאָליטרוק" קאָרניצקי, וואָס שרעקט זיך ניט צו פירן פאַרשטעלטע אַנטיסעמיטישע העצעס, אַזש די

יידישע קאָמוניסטן רויטלען זיך פאַר בושה און ווייטיק און די אוקראַיִנישע אַנטיסעמיטן לאַכן זיי מיט הנאה אין די אויגן אַריין.

ערגעץ האָט מען זיך פאַרקלאָגט וועגן מצב אין שטאָט. דער „פּאָליטרוק״ האָט פאַררופן צו זיך אין „פּאַרטקאַבינעט״ אַלע געוועזענע שטאָטישע קולטור־טוער אויף אַ באַראַטונג. וואָס קען מען טאָן? ווי אַזוי איז עס פריער געווען? מען האָט אים דערציילט פון יידישע קולטור־קרייזן, יידיש טעאַטער, יידישע פאַראייניגן.

— יאָ... קאָניעטשנאָ וועט מען מאַכן טעאַטער... אָבער ניט קיין יידישן טעאַטער... ס׳וועט זיין אַן אַלגעמיינער טעאַטער־קרייז און יידן וועלן דאָרט אויך זיין... און אַז מען וועט אַ מאָל שפּילן טעאַטער, מען וועט האָבן אַ ראָל פון אַ שניידערל, אַ שוסטערל, אַ גנבל... וועמען וועט מען געבן די ראָל, אַז ניט אַ ייד? ווער קען דאָס נאָך בעסער שפּילן ווי אַ יידל?

מיר האָבן זיך אַלע איבערגעקוקט, פאַרשטייענדיק אונדזער גרויסע בראָך, אויף וועלכן פּלאַץ זיי האָבן אונדז אָוועקגעשטעלט.

— איז, הייסט עס, דאָס איז אַלץ, וואָס יידן קענען? — האָט זיך דער שרייבער פון די שורות אויפגעשטעלט, און אַן אויפגערעגטער, גלייך געקוקט דעם סאָוויעטישן „פּאָליטרוק״ אין די אויגן אַריין — און וווּ איז ערגעץ די יידישע אינטעליגענץ? די יידישע פאַבריק־אַרבעטער? און אין דער אינדוסטרי זיינען נישטאָ קיין יידישע אַרבעטער?

— מאָלטשי! — האָט ער זיך צעשריגן — ווער האָט דיר דערלויבט צו רעדן?

ביי חנהלע לאה רחלס אין הויז זיינען געווען 5 זין, און יעדער — אַן אַנפירער פון אַן אַנדערער פאַרטיי. דער ייִנגסטער איז אַ מאָל געווען ביי די קאָמוניסטן, ביז די פּראָצעסן מיט די דערשיסונגען פון די בעסטע סאָוויעטישע אַנפירער האָבן אים געגעבן אַ שטויס צוריק, דעמאָלט האָט ער אָפן דערקלערט, אַז ער גלייבט ניט אין די באַשולדיקונגען און אַז ס׳איז אַ פּשוטע מערדעריי פון סטאַלין און זיינע אונטערלעקערס, איז דער צווייטער זון, מוניע, אַ געוועזענער „פּועלי־ציוניק״, געקומען צו רויזען און שטיל איר איינגערוימט אַ סוד, אַז איר תכשיט מיט זייער

שלמהן וואַלטןביידע געדאַרפט אַנטלויפן קיין רומעניע, ביז מען קען, ווייל ווי ער האָט „ערגעץ״ געהערט, וועט מען זיי ביידן אין גיכן איינזעצן.

— אַנטלויפן? וואָס הייסט מען וועט איינזעצן פאַר אַ וואָרט, געזאָגט מיט יאָרן צוריק, נאָך פאַר זייער קומען צו אונדז?

מיטן „באַפרייען״ אונדז, איז גיך געקומען אַ סאָוויעטישער שטייער־אינספּעקטאָר מיט אַ שטאָב באַאַמטע איינצושטעלן ביי אונדז ס'נייע שטייערן־סיסטעם. אין גיכן האָבן זיי צוגעשטעלט „צעטעלעך״ צו צאָלן אַ יערלעכן שטייער, פון 35 טויזנט רובל. מיר האָבן קיין מאָל פון אַזאַ ציפער ניט געהערט. ס'איז געוואָרן אַ יללה. וואָס טוט מען? — ביז „עמעצער״ האָט זיך מיט „עמעצן״ פאַרשטענדיקט, און יעדער פון אונדז האָט געדאַרפט געבן אַ געוויסע סומע געלט, צו קויפן פאַר „עמעצן״ אַ נייעם ראָווער... קומענדיק אין אַ וואָך אַרום אין שטייערן־אַמט האָט מען ביי יעדן צוגענומען די „צעטעלעך״, אויסגעשטראָכן די טויזנטערס, און ס'איז געבליבן צו צאָלן 3 — 4 הונדערט רובל. נו, קען מען דאָך שוין לעבן...

פלוצעם האָט זיך באַוויזן אַ יידישער אָפיציר מיט אַ רוסישן „נאַטשאַלניק״ וואָס האָבן געקויפט טליתים און תפילין, אַלטע סדרים און ספרים, אָבער אַלץ בשתיקה, קיינער זאָל זיך ניט דערוויסן. דער יידישער אָפיציר קויפט יידישע זאַכן, דער קריסטלעכער קויפט קריסטלעכע, איינגעפּאַקט אין קאַסטנס, פּעקלט מען זיי אַריבער אין סאָוויעטישע לאַסטאויטאָס, אין איינעם מיט מיליטערישע מתנות, וואָס ווערן דאָ איינגעקויפט און געשיקט אין דער „ראַדינאַ״ וואָס איז שוין לאַנג הונגעריק נאָך אַ ביסל רעליגיעזער שפּייז.

אַ שטיקל צייט זיינען די צוויי אָפיצירן אַוועקגענומען געוואָרן און דערנאָך זיך צוריקבאַוויזן, דערציילנדיק, אַז מען האָט זיי געכאַפּט מיט דער „קאָנטראַבאַנדע״. ס'האָט זיי געדראָט יאָרן אין די „וואָספּיטאַטעלניע טרודאָוויע לאַגיעריאַ״ אויף מאַמע־לשון הייסט עס: שווערע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אָבער אויפן סאָציאַליסטיש־סאָוויעטישן לשון הייסט עס „איבערדערציערישע אַרבעטס־לאַגערן״. ס'האָט זיי אָפּגע־

קאָסט אַ שטיקל פֿאַרמעגן, ביז זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו אַ גרויסן נאַטשאַלניק, וואָס נעמט איצט אַ גוטן פּראָצענט, און מיט זיין הילף מאַכט מען איצט גרעסערע געשעפטן.

*

תיכף נאָכן קומען פֿון די סאָוויעטישע פֿאַרשטייערס, האָבן זיי אַרויס־געלאָזט אַן אויפֿרוף צו דער באַפֿעלקערונג אין 3 שפּראַכן: אוקראַיִניש, יידיש און פּויליש. אָבער ס׳צווייטע בלעטל, די קומענדיקע וואָך, איז געווען נאָך אין אוקראַיִניש און פּויליש, און ס׳דריטע — נאָר אין אוקראַיִ־ניש. ס׳האָט אַ קניפּ געטאָן מיט ווייטיק, אָבער זאָגן האָט מען ניט געהאַט וועמען, און חוץ דעם — ווער וועט וואָגן פֿרעגן שאלות?

עפּעס אַ שווערער אָטעם האָט אַ בלאָז געטאָן ביי די ערשטע טריט פֿון קאָרניצקיס פֿאַרזאָרגן אונדז מיט קולטורעלע באַדערפֿענישן. פֿאַר אַלעם איז ער געוואָרן „פּאַניע בראַט" מיט אַלע געוועזענע אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן, און אַפֿילו געוואָרן זייער „הויזפֿריינד". געשמועסט האָט מען אַפֿילו, אַז כאָטש ער האָט ערגעץ אין רוסלאַנד אַ ווייב מיט קינדער, לעבט ער זיך דאָ צו מיט אַ יונגער אוקראַיִנישער מיידל, אַ געוועזענע „סיטשאָווע" פֿון עקסטן נאַציאָנאַליסטישן רעאַקציאָנערן פֿליגל, און ער האָט שוין אַפֿילו באַקומען פֿון איר רייכן פֿאָטער אַ שיין, פֿעט קעלבל, אָפּצושיקן „נאַ ראָזפּלאָד" קיין רוסלאַנד ערגעץ אין אַ „קאָלכאָז". אָבער ער האָט זיך באַקלערט, „דערווייל" אָפּגעקוילעט ס׳קעלבל, עס שטיקער־וויַיז איינגעזאַלצן, און אָפּגעשיקט אַהיים. צו וואָס זאָל ער עס שיקן אין אַ „קאָלכאָז", ווו ער וועט גאָרניט האָבן דערפֿון? אָבער אַ צעשניטנס אויף שטיקלעך, וועט ער עס אַליין, מיט זיין משפּחה דאָרט, אַראָפּשלינגען אָן די סאָוויעטישע שותּפֿים...

פּלוצעם האָט אין שטאָט זיך באַוויזן אַ סאָוויעטיש־יידישע צייטונג, „דער שטערן", אַרויסגעגעבן אין קיִעוו. שווער געווען זיך איינגעוויינען צו זייער אָרטאָגראַפֿיע און צו דעם אינהאַלט אויף זייער שטייגער: פֿון „סטאַכאַנאָווישע" מעשׂיות, שלאָגלערס, „סאָציאַליסטישע געווענטן" און

קאַלכאַזנע גליקן: פון אַ „סוויניע מאַטערי״ אַ סאַוויעטישן חזיר, אַ „שלאַגלערקע״ וואָס האָט געבוירן 15 חזירימלעך. אָבער... עס האָט זיך שוין געבענקט צו דערזען אַ יידיש בלעטל.

קאַרניצקיס פאַרברעכערישע מעשים, אַפילו לויטן סאַוויעטישן „שולחן־ערוך״, האָבן ניט שטאַרק געשמעקט אַפילו זיינע חברים פון דער היים, אָבער אַלע האָבן מורא געהאַט פאַר אים. און מיר, די אומ־דערפאַרענע, האָבן ניט געקענט גלייבן אין צווייערליי געזעצן, איינעם, וואָס איז געשריבן, און דעם אַנדערן, וואָס ס׳ליפערט ס׳טאָגטעגלעכע לעבן. זיין „אויפקלערונג״ וועגן דערלויבן אַ יידישן מיטגליד פון אַ דראַמאַטישן קרייז אויסצופירן די ראָל פון „עפּעס אַ גנבל, אַ שניידערל״ האָט שווער דערנידעריקט אונדזערע געפילן, און אַ בריוו וועגן זיינע „מעשים טובים״ איז אַוועק קיין קיעוו, אין רעדאַקציע פון „שטערן״.

צו באַקומען אַ יידישע צייטונג, האָט מען געמוזט האָבן פּראָטעקציע ביים בריוועטרעגער, וואָס האָט באַקומען די צייטונג, צוגעשטעלט „פּאַ פּלאַנו״ — גאַנצע צען עקזעמפּלאַרן פאַר דער שטאָט, וואָס פלעגט פריִער פאַרקויפן הונדערטער פון אַלערליי יידישע צייטונגען. אין גיכן האָט דער „פּאַליטרוק״ באַוויזן, אַז ער האָט בדעה יאָ עפּעס צו טאָן. אין איינעם א טאָג האָט ער געבראַכט העק און קלעצער אינעם לאָקאַל פון דער ביבליאָ־טעק פון „פּועלי־ציון״, וואָס איז געווען די שענסטע און רייכסטע אין שטאָט. די שליסלען האָט ער שוין געהאַט צוגענומען תיכף נאָכן קומען אין שטאָט אַריין. ער האָט געבראַכט מיט זיך אַ פּאָר קאָמסאָמאָלצעס, אַרויסגעוואָרפן אַלע ביכער אויף דער ערד און באַפוילן זיינע תלמידים האַקן און בראָקן אַלע ביכער, אָן אונטערשיד, זיי אַריינוואַרפן אין אייזערנע פּעסער אין הויף און אונטערצינדן.

און ער, דער סאָוויעטישער פּאָליטרוק קאַרניצקי, איז געשטאַנען אין מיטן הויף, צוקוקנדיק זיך צום אויטאָדאַפע מיט דער זעלבער פרייד, וואָס זיינע היטלערישע „גענאָסן״ האָבן עס געטאָן אין בערלין דעם 10־טן מאַי 1933.

✶

די פרייד פון די קאָמוניסטן, וואָס האָבן ערלעך געגלויבט אין אַן אמתער פאַרבעסערונג, מאַטעריעל ווי גייסטיק, איז גיך אָפּגעשטאָרבן. די געוועזענע טוער פון די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן, זיינען געוואָרן פערזענלעכע פריינד פון די סאָוויעטישע „נאַטשאַלניקעס"; געוועזענע פּוילישע פּאָליציילייט און צוטרעגערלעך, אויף וועלכע ס'האָט געציטערט די הויט, דערהערנדיק אַז די סאָוויעטן קומען, זיינען געוואָרן איינגעגלידערט אויף בעסערע פּאָסטנס, ווי די געוועזענע קרבנות זייערע, וואָס זיינען פון זיי געשלאָגן געוואָרן אין פּוילנס צייט. די סאָוויעטן האָבן באַפוילן, אַז קיינער זאָל ניט וואַגן צו שטראָפן די געוועזענע שונאים.

די חוצפּה פון די געוועזענע פאַשיסטישע „זונדלעך" און פּאָליציי־לייט מיט זייערע אונטערהעצערס, איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן הויך געמאַכט פון די געוועזענע קאָמוניסטן.

— נו? האָסטו עס באַדאַרפט? פריער האָט מען דיך געשלאָגן, גע־שניטן פון דיר שטיקער, און אונדז איז גוט געווען, און איצט איז מיר אַלץ איינס בעסער ווי דיר. איך האָב אַ גוטן פּאָסטן, אַ רויִק לעבן מיט מיין משפּחה, און וואָס האָט איר געוווּנען? געווען דעמלט אויף צרות און איר זענט ווייטער אויף צרות...

די צרות פון דער אָרעמקייט זיינען געוואַקסן. פונעם צענדליק בעקע־רייען, וואָס יעדע איינע האָט זיך פריער געסטאַרעט צו באַקן שענער, בעסער און ביליקער געבעקס, האָט מען איצט געמאַכט איין בעקערײ פאַר דער גאַנצער שטאָט. פון אַלע געוועלבן איז געוואָרן אַ פּאָר קאָ־אָפּעראַטיווע געוועלבן, וואָס האָבן ניט געהאַט וואָס צו פאַרקויפן, און ווען עפּעס איז געקומען, האָט שוין יעדער צוויסן געטאַן זיינע פריינד, און ווי די טיר האָט זיך געעפנט, איז שוין ניט געווען וואָס צו פאַרקויפן.

די סאָוויעטישע „פּריצים" האָבן געעפנט אַ באַזונדערן „קאָאָפּעראַ־טיוו" פאַר זייערע מענטשן און געקומענע „נאַטשאַלסטווע", מיט אַן אייגע־נער בעקערײ. אונדזערע בעקערס האָבן זייער גיך זיך אויסגעלערנט באַקן „סאָוויעטיש ברויט" פאַר דער באַפעלקערונג, דאָס זיינען געווען שוואַרצע, ליימיקע פּלעצל, געמישטע מיט שטרוי און קלייען.

צו באַקומען אַזאַ מציאהדיק ברויט, האָט מען זיך געמוזט שטעלן

פון 2 ביי נאַכט אין „אַטשערעד״ — אַ ניי וואָרט, וואָס מיר האָבן ביז איצט ניט געוווּסט. ס׳ברויט איז געווען זייער ביליק, האָבן פויערים מיט גרויסע משפּחות, פון אַרום, זיך געשטעלט אין די ווייען. יעדן האָט מען געגעבן איין ברויט, האָבן זיי געהאַלטן זייערע איינגעשפּאַנטע פערד־און־וואָגן אין די אַרומיקע געסלעך, געבראַכט די באַקומענע לאַבנס ברויט, צונויפגעלייגט אין די זעק אַריין, און זיך אומגעקערט צוריק, ווידער פאַר־כאַפּן אַן „אַטשערעד״ און נעמען נאָך ברויט. מיטן ברויט האָט מען גע־קאָרמעט די חזירים מיט די בהמות, ווייל ס׳איז געווען ביליקער ווי צו קויפן קאָרמע. און די, וואָס זיינען געקומען אין דער פרי נאָך אַ ברויט, האָבן שוין גאָרניט געפונען, אויספארקויפט...

ס׳איז געוואָרן אַ ווילדע וואַקכאַנאַליע מיט שפּעקולאַציע. ברויט האָט מען געקענט באַקומען ביי די פויערים און ביי די ספּעציעלע „אַטשערעד״־שטייער פאַר הויכע פּרייזן. קאָרניצקי האָט ווייטער געדראָשן זיינע אַנטי־סעמיטישע דרשות, אַז מען זאָל פאַרגעסן אַן הונגער, געדראָט די „שפּע־קולאַנטן״ און אַלץ געמאַכט הויות אויפן אַדרעס פון דער יידישער באַ־פעלקערונג, וואָס כלומרשט נאָר פון זיי שטאַמען די שפּעקולאַנטן, כאָטש באמת איז ער מיט זיינע חברימלעך אַלץ נאָך געלאָפן זוכן מציאות אין געוועזענע יידישע געוועלבן, און אַפילו בגניבה געבראַכט אַהין פאַר־שידענע פּראָדוקטן, פון זייער מאַגאַזין פאַר די סאָוויעטישע מיוחסים, און אויסגעביטן פאַר אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקענט באַקומען, אַהיימצו־שיקן.

אין שטאָט זיינען געווען אַ סך סטאָליערעס, מיט געזונטע הענט און מיט גרויסע משפּחות. פריער האָט יעדער פון זיי געמאַכט „שבת פאַר זיך״. איצט האָט מען געמאַכט אַ סטאָליער־קאָאָפּעראַטיוו, אינעם „שאַלאַש״, אַ גרויסע, אַלטע שיל, ווו מען פלעגט דאַווענען נאָר ראש־השנה און יום־כיפּור און ס׳פלעגן קומען טויזנטער יידן אַהער דאַוונען, אפילו פון אויס־לאַנד. איצט איז אָבער שוין „ווסיאָ נאַשע״ און אין דעם „שאַלאַש״ האָט מען אָרגאַניזירט דעם ערשטן סטאָליער־קאָאָפּעראַטיוו.

זיי האָבן באַקומען געהילץ און באַשטעלונגען צו מאַכן טישן. דער־ביי האָט מען זיי אַנגערייצט איינעם קעגן אַנדערן, צו גיין אין „סאָציאַליס־

טישן געוועט". האָט איינער געמאַכט 3 טישן אַ טאָג, האָט דער אַנדערער געמאַכט 5, דער דריטער 6. אין ווינקל זיינען געווען אויפגעשטעלט גרויסע שילדן מיט נעמען פון די גרעסטע שלאָגלער, סטאַכאַנאָווצעס. זיינען געקומען באַאַמטע, געקוקט אויפן זייגער, וויפל צייט ס'געדויערט צו מאַכן אַ טיש, און אָנגענומען די צייט פון דעם, וואָס מאַכט צום שנעלסטן, פאַר אַ נאָרמע. זיי האָבן אַליין ניט געוווּסט וואָס דאָס מיינט, און געשמייכלט צופרידן, וואָס זייער „נאָרמע" איז אָנערקענט געוואָרן פאַר דער בעסטער. אָבער אין גיכן האָבן זיי דערפילט זייער בראָך, ווען די „נאָרמע"־מאַכערס זיינען געוואָרן די אָנפירערס פון די קאָאָפּעראַטיוון און גענומען פאָדערן די טעגלעכע „נאָרמעס", קוקנדיק אויפן זייגער. אַ „סאָציאַליסטיש געוועט" קען מען אָנהאַלטן אַ טאָג־צוויי, אַרויסזעצנדיק פון זיך די נשמה, אָבער ווי אַ טאָגטעגלעכן אַרבעטסטאָג, האָט עס קיינער ניט געקענט אויסהאַלטן. זייערע אַרבעטס־לוינען זיינען געוואָרן אויס־נוצערישע הונגער־לוינען, אַ שווערע עקספּלואַטאַציע פון די נייע סאָוועטישע בעלי־בתים, ווו שטרייקן האָט מען ניט געטאָרט, אויב מען וויל בלייבן לעבן מיט דער משפחה אין דער היים. דערביי האָט מען זיך גע־מוזט היטן אַרויסצוזאָגן אַ וואָרט פון אומצופרידנקייט, ווייל מען האָט שוין געוווּסט, אַז דער נייער „זאַוויעדושטשי" האָט זיך אַרומגערינגלט מיט צוטראָגערס, און קאָרביצקי דער „פּאָליטרוק" איז זיין רעכטע האַנט. האָט מען אָנגעהויבן קרעכצן און מיט טרויעריקע בליקן געגאַנגען צו דער אַרבעט, ווי אָקסן צו דער שחיטה...

געווען נאָך אַ פּאָר פּריוואַטע בעלי־מלאכות, וואָס זיינען טעגלעך אַלץ אָרעמער געוואָרן, זיי זיינען געלאָפן בעטן מאַטעריאַל צו דער אַרבעט: „מיר זיינען דאָך ראַבאָטשי נאַראָד!" האָבן זיי געטענהט.

— קאַקאָי טי ראַבאָטשי? אין דיין מאַמען אַריין — האָט זיי באַגעגנט אַ געזונטער, אויסגעפּרעסענער באַאַמטער אין מונדיר פון נ.ק.וו.ד. — קוס־טאַרן זענט איר, נישט קיין ראַבאָטשי נאַראָד!

★

יעדער טאָג ברענגט נייע איבערראַשונגען און צרות. צו יחיאל

שניידער איז געקומען אַן אָפיציר און געבראַכט אַ פּאָר הויזן, וואָס ער האָט ערגעץ איינגעהאַנדלט אַ „מציאה", און געבעטן זיי איבערגייען אויף אים, ווייל ער דארף אים עפּעס ברענגען פון מיליטערישן „קאָאָפּע־ראַטיוו". אונדזערע קאָאָפּעראַטיוון זיינען ליידיק און נישטאָ דאָרט וואָס צו קויפן, איז אַ מציאה אויב מען האָט אַ באַקאַנטן אָפיציר, וואָס קען פון צייט צו צייט עפּעס ברענגען פון דאָרט.

דער אָפיציר פון די הויזן איז מיט דער צייט געוואָרן אַן איינגייער צו יחיאל שניידער, כמעט אַן אייגענער. מיר האָבן אַלץ ניט געקענט פאַרשטיין און גלייבן, אַז אַזוי קען זיך פירן אַזאַ גרויסע מלוכה. יחיאלס מוטער האָט איין מאָל איינגעשטעלט אירע „אָכציק יאָר" און אַ פרעג געטאָן דעם אָפיציר:

— זאָג מיר, איך בעט דיך, ווי אַזוי זעט אויס ס׳לעבן ביי אייך?

— וואָס האָסטו שוין צו זאָרגן, מאַמאַשאַ? — האָט ער איר געענט־פערט מיט אַ שמייכל, איצט זענט איר אַלע שוין פאַרזאָרגט און גליק־לעך... יעדער טאָג, וועט ביי אייך זיין אַ יום־טוב... — און זיך אַרומגע־קוקט, צי זיינען נישטאָ קיין פרעמדע אין שטוב, צוגעגעבן: — וועט איר באַקומען אַ ברויט, וועט ביי אייך זיין יום־טוב, אַ האַנטעך, וועט זיין יום־טוב. אַ פּאָר זוילן צו די שיך — גאָר אַ גרויסער יום־טוב.. אָבער — האָט ער מיט צוטרוילעכן שעפּטשען צוגעגעבן — היט אייך צו רעדן אָדער זיך באַקלאָגן!

קאַרניצקי האָט זיך דערוויל אַרומגערינגלט מיט אַלע געוועזענע זינגדלעך פון דער אוקראַינישער רעאַקציע. די יידישע אינטעליגענץ איז אים געוואָרן אַ ביין אין גאָרגל, און ער האָט גענומען אויסנוצן זיינע יידישע נאָכלויפערס, צו פאַראַוואַצירן געשפּרעכן מיט די יידישע אַרבע־טערס. דער בעסטער מאַטעריאַל קעגן יידן איז געווען צו באַשולדיקן זיי אין טראָצקיזם, אָדער ציוניזם.

מיר האָבן שוין געוווּסט פון סטאַלינס גאָונישער „קאָנצעפּציע", ווער ס׳איז אַ נאַציע, און שטיל אין זיך געבענקט צו זיין מענטשן מיט מענטשן גלייך, צו האָבן אַ „ראָדינאַ", וווּ סטאַלינס משרתים דאַרפן ניט אויסשרייבן קיין רעצעפּטן.

וועגן דעם בריוו צו דער יידישער צייטונג „שטערן" אין קיעוו האָט מען לאַנג שוין געהאַט פאַרגעסן, אָבער פּלוצעם איז געקומען אַ דעלעגאַט פון „צענטראַל־קאָמיטעט" פון קיעוו און אַרויסגערופן צו זיך דעם שרייבער פון בריוו. ער האָט אַלץ אויסגעפרעגט און געגעבן אים גערעכט, זאָגנדיק קאָרניצקין, אַז די אַרטיקע מענטשן ווייסן בעסער די אומשטענדן דאָ, און צייטנווייז מעג ער זיך באַראַטן מיט זיי, איידער ער מאַכט ווע־לכע שלעכטע מעשים, און דערנאָך איז דער דעלעגאַט אַוועקגעפאָרן.

צום יאָרטאָג פון סאָוויעטישן אַריינמאַרש אין דער שוין געוואָרענער „זאַפּאַדנע אוקראַינע" איז מען געקומען ביי נאַכט, אַרויסגענומען געוועזענע „קולטור־טוערס" פון שטאָט און זיי אַרעסטירט. (מ'האָט אפילו אַהערגעבראַכט די, וואָס זיינען שוין אַוועק שטודירן אין אַנדערע שטעט.

פאַר טאָג איז פאַרפאָרן אַ גרויסער סאָוויעטישער „זיס"־אויטאָמאָביל, זיי אויסגעזעצט אויפן דעק, איינעם צווישן אַנדערנס פוס, און נאָר איין מאָל פאָרן גאַנצן פיל־שעהעדיקן וועג, זיי דערלויבט איין מאָל צו דער־פילן די נאַטירלעכע באַדערפעניש, און נאָר זיצנדיק אַזוי אין איינעם. האָט מען זיך אונטערגענעצט, און די נייע „קולטור־טאַטעס" זיינען גע־שטאַנען אַרום און געלאַכט פון דער מענטשלעכער דערנידעריקונג.

מיר האָבן זיך געשראָקן פאַר אוקראַיִנישער מערדעריי און רויבעריי, איצט האָבן מיר שוין קיין מורא פאַר די אוקראַיִנישע באַנדיטן פון פּעטליוראַס חדר, איצט האָבן מיר „געזעץ און אָרדענונג" אונטער דער פירונג פון דער „קאָמוניסטישער פּאַרטיי". טייל יידישע משפחות, וועמענס קינדער עס זיינען געווען קליינלעכע נאַכלויפערס נאָך דער פּוילישער פּאָליציי, האָט מען אַרעסטירט און אַוועקגעפירט. נאָך אַ קורצער צייט זיינען אויטאָס פאַרפאָרן פאַר זייערע הייזער מיט מיליטערישע לאַסט־אויטאָס, באַפוילן די משפחות צו נעמען בינטלעך אין די הענט, יעדער נאָר איין בינטל און מ'האָט זיי אַוועקגעפירט. קאָרניצקי האָט צוגענומען די שליסלען פון די הייזער מיט זייערע פאַרמעגנס.

אין די אָונטן זיינען פון די יידישע הייזער אַרויס די אַלערליי „געזעצהיטערס" אונדזערע, טראָגנדיק בינטן פון די גערויבטע יידישע פאַרמעגנס. די אַלטע קאָמוניסטן האָבן עס צוגעקוקט, געוויינט, און

פאַרצווייפלטע, ערשט איצט דערפילט דעם ביטערן יידישן גורל מיט דער רעכטלאָזיקייט פון נייעם, ליגנערישן קאָמוניסטישן געטש און זיינע צוהעלפערס.

ענדלעך זיינען מיר אָנגעקומען. מען פירט אונדז אין לאַנגע שטיינערנע קאָרידאָרן, מיט די הענט אַרונטער, און...

— איר טאָרט ניט קוקן, ניט רעכטס, אָדער לינקס! שטיין ביי דער וואַנט! — און זיי גיבן מיט זייערע רויע אויסגעפרעסענע לאַפּעס, אַ געזונטן דרוק דעם קאָפּ צו דער שטיינערנער וואַנט. מיר זיינען אין אַ קאָרידאָר און מיר שטייען פאַר דער סאָוויעטישער, אויסגעפרעסענער ענקאַוועדע, די סאָוויעטישע געהיים־פּאָליציי מיט דער אַלטער מערדערישער ירושה פון דער געוועזענער געפּעאו און דער נאָך פריערער צאַרישער געהיים־פּאָליציי, וואָס איז אין איר גאַנצער גרויזאַמקייט געווען ליבעראַל פאַרגלייכנדיק זיי מיט די איצטיקע נייע סאָוויעטישע מעטאָדן פון סטאַלין און קאָמפּאַני, ווייל די וועגן, ווי אַזוי אַרויסצוקריגן זיך פון די צאַרישע לאַפּעס, זיינען די איצטיקע הערשערס געווען באַקאַנט, און זיי האָבן געלערנט פון די צאַרישע פעלערן און זיי „אויסגעבעסערט“.

אינעם קעלער דאָ האָט מען אונדז אויסגעטאָן נאַקעט, ווי די מאַמעס האָבן אונדז געבוירן. ס'גאַנצע אָנטועכץ האָט מען איבערגעטאַפּט און איבערגעקערט די טאַשן, איבערקוקנדיק אַלץ, וואָס עמעצער האָט געהאַט. מיט יעדער קלייניקייט האָבן זיי זיך גיריק דערפרייט, אַלץ אַוועקגענומען און געגעבן צעטעלעך מיט נומערן פאַר די צוגענומענע זאַכן. ביים פאַרנעמען מיך, אין דער היים נאָך, האָב איך אַלץ אַרויסגעלייגט פון מיינע טאַשן אויפן טיש, און איצט, ביים דורכזוכן מיינע זאַכן, האָבן זיי גאָרניט געהאַט וואָס צו נעמען אָדער געפינען ביי מיר. ביי מיין גאַנצער פאָרזיכטיקייט, האָב איך אָבער פאַרגעסן אַראָפּצונעמען פון האַנט מיין שיין זייגערל מיטן בראַנזלעט און איצט, שטייענדיק אַ נאַקעטער פאַר מיינע „אדונים“, האָט ס'זייגערל אַ גלאַנץ געטאָן פאַר מיינע אויגן. איך האָב עס געפּרוּווט פאַרבאַהאַלטן, אָבער דער גלאַנץ דערפון האָט מיך פאַרמסרט. איינער פון זיי איז גיך צוגעלאָפן, און אַ פריידיקער, עס אַראָפּגענומען פון מיין האַנט, צולויפנדיק מיט שמחה צו זיינע נאַטשאַלניקעס...

— טשאַסיקי... — האָט ער שמייכלענדיק און אַנטציקט אַ זאָג געטאָן, קוקנדיק מיט פרייד אויפן זייגערל מיינעם, און נאָך אין אונדזערע אויגן האָבן זיי זיך גענומען דינגען, ווער ס׳זאָל עס צונעמען. ביז דער הויפּט־נאַטשאַלניק האָט עס ביי זיי צוגענומען און אַריינגעלייגט עס אין זיין טישקעסטל.

אַלע אונדזערע „געהיימע דאָקומענטן״ זיינען געבליבן ביי זיי, ביי אונדז האָט מען אָפּגעשניטן אַלע מעטאַלענע קנעפּלעך און הויזן־האַלטערס, די לעדערנע פּאַסן און שיך־בענדלעך, אונדז אויסגעשטעלט אין דער ריי, און איבערגעפירט דורכן גרויסן אַרומגעמויערטן הויף צו דער תפיסה, אָבער אין הויף האָבן זיך פּלוצים דערטראָגן צו אונדז קינדערשע קולות. מיר האָבן עס ניט געקענט פאַרשטיין. ערשט דערנאָך זיינען מיר דער־גאַנגען דעם אמת. אין אונטערשטן קעלער פון תפיסה איז געווען אַן אָפּטיילונג פון צענדליקער קינדער, אַרעסטירטע אויף „איבערדערציִען״ זיי אין קאָמוניסטישן „גייסט״.

און אַזוי זיינען מיר געוואָרן דער נייער מאַטעריאַל צום „איבער־דערציִען״ אויפן סאָוויעטישן שטייגער.

ווּעגן און גורלות

אהרן שניידער האָט אַליין געפּאָרעמט זיין וועלט מיט יונגע שטרע־בונגען און מיט בענקעניש צו אַ שענערן און בעסערן לעבן. אין דער אָרעמקייט פון זיין היים האָט ער צייטנווייז באַקומען צו לייענען צייטונ־גען און ביכלעך, וואָס האָבן געצונדן זיין פאַנטאַזיע, און האָבנדיק שוין אַ ווייב מיט 3 קינדער, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ער זיך דערזען, ווי די אָרעמע שניידערס פון זיין שטעטל, אויסגעגאַגט און מיט אויסגעלאָשענע חלומות. האָט ער איבערגעריסן מיט אַלץ, און אַוועק קיין אַמעריקע, איבערלאָזנדיק ווייב און קינדער אויף זייער אייגענעם גורל „דערוויילי", האָפנדיק זיי אַלע אַרויסצונעמען צו זיך, ווען ער וועט שוין זיין אין שטאַנד דאָס צו טאָן.

אין אַמעריקע האָט דאָס גאָלד זיך ניט „געוואַלגערט אין די גאַסן". די פאַרביטערונג איז געוואַקסן אין אים, אָבער ער האָט דאָ געפונען מיליאָנען ווי ער שטרעבנדיקע מיט ערלעכן ברען צו באַגליקן זיך און די גאַנצע וועלט מיט אַ בעסער לעבן. זיין גייסטיקער פירער איז געוואָרן „דער גרויסער באַקונין", דער טאַטע פון די אַנאַרכיסטן.

באַקונינס תורה האָט געצונדן חלומות, אָבער ניט געהאָלפן מיט פרנסה. אהרן האָט געשריבן אַהיים פאַרבענקטע בריוולעך צו זיין משפּחה, אַ מאָל אַריינגעלייגט אַ דאָלאַר, אָבער זיינע פאַנטאַזיעס וועגן אַמעריקע האָבן ביסלעכווייז געגומען ווערן ניכטערער. ער האָט זיך פאַרבענקט נאָך זיין משפּחה, איינגעפּאַקט דריי גרויסע קאַסטנס, און אַוועק צוריק אַהיים, ווייסנדיק איצט, אַז „דאָרט איז גוט, וווּ מיר זיינען נישטאָ".

שכנים האָבן מיט קנאה געזען די טרעגערס אַריינטראָגן די שווערע קאַסטנס, אָבער אין די גרויסע שווערע קאַסטנס האָט אהרן שניידער גע־בראַכט ביכער, וואָס זיינען געוואָרן זיין גאַנצער אַנהאַלט אינעם לעבן.

ער האָט ווידער געגומען „איבערגיצעוועז און איבערנייען" הויזנס פאַר זיינע אָרעמע שכנים, געניייט אין די נעכט, ביים נאַפט־לעמפל, אָפט צונויפגעגנייט ליכטיקערע הויזן מיט טונקעלערע, און יאושדיק געפרעגט: „וואָס איז אַ חילוק?". ער האָט אַליין זיך פאַרנומען מיטן דערציִען זיין עלטסטן זון משהן, צו מאַכן פון אים אַ „פרייען מענטש", און אָפט, אין דער אָנוועזנהייט פון זיינע שכנים, געהייסן זיין זון „אָפּקלאַפּן" אַ קדיש, און געפרייט זיך מיט זיין פקחות, צו הערן רויִק און שמייכלענדיק, זיין לעצטן צעשייד מיט זיין משפחה, וואָס מוז קומען צו אים, דעם אָרעמען שניידער, ווי צו די רייכסטע און גרעסטע... און טיף אין זיך, געפרייט זיך מיט דער מעכטיקער נקמה קעגן די, וואָס האָבן איינגעשטעלט אַזאַ ענגהאַרציקע וועלט...

אַלע יאָרן ביי אהרן שניידער און זיין משפּחה, זיינען געווען אַ קייט פון נויט און הונגער, אָבער אַריינגעבראַכט האָט ער אין זיין הויז די שטרעבונג און די חלומות צו אַ שענערער און בעסערער צוקונפט, צו פאַרשטיין, אַז רעכט פאַר אַ שענער און בעסער לעבן האָבן אַלע מענטשן גלייך, ווי גלייך זיי ווערן געבוירן...

אהרן שניידער איז אין גיכן יונג געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק אַ ווייב מיט דריי קינדער. זיין ירושה איז געבליבן די אַמעריקאַנער ביכער און אַ פינצטערע דערשלאָגענע אָרעמקייט.

משה, זיין עלטסטער זון, האָט זיך נאָך פריִער צוגעכאַפּט צו די ביכער, אויסברייטערנדיק דאָס פעלד פון זיינע חלומות, מיט די אידעאַלאָגיעס פון די שפּעטערע, סאָציאַלע טעאָרעטיקערס. די פעלערן אין זיין אויסבילדונג האָט געהאָלפן אויספילן די ביבליאָטעק ביי די „פועלי־ציון", וואָס איז געווען די רייכסטע אין שטאָט. זיי האָבן אויך אַנטוויקלט „אָונט־קורסן" פאַר אַרבעטערס, אָרגאַניזירט רעפעראַטן פון אייגענע און אַראָפּגעבראַכטע רעפערענטן, אָרגאַניזירט דיסקוסיע־אָוונטן מיט פראַגע־קעסטלעך, ווו יעדער האָט געקענט שטעלן אַ פראַגע און באַקומען אַן ענטפער. אַלץ צוזאַמען האָט געשאַפן אַן ענג געזעלשאַפטלעך לעבן, מיט אַן אינטערעס צו אַלץ, וואָס רינגלט אַרום ס׳מענטשלעכע טאָגטעגלעכע לעבן.

משה האָט געפּילט אַלץ מער די בלויזן אין זיין אויסבילדונג, און געסטאַרעט זיך זיי אויסצופּילן, אויף וויפל ער האָט געקענט, נאָך די לאַנגע און שווערע אַרבעטסטעג, וואָס האָבן געגעבן ס'אָרעמע ברויט אין שטוב אַריין. אָפט, נאָכן איבערלייענען אַ בוך פון פאָטערס ירושה, האָט ער עס פאַרקויפט פאַר ברויט אָדער מעל. אַלע האָבן געוווּסט וועגן דער אָרעמקייט אין שטוב, אָבער קיין גרויסע נגידים האָבן דאָ ניט געוווינט, און יעדער האָט זיך אין זין געהאַט.

✶

מיט דער צייט האָט זיך אַנטוויקלט אַ נייע אינדוסטריע, וואָס האָט געבוירן נגידים איבער נאַכט, אָבער די אָרעמקייט האָט געמוזט נאָך שווערער אַרבעטן. פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן גענומען זייער חלק אינעם לעבן; טייל מיט אַ מעסיקן צוגאַנג צו די טאָגטעגלעכע לעבנס־פּראָגן, אַנדערע מער שניידיק און העצעריש. די רעוואָלוציאָנערן האָבן גערעדט וועגן נקמה און גערופן צו „קעמפן" קעגן דער מאַכט, דערציילנדיק וועגן די צאַרישע סאַטראַפּן און זייערע משרתים, וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן, און די גערעכטיקייט האָט איבערגענומען דאָס גרויסע רוסלאַנד, „פאַרן ווויל פון אַרבעטס־מענטש".

דאָס אַלץ, מיט די גרויטע קאָנטראַסטן אינעם שטאָטישן לעבן, האָט געצונדן, גערופן צו מעשים, געוואָרעמט מיט האָפענונג און געהעצט. אַפילו קינדער פון מיטלשטאַנד האָבן אָנגעהויבן טימפּאַטיזירן מיט די חלומות פון אַ שענערן מאָרגן.

די אַנטיסעמיטישע מעשים פון די פוילישע מאַכטהאָבערס האָבן גע־גאָסן בוימל אויפן פייער מיט די אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען אין די הויכשולן, די פּאָגראָמען, די אָפיציעלע דערלויבענישן צו באַיקאָטירן יידישע געשעפטן, דאָס ניט צולאָזן יידן צו שטודירן לויט זייערע פעיקייטן.

פון דער אַנדערער זייט האָבן גענומען הילכן אין ראַדיאָ די היטלע־רישע מיליטערישע מאַרשן מיט זייערע אַנטיסעמיטישע שמוציקע העצע־רייען. זייערע מערדערישע לאָפּעס זיינען שוין געווען אויסגעשטרעקט

צו פאַרשלונגען פוילן, און די פּאָליאַקן לאַדן איין געריבגן אויף „יאַגד״ אין די ביאַלאָוויעזשער וועלדער. די פּאָליאַקן ליציטירן זיך מיט היטלערן אין אַנטיסעמיטיזם, מיינענדיק צוצושמייכלען זיך צו אים אויפן יידישן חשבון. זיינע באַנדעס חברן זיך מיט די פּוילישע פּאָגראָם־העלדן, בשעת ער פאַרגעסט ניט זיין חשבון וועגן די פּוילישע שלעזישע טעריטאָריעס מיט דאַנציג און די אַנדערע טיילן, וואָס ער פאָדערט.

משה, און טויזנטער ווי ער, האָבן זיך געגערט מיט די חלומות פון „יענער זייט״ — פון סאָוויעטן־לאַנד, וואָס האָט געלאָקט מיט זיין געהיימען כוח. יעדער סאָוויעטישער יום־טוב איז געוואָרן אָנגעצייכנט אין שטאָט מיט אויפגעהאַנגענע רויטע פאָנען, וואָס האָבן גערייצט די פּוילישע פּאָליציי. האָבן זיי אַרעסטירט, געשלאָגן, געמוטשעט און געמשפּט, און אויפן ערשטן פייער איז געגאַנגען משה מיט זיינע חברים. אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק, ווי נאָר עפּעס איז געווען אָדער געדאַרפט זיין, זיינען שוין משה מיט זיינע חברים געווען פאַרשפּאַרט אין תפיסה. צייטנווייז פלעגן קומען סאָוויעטישע פילמען, און געוויזן די נייע „סאָוויעטישע וועגן״ פון „איבערבויען און פּראָדוקטיוויזירן״ די געזעלשאַפט. אַ רעש האָט אָנגעמאַכט זייער פילם „רעפּובליק שקיד״, וואָס האָט געוויזן דאָס איבערדערציען פון היימלאָזע קינדער, און די לידלעך פון „קאַלקאַ דעם קאָנדוקטאָר״ האָבן לאַנג געקלונגען אין די אָרומיקע שטעטלעך. אויך אַנדערע סאָוויעטישע פילמען האָבן געהאָלפן וועקן האָפענונג אין אָרעמע היימען. יעדער פילם איז געווען אַ רוף צו אַ שענערן און בעסערן לעבן, געוואָרן אַ דעמאָנסטראַציע פאַר די סאָוויעטן, וואָס האָט צוגעצויגן מענטשן פון שטאָט און דאָרף, צום פאַרדרוס פון די פּוילישע מאַכטהאָבערס

אויף רויטע שליאכן

איצט, אין 1940, אינעם יאָרטאָג פון דער „אויסלייזונג״, פון שידוך צווישן סטאַלינען און היטלערן, פון „מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ־אָפּמאַך״ צו צעטיילן זיך מיט פּוילן און אויסליפערן היטלערן גאַנץ אייראָפּע צו מאָרד און אומקום, האָט מען משהן מיט זיינע חברים געבראַכט אין דער סטאַ־ליניסטישער תפיסה, באַשולדיקט אין „קאָנטררעוואָלוציע״ און זיי אַריינגעבראַכט אין קאַמער 36.

משה האָט אַ ביטערן שמייכל געטאָן אַריינקומענדיק: אין דער זעלבער צעל איז ער אין פּוילן געזעסן פאַר קאָמוניזם, און איצט, נאָכן פאַרווירקלעכן דעם חלום, געפינט ער זיך ווידער אין דער זעלבער צעל — פאַר „קאָנטררעוואָלוציע״...

איצט האָט משה, מיט בושה און ווייטיק, געגומען דערציילן וועגן „גרויסן געווינס״ פאַרן אַרבעטס־מענטש אין די „נייע סאָוויעטישע באַ־דינגונגען״. ביי די „פאַנעס״, ווי די סאָוויעטן האָבן ליב צו באַצייכענען פּוילן, פלעגן דאָ אין דער צעל זיין 6 בעטן. וואָס זיינען ביי טאָג געווען צוגעשלאָסן צו די ווענט. ס׳עסן איז אויך ניט געווען צו גוט, אָבער ביז 24 שעה האָט מען געדאַרפט שטיין פאַר אַ ריכטער, וואָס האָט גע־מוזט זאָגן, אין וואָס מען איז באַשולדיקט, און ביז צוויי־דריי וואָכן האָט פּאָליציי געמוזט ברענגען פאַרן ריכטער די באַשולדיקונג, אָדער מען איז באַפרייט געוואָרן.

איצט, אונטערן סאָוויעטישן רעזשים, זיינען אַלע קאַמערן „בעסער״ איינגעאָרדנט. נישטאָ מער קיין בעטן, אַלע ליגן אויף דער ערד, איינער מיטן קאָפּ אַהין, דער אַנדערער מיטן קאָפּ אַהער. פּריער זיינען אין אַ צעל געווען 6 מאַן, איצט זיצן דאָ צווישן 35 און 50 מענטשן. דאָ אין ווינקל, שטייט די „שטול״ אָפּגעטיילט מיט אַ קליינעם טירל. דאָס עלעקטרישע ליכט ברענט אַ קיילעכדיקן מעת־לעת, און מיט דער צייט שעמט זיך

קיינער ניט מיט זיין נאַטירלעכן באַדאַרף. איין מאָל אין אַ צוויי טעג גייט דורכן קאָרידאָר דורך אַ סאַניטאַרקע, פרעגט צי מען דאַרף עפּעס, זי קען אַ מאָל געבן אַן אַספּירין, און ווען מען בעט עפּעס אַנדערש, ענט־פערט זי „קולטורנאַ״ אין דער מאַמען אַריין, אויפן רוסישן צוגעפּעפּערטן לשון...

אָפּט הערט איר פון אַ „נאַטשאַלניק״, אַז „ביי אונדז וועסטו לעבן, און קיין ווייב ניט באַדאַרפן״... דאָס איז דער איינציקער אמתער אַנזאָג אין זייער גן־עדן, ווו פון הונגער פאַרלירט מען יעדן געשלעכטלעכן באַדאַרף, און אויב אַ מאָל, שפּעטער אין די אַרבעטס־לאַגערן, קומט אַ רגע צו דער דערוואַכונג פון מין, אַנטוויקלט זיך דער האָמאָסעקסואַליזם, אָנאַניזם און אַנדערע אומנאָרמאַלקייטן, וואָס צעקאַליעטשען ס׳מענטש־לעכע לעבן אויף תמיד.

יעדער מענטש האָט זיין לעבן און זיין אייגענע וועלט. 10 חברים זיינען זיי געווען, דערצויגענע אויף דער יידישער קולטור און נאָך אַ פּאָר קולטורן, וואָס זיינען אויף זיי אַרויפגעצוווּנגען געוואָרן מיט די אַלערליי אָקופּאַציעס פון די פאַרשידענע מאַכטן, וואָס האָבן זיך דאָ אָנגעזעצט אויף די מענטשן נאָכן פאַלן פון דער עסטרייכישער אימפּעריע. אַ צייט זיינען דאָ געווען אוקראַינער, פּלוצים האָבן זיך באַוויזן „אַטאַ־מאַנעס״ אויף אַ פּאָר טעג, איינגעהאַנדלט מיט זייערע פּאַפּירלעך אין די יידישע געוועלבן, וואָס זיי איז געפעלן, געצאָלט „געזעצלעך״, אָבער קויפן עפּעס, האָט איר שוין ניט געהאַט ביי וועמען און וואָס. צום לענגסטן האָבן זיך געהאַלטן די פּאָליאַקן — ביזן סאָוויעטיש־היטלערישן אָפּמאַך אין 1939.

און איצט האָט זיך אָנגעהויבן די וואָגלעניש פון 10 יונגע געזונטע מענטשן, אָפּגעריסענע פון אַלע זייערע טייערע און ליבסטע, זיצנדיק יעדער צווישן די פיס פון זיין חבר, און איבער זיי, מיט געוועהר אין האַנט גרייט צו שיסן — די זין פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי פון „אַרבע־טער און פּויערים״.

שעהען־לאַנג איז מען געפאָרן, און נאָר איין מאָל זיך אָפּגעשטעלט, צו לאָזן זיי דערפילן די מענטשלעכע באַדערפעניש, און ווייטער האָט

יעדער נאָר געמעגט פאָרנדיק דערליידיקן אַלץ זיצנדיק, אונטערגעצנ־דיק איינער דעם אַנדערן, בשעת זיי, די „זין פון אַרבעטער און פויערים", האָבן געלאַכט און חוזק געמאַכט פון דער דערנידעריקונג און פּיין פון די „קאָנטררעוואָלוציאָנערן".

„דאָפּראָסן“

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די „דאָפּראָסן“, ד״ה פאַרהערן. דער ערשטער אַריינפאַר איז געווען: זאָלסט ניט קלערן אונדז אָפּצונאַרן און ליגנס צו האַקן, ווייל מיר ווייסן אַלץ. מיר ווייסן וואָס דו האָסט געטאָן קעגן סאָוויעטסקי סאָיוז, וואָס דו האָסט גערעדט, ווו דו האָסט אָרגאַניזירט רעפּעראַטן און לעקציעס קעגן דער סאָוויעטן־מאַכט... — עפּעס אַזעלכעס האָט מיר קיין מאָל ניט געקענט איינפאַלן, און איך האָב אַליין ניט געוווּסט צו וואָס איך בין פעיִק...

ער שיט און שיט מיט באַשולדיקונגען, ווי פון אַ זאַק אַרויס, און איך הער מיך צו:

— נו? און איצט פּריזנאַיִסיאַ! — זיי זיך מודה, הייסט עס. אַז איך וויל אים עפּעס אויפווייזן, צעשרייט ער זיך: — מאָלטשי. אין דיין מאַמען אַריין! — און פאַרפאַרט גלייך מיטן קולאַק איבערן קאָפּ. — דאָס האָסטו געטאָן און אַזוי האָסטו געטאָן... און דאָ ביסטו געווען און דאָרט ביסטו געווען! — נו! פּריזנאַוואַיִסיאַ! האָסט דאָ גערעדט, האָסט דאָרט גערעדט... האָסט אָרגאַניזירט, האָסט אָנגעפירט...

פּלוצעם האָט ער עפּעס דערזען אין צייטונג, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, זי גענומען, איבערגעלייענט און ווידער זיך אויסגעדרייט צו מיר, אַנידערגעשטעלט אַ בענקל אין מיטן שטוב, אַרויפגעשטעלט זיין פוס אויפן בענקל, גאָר איבערלאָזנדיק פריי אַ שפּיצל פון בענקל.

— זעץ זיך! — האָט ער אויף מיר אַ יעכץ געטאָן מיט אַ פּאָר אָנגעגאָסענע רציחהדיקע אויגן. זיצן איז ניט געווען ווו, האָב איך זיך געזעצט אויף זיין פוס, האָב איך דערפילט אַ קנאַק איבערן קאָפּ, אַז אַ פייער האָט זיך אָנגעצונדן פאַר די אויגן.

— וואָס מיינסטו דיר? אויף מיין פוס וועסטו דיך זעצן?

— ווּ דען זאָל איך זיצן? האָסט דאָך מיך געהייסן זיצן...

— אָט דאָ זיץ! — האָט ער מיר געוויזן אַ שפּיץ פון בענקל, ווּ כ'האָב געקענט זיך בלויז אָנשפּאַרן מיטן אונטערשטן ביין. — ציִ אויס די הענט, די פיס...

איך האָב געפאָלגט, און אין קאָפּ האָבן גענומען שפּילן אַלערליי סטרונעס, פונקען זיינען געפלויגן פאַר די אויגן...

— נו, דערציייל! — האָט ער קוקנדיק אין מיין פּנים מיך גענומען מוטשען...

— וואָס זאָל איך דערציילן? זאָג מיר וואָס דו ווילסט, איך זאָל דיר זאָגן...

— כיטרי... אין דיין מאַמען אַריין... — איז ער שמייכלענדיק נענטער צוגעקומען, בשעת איך בין אַלץ נאָך געזעסן אויפן אונטערשטן ביין, מיט אויסגעצויגענע הענט און פיס, און מיט אַ דריגע מיט זיין פוס האָט ער אָפּערגעקלאַפּט ס'בענקל פון מיר. איך בין געפאַלן צו דער ערד. ווי לאַנג איך בין געלעגן, ווייס איך ניט, ס'גאַנצע לייב איז געוואָרן ווי אָפּגעגאָסן מיט ברענענדיקן נאַסן זאַמד און ווי מיליאַנען מוראַשקעס וואָלטן געקראָכן איבערן לייב.

דעם אויספאָרשערס אַרבעטסשיכט האָט זיך געענדיקט, האָט ער מיך איבערגעגעבן צו אַן אַנדערן, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע פּלאָג. אין מיטן נאַכט שיקט מען צוריק אין צעל אויסצוטרינקען ס'ביסל קאַלט־וואַסערדיקע זופּ אויסגעמישט מיט אַ ביסל מאַמעליגע־מעל, און ס'קלאַפּט שוין ווידער אין פענצטערל אַ וועכטער:

— ווער איז דאָ אויפן אות „פ״? — אַפילו ווען מען מיינט ניט מיך, ציטערן שוין די נערוון.

אַזוי ציִען זיך וואָכן און חדשים. זיי שטעלן צונויף מעשיות, ניט געשטויגן ניט געפלויגן, מוטשען אויס, אַז ס'לעבן ווערט נמאס, און אַלע האָבן איין נוסח: דאַוואַי פּריזנאַוואַטסיאַ. טאָג און נאַכט, וואָכן און חדשים — דער זעלבער פּזמון.

— מיר ווייסן אַלץ, פון אונדז וועסטו דיך ניט אַרויסדריייען, — או נאַס דיעלאָ ניע אידיאָט, ביי אונדז גייען ניט אָן די מעשיות — לאַכן

זיי פון די טרערן און שלאָגן. — מאָסקוואַ סליעזאַם ניע וויעריט! מאָסקווע גלייבט ניט אין טרערן!

עפּעס שמעקט אין דער לופטן... מיר ווייסן גאָרניט. אַלץ וואָס מיר ווייסן, איז פון ביי געקומענע, וואָס קומען יעדן טאָג, אָבער ביז זיי קומען צו אונדז פון די אַלערליי אַרטיקע תּפיסות, זיינען שוין די ידיעות פאַר־עלטערט. יידישע בחורים, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון היטלערישן אונגאַרן, רומעניע, טשעכן, האָט מען צונויפגענומען, און איצט פירט מען קעגן זיי אויספאָרשונגען וועגן שפּיאָנאַזש. צוויי ברידער, אונגאַרישע פון קאשוי, ניט יידן, איינער אַ דאָקטאָר־מעדיצין, דער צווייטער אַן אַרכיטעקט, זיינען אַנטלאָפן פון דאָרט, ווייל זיי זיינען געוועזן קאָמוניסטישע סימפּאַטי־קערס. דער דאָקטאָר איז געקומען מיט זיין פרוי, האָט מען זיי אַלע דריי איינגעזעצט אין תּפיסה, אַלס שפּיאָנען. „אונדז וועסטו ניט גענאַרן, מיר ווייסן אַלץ!" האָט מען זיי געזאָגט, און זיי האָבן געהאַט די זעלבע לעקציע וואָס איך. דער דאָקטאָר, וואָס איז ניט געווען קיין גיבור, איז אין גיכן געשטאָרבן אין תּפיסה, געהייסן האָט ער דאָקטאָר יאַשקאַ, זיין ברודער גייזא יאַשקאַ, דער אַרכיטעקט, האָט אַפילו ניט געוווּסט ווען און ווו ער איז געשטאָרבן, נאָר דערנאָך געוויינט מיט בלוטיקע טרערן, אויף די פאַרשפּילטע שיינע חלומות פון מענטשן מיט ליבע און נאַיוון צוטרוי צו די, וואָס „פאַרווירקלעכן" די חלומות.

✶

ביסלעכווייז געוווינט מען זיך צו צו קלעפּ אויך, און קוים שיקט מען צוריק אין צעל, ניט האָבנדיק געכאַפּט היינט די „פּאָרציע" קלעפּ, ווערט מען עפּעס האַפּערדיק. אפשר ווייסן זיי פאָרט, אַז זיי מוטשען אומזיסט? אפשר... און ס'עפנט זיך אַ תּהום פון „אפשרס"... און דערווייל פליִען טעג, וואָכן, חדשים. דער מוח ווערט טעמפּ. טייל באַקומען פּעקלעך פון דער היים. ערגעץ האָט מען דאָך געהאַט אַ היים. פּאָליאַקן באַקומען, אוקראַי־נער באַקומען, אָבער ניט מיר, יידן, אַפילו ניט איינער. האָט מיין מאַמע מיך פאַרגעסן? קיין מאָל, קיין מאָל איז עס ניט מעגלעך.

ס'אָנטועכץ ווערט פּאַרפּוילט פון די „היץ־אויוונס" וווהין זיי שטופּן אַריין די זאַכן נאָכן באָדן, כדי אויסצוהרגענען די לייז...

יעדער טאָג נאָך מיטאָג איז דער סדר צו הרגענען לייז. וואָס מער מיר הרגענען, מער זיינען זיי דאָ. די זאַכן, וואָס זיי שטופּן אין אויוון אַריין, צום פאַרברענען די לייז, קומען צוריק מיט נאָך מער לעבנדיקע לייז, און מען חכמעט זיך, אַז ס'איז „ראַסן־שאַנדע" — פרעמדע, ניט מיינע לייז. איך האָב אַזעלכע גרויסע לייז ניט געהאַט... דערפאַר אָבער, איז די באָד געוואָרן ס'איינציקע אָרט, וווּ מען שרייבט אויף די ווענט בריוולעך צו חברים. „משה, ווו זיצסטו?" „איך בין אין 42". מען האָט אַריינגעבראַכט אַ ייד פון דייטשלאַנד. ער האָט דאָרט געווױנט אַלע יאָרן, איז ער אַנטלאָפן פון היטלערן קיין פוילן, האָבן אים די סאָוויעטן געכאַפּט אין איינעם מיט זיין ווייב. ער ווייסט אַפילו ניט צי זי איז אויך דאָ. ער האָט צוויי ברידער אין אַמעריקע, אין ניו־יאָרק, ביידע וואַרטן אויף אים מיטן ווייב. זיי הייסן בערגער, ניט קיין אַרעמעלייט, אָבער ער גלייבט אין דייטשלאַנד. ניט מעגלעך, אַז אַזוי זאָל עס בלייבן. „דייטשן זיינען אַ קולטור־פאָלק!" קען ער ניט גלייבן, אַז דער „לומפּ" היטלער זאָל מאַכן לומפּן פון אַלע דייטשן...

עסן גיט מען אין אַלומיניום־שיסעלעך, וואָס גייען אַרום איבער דער גאַנצער תפיסה, איך האָב אויסגעקריצט אויף אַ שיסעלע, אַז בערגער זוכט זיין פרוי, אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געקומען אַן ענטפער, זי איז דאָ, אין צעל 27.

אַלערליי שפּילן האָט מען אויסגעטראַכט און פון די קינדער־יאָרן זיך דערמאָנט. איינער, אַן אוקראַאינישער געוועזענער קאָמוניסט, וועמענס ווייב איז געווען אַ יידישע משומדת, און שוין געווען, גלייך מיט משהן, אַן אַלט־באַקאַנטער דאָ אין דער תפיסה, האָט אויסגעקנאָטן מיט שטיקלעך ברויט, וואָס אַלע האָבן געגעבן ביסנווייז צו שטייער, אַ שטיק טייג, און געמאַכט דערפון אַ שאָך. ס'איז אַ פאַרגעניגן געווען צו זען דאָס קונציקע שטיקל אַרבעט. פון אַ שוואַרצער פאַרברענטער שמאַטע האָט ער גע־מאַכט העלפט שוואַרצע פיגורן און זיי געשטעלט אויפן פענצטער צום

אויסטריקענען. ווען מיר זיינען צוריקגעקומען פון שפּאַציר האָט מען גאָר־ניט געפונען. דער נאַטשאַלניק האָט עס שוין מיט אַ פּאָר טעג פריער באַוואונדערט... ביי וועמען וועסטו פרעגן אָדער מאָנען?

— ווסיאָ נאַשע! אַלץ איז „אונדזערס"...

די פריש געבראַכטע אוקראַינער דערציילן וועגן דעם מאָרדן טויזנטער יידן אויף דער היטלער־זייט. ווער וועט זיי גלייבן? זיי דערציילן עס דאָך מיט אַזאַ פרייד. קען עס מעגלעך זיין צו מאָרדן מענטשן אומזיסט?

אָפט טרעפט זיך אַ נאַטשאַלניק, וואָס צעשמועסט זיך מיט אונדז:

— מירן אייך איבערדערציִען מיט בכבודיקער אַרבעט... וועסט אויס־קויפן דיינע זינד... קענסט דערנאָך ביי אונדז ווערן אַ גוטער בירגער...

— אַ ניע ווידערזשיש — פּאַדאָכניעש! — גיט צו אַ דריטער „מליץ יושר". ד"ה וועסטו ניט אויסהאַלטן, וועסטו פּגרן! און ס'פילט זיך אין זיינע רייד אַ יאָושדיקער ווייטיק פון דער גרויזאַמער ווירקלעכקייט.

אין דרויסן שיט אַ פּוכקע־ווייסער שניי. אַ שיינע וועלט דאָרט, די וועלט, וואָס מענטשן קענען נאָך ניט פּאַרפּאַסקודיען. דאָס אויבערשטע פענצטער ביי אונדז איז אָפן. די מענטשן זיינען דאָ אָנגעפּאַקט, ווי די הערינג אין אַ פּאַס, אַ גליק ס'איז ווינטער איצט. צייטנווייז קומען צו פליִען פייגעלעך צום פענצטער, טרעסן אָפּ די שניי־פלעצער, קוקן זיך אַרום אויף אונדז און אַנטלויפן. זיי זיינען גליקלעכער ווי מיר. זיי זיינען קליינינקע און די סאָוויעטן האָבן נאָך ניט צוגעטראַכט קיין קאָמוניזם פאַר זייערט וועגן.

איך גיי אָפט צו צו די קראַטעס, קוק אין ווייטן הימל אַריין. אפשר וועל איך מיט מיין בליק אַנטקעגנקוקן מיין ליבער מוטערס בליק, וואָס שוועבט ערגעץ אַ פאַרוויינטער, און זוכט אין די הימלען, ביי גאָט, אַן ענטפער אויף אירע ווייען.

כ'דערמאָן זיך דער מאַמעס אַ מעשה. אין דאָרף איז געווען אַ רייכע פויערטע, אָבער זי האָט צו גאָרניט געטויגט אין בעלי־ביתישקייט. איין מאָל איז געווען אַ חגא, ווען דער גלח גייט מיט זיינע צוהעלפערס פון הויז צו הויז און באַקומט געשענקט פאַרשידענע געבעקסן. אַריינקומענ־דיק צו דער פויערטע, וואָס האָט צו גאָרניט געטויגט, האָט זי אים מיט

אַ שמייכל אַנטקעגנגעטראָגן אַ געבאַקענעם פּלאַץ, וואָס איז אָבער געווען צעזעצט, און שטיקערווייז מיט שפּיצן אַרום. דער גלח האָט געגומען ס'ברויט אין האַנט, און קוקנדיק דערויף געשאָקלט מיטן קאָפּ רחמנותדיק.

— וואָס קוקסטו אַזוי, פּאַטערל? — האָט די פּויערטע אַ פרעג געטאָן.

— דער ליבער גאָט האָט געגעבן זיין חלק דער ערד, געלאָזט וואַקסן קערנער, זיי אָפּגעהיט פון שטורעם און ווינטן, אָבער פון שלעכטע הענט האָט ער זיי ניט געקענט אויסהיטן!

מיין טייערע מוטער! פון שטורעם און ווינטן האָט זי מיך אָפּגעהיט, פון מלאך המוות'ס הענט אַזוי פיל מאָל מיך אַרויסגעריסן מיט איר מוטער־לעכער ליבע און אויסהאַלטעוודיקייט, אָבער פון די ביטערע הענט פון שקר, וואָס פאַרשטעלט זיך פאַר אַ משיח, האָט זי מיך ניט געקענט אויס־היטן. ווי גוט וואָלט מיר געווען ווען איך קען איצט ווערן אַ פייגעלע, און קומען צו פליען צו מיין מאַמעס טיר. זאָל זיין, אַז פייגעלעך לעבן קירצער פונעם מענטש, אָבער זיי זיינען פריי פון דער סאָוויעטישער „קולטור" און פון דער היטלערישער „ערוואַכונג"...

מען משפּט ניט און מען באַפרייט ניט... אַריין, זאָגט מען דאָ, זיינען די טירן ברייט צעעפנט, אָבער אַרויס? — ווי אַ לעכל פון אַ נאָדל. שוין איבער אַ יאָר, און גאָרניט. אין איינעם אַ טאָג האָט מען גענומען אויס־רופן געמען אין קאָרידאָר. עפּעס רופט מען צו פיל. מיר הערן עפענען טירן און רופן נעמען.

— עטאַפּ! — האָט אַ זאָג געטאָן דער אַלטער פּוילישער פּאָליציי־קאָמיסאַר לעווינסקי, וואָס זיצט שוין דאָ זינט די סאָוויעטן זיינען גע־קומען, און ער ווייסט שוין אַלע זייערע דרכים. אויך ביי אונדז עפנט מען די טיר, ס'האַרץ נעמט קלאַפּן. הייסט עס, אַלץ פאַרלוירן? נישטאָ קיין וועג אַהיים? טאַטע, מאַמע, ברידער, שוועסטער, קרובים, פריינד? קען עס זיין אַזאַ חורבן?

— ז' וויעשטשאַמי נאַ וויכאָד! מיט די זאַכן אַרויס!

אין קאָרידאָר זיינען שוין געווען אַלע מיינע חברים, מיט וועלכע איך בין אויפגעוואַקסן, אין איינעם געלערנט, געשפּילט זיך, די שענסטע יאָרן פאַרבראַכט.

— משה, דו ביסט עס? שלמה? דאָווטשע? הערש? מוניע?

נאָר איין יאָר סאָוויעטישע „גערעכטיקייט“ איז גענוג געווען ניט צו דערקענען זיך.

עס סאָפּען שווער די וואַגאָנען, אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן, וואָס ווערן ביי נאַכט אַרויסגעפירט דורכן לעמבערגער סחורה־וואָקזאַל, מיר הערן שטימען, געוויינען. אַ געזאַנג פול מיט ייאוש פון אונדזערע וואַגאָנען:

ליודזיע, נאַ נאַס יוזש טשאַס —
סיביר יוזש טשעקאַ נאַס.

— — — —

געקומען אויף אונדז שוין די צייט —
סיביר וואַרט אויף אונדז גרייט.

עטאַפּ

ס׳ציִען זיך לאַנגע 150 וואַגאָנענדיקע עשאַלאָנען פון סחורה־לאַסט־וואַגאָנען, אָנגעשטאָפּט מיט לעבעדיקער סחורה. דער מעכטיקער, גרויסער און געזונטער „פּעדע״ סאָפּעט און ציט אָן זיינע אייזערנע מוסקולן, שפּייט מיט פייערדיקע פונקען, און ווי אַ מאָנסטער, שלעפּט ער אונדז אין ווייטע אומבאַקאַנטע מרחקים, צום צעוואָרפן און פאַרזייען אונדזער געביין, ווי אָן אומבאַקאַנטן זוימען — ווער צום איבערהאַלטן, און ווער צו אומקום, „מי לחיים, ומי למוות״.

אויסגערונענע חלומות, איבערגעהאַקטע האָפענונגען, איבערגעשניטענע קייטן פון לעבן, וואָס האָבן זיך געשלענגלט און באַוויגן פאַרויס מיט אַזוי פיל האָפענונגען פון גליק. איצט איז אַלץ חרוב, רוי, איבערגעאַקערט און געפּאַלמעסט.

מיליאָנען נעבעכדיקע מענטשן און היינטיקע מוראַשקעס שווימען אין אייזערנעם שטראָם פון וואַגאָנען, און ווער ווייס, ווער ס׳וועט אים איבערקומען און אַריבערשווימען, און ווער ס׳וועט אומקומען און צעריבן ווערן.

— כליעבאַ! — ברויט האָט מען געבראַכט. די פאַרזאָרגערס אונדזערע, וואָס האָבן אונדז געבראַכט די באַפרייונג, און אונדז איינגעזעצט אין די תפיסות, האַלטן אונדז ווי די חיות אין די שטייגן, און אויך ווי די חיות אין צירק, אין אייביקן הונגער, און מאָרגן, איבער מאָרגן, וועל׳ן מיר שלעפּן דאָס אומגליקלעכע ראָד פון גרויסן סאָוויעטישן שקר, שלעפּן פון זינקענדיקן תהום, אָדער אַליין איינזינקען.

— ריבאַ, פיש געטריקנטע! — קליינע דינע טרוקענע און ביינערדיקע פישלעך. אַ זשמעניע אויף אַ מענטש. געזאַלצן, לויטער זאַלץ. ווייזט אויס, דאָס האָבן זיי געגנוג. אַ געוועזענער פוילישער פריץ, וואָס פאָרט מיט אונדז, דערציילט, אַז אין דער היים איז ער קראַנק געווען און נאָר

געסאַרט אַלץ עסן, איצט אָבער — גיב וואָס מער! שוואַרץ, קלעפּיק ברויט, האַלב־רויע קאַרטאָפל, געזאַלצענע פיש — נאָר גיב! אַ מאָגן באַקומען. זאָגט ער, אַלץ שלינגט ער אָן מעדיצינען, אָן בויך־ווייטיקן. ווען זיין משפחה וואָלט אים איצט געזען עסן...

די סאָוויעטישע סחורה־וואַגאָנען זיינען פון אינעווייניק אויסגע־בויט אין צוויי שטאָק, אין דער הייך, אויסגעשפרייט פון עק צו עק מיט נאַרעס, און אָנגעפּאַקט מיט מענטשן. ביי די טירן זיינען אויסגעהאַקט פון אונטן פּירקאַנטיקע לעכער, און פון זיי שטעקן אַרויס אין דרויסן אַרויס הילצערנע זשאָלובעס, פאַרן מענטשלעכן באַדאַרף. פוןביידע זייטן, אין דער הייך — צוויי פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך פאַר לופט.

אויף די אויבערשטע „נאַרעס" ליגן די, וואָס זיינען פריער אַהער אַריינגעקומען און פאַרכאַפּט אַ בעסערן פּלאַץ. איצט זיינען מיר שרייפּ־לעך פון דער סאָוויעטישער „סטראַזשעלסטוואָ" וואָס ערגעץ ווו זיצן שוין זייערע האַלב טויטע אויטאָמאַטן און צעוואַרפן דאָס ביסל כוח אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען פון ריזיקן סאָוויעטן־פאַרבאַנד, מיר זייגען איצט דער פרישער מאַטעריאַל צום באַמיסטיקן זייערע „סאָווכאָזן", תפיסות און אומקום־לאַגערן.

די געזאַלצענע פיש טוען זייערס און נאָגן ביי דער נשמה, מען חלשט נאָך אַ טרונק וואַסער, אַריינדערלאַנגט דורך די גראַטעס. ווער ס'איז געזונט, כאַפּט און טרינקט, ווער ניט, בלייבט ביי האַרץ־ברענעניש. ווער ס'כאַפּט, דער האָט. גערעכט איז דער, וואָס האָט כוח, אַ געזונטן קולאַק. פּרעגסטו אויף יושר, ענטפערט מען דיר „פּאַדיכיי טי סיעהאַדניאַ, אַ יאַ זאַווטראַ" — פּגר דו היינט, נאָר איך מאָרגן. יאָ, זיי זיינען שוין פאַרטיקע סאָוויעטישע בירגער, אָן רעליגיע, אָן אַ מאָראַלישן אָנהאַלט, מיט רויען כוח, און אַלע מיטלען זיינען כשר, אַבי צו לעבן.

*

די וואַגאָנען יאָגן טאָג און נאַכט. פון ביידע זייטן פון דרויסן פאַרן יונגע געזונטע „סטרעלקעס" — זעלנער פון נ.ק.וו.ד. — מיט לאַנגע

הילצערנע האַמערס, וואָס דערלאַנגען פוןביידע זייטן וואַגאָן, ביז איבער דער העלפט. יעדע פאָר מינוט, הויבן זיי אָן קנאַקן מיט די האַמערס איבער יעדן ברעטל, פון אויבן ביז אַראָפּ. טאָמער האָט מען אויסגעבראָכן אַ ברעטל, און עפּעס אַ שקלאַף איז נמלט געוואָרן. מיר זיינען נאָך אין אייראָפּעיִשן רוסלאַנד, אוקראַיִנע. דערווייל זיינען מיר לויטער פּוילישע. אַ ביסל אייגענע אַנטיסעמיטן, אָבער ווען זיי זיינען אויף צרות, קענען זיי אויך זיין פריינדלעך און אפילו מענטשלעך.

די באַן האָט זיך ערגעץ אָפּגעשטעלט אין מיטן נאַכט. מיר זיינען שוין צוגעוווינט צום קלאַפּן פון דער באַן, און ס׳שטיל־ווערן האָט אַלעמען איבערגעוועקט. ווי שטענדיק, פאַרפירט מען אונדז אין עפּעס אַ „טופּיק״, אַ זייטיקע סטאַנציע, וווּ קיין מענטשלעך אויג קען גאָרניט זען. זיי וויסן ווי ליב די מענטשן האָבן צו זען די עשאַלאָנען מיט די פאַרמאַכטע טירן. און ווער פון די סאָוויעטישע בירגער ווייסט ניט, אַז דאָ פירט מען שוין אַן אָנגעשטאָפּטן עשאַלאָן מיט קרבנות פאַרן „קאָמוניזם״? איז דען נאָך דאָ ערגעץ אַ שטוב אין רוסלאַנד, וואָס זאָל ניט האָבן געגעבן צושטייער בלוט, פאַרן... „גליקלעכן מאַרגן״ פון די פאַרטייִשע מעדאַלן־טרעגערס?

— גאָטאָוויע נאַ וויכאָד! — פאַלט אַ שטיינערנער קול, ד״ה — גרייט צום אַרויסגאַנג!

פון ביידע זייטן טיר אַ שפּאַליער מיט „סטרעלקעס״ און מיר שפּאַנען אין דער מיט. נאַכט, אַ טייערע, גאָט געבענטשטע לופט מיט גלאַנצנדיקע שטערנדלעך אויפן הימל. צי זעט מיין מוטער איצט אָט דעם (דאָרט) גלאַנצנדיקן שטערן? טויזנטער און טויזנטער שטערן פינקלען איבערן קאָפּ. מיר שפּאַנען אין מיטן שפּאַליער, וואָס טרייבט אונדז אונטער, מיט די שטיקעס אין די פּלייצעס.

— דאַוואַי... גיכער! גערירט זיך! — עמעצער גיט אַ שמועס צו זיין שכן אין דער ריי — ראַזגאָוואָרי! שטיל בלייבן! ניט רעדן! — באַלד וועלן זיי אפשר שרייען „ניט אָטעמען״! די לופט איז דאָך אויך זייערע, די גאַנצע וועלט איז דאָך זייערע.

מיר, די נייע שקלאַפן... זיינען אויך אַ מיטל צו זייער ציל... און וואָסער אויף זייער בלוטיקער מיל. מיר קנעטן מיט אונדזערע פיס טיפע,

געדיכטע פעטע בלאָטעס איבער די שטראָזן. מען הערט נאָר ס׳שלעפּן די פיס פון בלאָטע. מען האָט אונדז געפירט איבער אַ דאָרף אָדער אַ פאַרשטאָט. בלויז אין שאָטן פון די גלאַנצנדיקע שטערן דערקענען מיר שאָטנס פון שטיבלעך. זיכער זיינען מענטשן דאָרט, און אַפילו אויב זיי הערן אונדז פירן, וועלן זיי ניט וואַגן אַרויסצוקוקן. זיי זיינען שוין אַלטע סאָוויעטישע מענטשן, און שוין געוווינט צו דעם. פּלוצעם באַווייזט זיך אַ גרויסע געלע לבנה. זי שפּאַצירט אין דער הייך פּונקט ווי אין דער היים... אַזאַ ווייטע זאַך, ווי אַ חלום. מיר זיינען טעמפּ געוואָרן, באַמערקן מיר אַליין מיט ווייטיק. דער איינציקער חלום דאָ, איז ברויט. צי האָב איך באמת אַ מאָל געהאַט אַ גאַנץ ברויט אויף מיין טיש און געקענט שניידן וויפל איך האָב געוואָלט עסן? צי קען עס מעגלעך זיין נאָך צו דערלעבן צו האָבן אַ גאַנצן לאַבן ברויט, און אויף מיינעם אַ טיש? חלומות! ווער קען עס האָפן צו דערלעבן?

אַ גרויסער הויף. ס׳טאַרטשעט אַ שפּיץ פון אַ קלויסטער צום הימל — ערגעץ האָבן מיר געזען אַ שילדל, און מיר ווייסן שוין, אַז מיר זיינען אין „סטאַראָ־ביעלסק”. ס׳וואַסער דאָ אַווערט ווי פאַרשטונקענע אייער. מיר זיינען אינעם „פּערעסילני לאַגער” — אַ טראַנספּער־לאַגער, ווו אַלע זיצן אַ קורצע צייט, ביז מען שיקט ווייטער. און דער רוסישער „ווייטער” איז פון איין עק וועלט צום צווייטן.

אין קלויסטער

אַ ריזיק גרויסער פּלאַץ איז דאָ אַ מאָל געווען, און אין מיטן — אַ גרויסער קלויסטער מיט קופּאָלן, ווו אַ מאָל זיינען געהאַנגען גלעקער, וואָס האָבן געהילכט און גערופן מענטשן גלויביק צו זיין, עפּעס העכערס ווי אַ חיה, ניט מאָרדן, ניט רויבן, ניט גענאַרן, כאָטש די אייגענע לערערס האָבן אָפט פאַרגעסן זייער פאַרפליכטונג צו גאָט און מענטש, און פון דער „אַמבאָנע" געזייט האַס צו אַנדערע אומשולדיקע מענטשן, וואָס זיינען ניט געגאַנגען אין די פוסטריט פון „זייער קירכע".

די יידן האָבן שווער געליטן פון די קריסטלעכע אָנפירערס, וואָס האָבן געהאָלפן די צאַרישע סאַטראַפּן אין דער שמוציקער אַרבעט פון העצן צו רויב און מאָרד, צו פּאָגראָמען און פאַרגוואַלטיקונגען. זיי האָבן ניט פאַר־שטאַנען, אַז דערמיט העלפן זיי אונטערגראָבן זייער אייגענע עקזיסטענץ און די אמונה, וואָס די רעליגיע האָט מיט אַזוי פיל מי דורך דורות איינ־געפלאַנצט אין פאָלק.

איצט שטייט דער געשענדטער, פאַרוואָרלאָזטער און פאַרשעמטער קלויסטער, אַן אָפּגעקראַכענער פון דרויסן, און אַן אָפּגעקראַצטער, מיט אָפּגעריבענע בילדער אויף די ווענט פון אינעווייניק. דער קלויסטער שטייט אַ שטומער עדות, און שווייגט, הערט, קוקט זיך צו צו מענטשלעכע נבלות, צו וואָס מענטשן קענען זיך דערשלאָגן. אינעווייניק, אויף די אָפּגעריבענע בילדער פון תנ"ך, דערקענסטו נאָך שטיקלעך בילדער פון יחזקאלס נבואה, ווי די ביינער נעמען זיך צונויף, שלעפּן אַרויף אויף זיך די הויטן, און קומען מיט אַ נייעם אָטעם צו אַ נייעם לעבן...

אַרום די ווענט, ביז אין מיטן, זיינען איצט אויפגעשטעלט שטאָקן מיט נאַרעס מיט געפלאָכטענע אַרום פּריטשעס, מיט לייטערס אַרויפצוגיין ביזן העכסטן שטאָק, צו די שפּיצן פון די קופּאָלן. און דאָרט, גאַנץ אויבן, ווו ס'מאָלן זיך די שטערן מיט דער גרעסטער נאַטירלעכער שיינקייט,

ליגן, ווי די ווערעם און ראַטן, ווי מייז און קנאַפּערס, ווי דער ערדס נישטיקסטע קריכערס, די סאָוויעטישע פאַרשפּאַרטע און דערנידעריקטע „קאַדרען פאַר דער רעוואָלוציע״, אָדער ס׳מיסט אויף די וועגן און די ביינער אונטער די פונדאַמענטן פון די סאָוויעטישע „פּאַסטראָיקעס״ — טויזנטער און טויזנטער מענטשן. אַלע ראַיען ווי אין די בינשטאָקן, זוכנ־דיק אַ שטיקל ברויט, נאָך אַ ביסן צום שטילן דעם הונגער.

די גאַנצע מענטשלעכע אינטעליגענץ און דערפינדערישקייט אַרבעט נאָר פאַר נאָך אַ ביסן ברויט. איינער האָט נאָך אַ זאַק, נעמט ער אים אַראָפּ פון פוס, טרעפּקעט ער אויס פעדעם, מאַכט קיילעכדיקע רינגעלעך, און פאַרקויפט פאַר אַ שטיקל ברויט, אָדער אַ ציגייער; אַן אַנדערער איז געוואָרן אַ ספּעציאַליסט צו מאַכן נאָדלען פון די בעסערע פישביינער, וואָס מען גיט אין דער שטינקענדיקער „באַלאַנדע״ אַ שעפּלעפל צוויי מאָל אַ טאָג; אַ דריטער גייט אַרום מיט שפּיזיקע אייגעלעך, קוקט איבער די „נאַוויטשקי״, די נייע, וואָס זיינען נאָך ניט באַהאַוונט אין די היגע פאַרהעלטענישן. דערזעט ער אַ זאַך, וואָס מען קען אויסבייטן פאַר אַ שטיקל ברויט ביים נאַטשאַלניק, זיי זיכער, ער וועט עס שוין באַקומען פון דיר, מיט גוטן, צי מיט בייזן, מיט קלעפּ צי דורך גניבה. ער וועט עס שוין באַקומען.

ווו זעצן זיי אָפּ אַלע גניבות? ווו קענען זיי אָפּזעצן, אויב ניט ביי די „פרייע״ נאַטשאַלניקעס, וואָס פאַרמאָגן אַן איבעריק שטיקל ברויט, צוגעגנבעט ביי די מיליאָנען אומגליקלעכע איינגעשפּאַרטע, וואָס ווערן באַגנבעט טעגלעך? אין תפיסה אַריין האָט מיר מיין מוטער געשיקט אַנטועכץ, ניט פאַרפרוירן צו ווערן. די זאַכן האָבן מיר אַלע געשלעפּט פון די היימען, אין זעק אויף די פּלייצעס, און נעכט ניט געשלאָפן, צוליב די גנבים, וואָס פלעגן אויפשניידן די זעק צוקאָפּנס און אַלץ אַרויס־שלעפּן. ווי לאַנג דער וועג האָט געדויערט, זיינען די זעק אַלץ לייכטער געוואָרן. איין סוועטער מיינעם האָב איך פּלוצעם דערזען אָנגעטאָן אויף אַ נאַטשאַלניק פון דער „אָכראַנע״, די וואָס היטן אונדז. אפשר וועל איך זיי דאָך אַ מאָל איבערלעבן און דערלעבן צו דערציילן דעם שקר פון דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע.

*

דער קלויסטער איז איינגעטיילט אין 10 אָדער 12 שטאָק אין דער הייך, און יעדע 15 מינוט גייט אַן אַנדערער שטאָק שפּאַצירן אין הויף, ניט צו לאָזן די לונגען פוילן. זיי וועלן זיי נאָך באַדאַרפן צו בויען דעם סאָציאַליזם.

אַרום קלויסטער זיינען שוין אויפגעשטעלט באַראַקן מיט פּאַרקראַ־טעוועטע פענצטערס. נייע באַראַקלעך, זעט מען, נאָך געל און פריש ס׳געהילץ. מיר, פון אונדזער וואַגאָן, מיט נאָך אַ ביסל אַנדערע מענטשן, זיינען מיר אין איין באַראַק. די פּוילישע מיוחסים האָבן באמת געדאַרפט די סאָוויעטישע לעקציע, צו דערמאָנען זיי אַ ביסל מענטשלעכקייט.

איצט ווייסן זיי, וואָס ס׳הייסט אָנערקענען אַן אַנדערן. איצט דער־מאָנען זיי זיך אַפילו, אַז ווען ניט די יידישע רעליגיע, וואָלטן זיי ניט געהאַט קיין קריסטנטום, מיט אַלע זייערע מאָראַלישע געזעצן.

די פּאָליאַקן זיצן אַלע אין איינעם, אין איין ווינקל. די אוקראַאינער — אין אַנדערן, און יידן — אין אַ דריטן. וועג ס׳גייען אַן די געבעטן ביי איין גרופּע, מוז זיין שטיל, און קיינער טאָר דעמאָלט ניט גיין אויף דער „פּאַראַשע". דאָס איז אַ מין טאָלעראַנץ־אָפּמאַך צווישן אַלע דריי גרופּן: דרך־ארץ פאַר יענעמס אמונה. יעדן טאָג עפנט זיך די טיר, שטייען וועכטערס אין הויף און הייסן אַרומגיין. די זון קוקט זיך צו אַ גלייכגילטיקע, שיינט, ווי ניט זי מיינט מען. מיר שליגגען יעדן שטראַל. אַ זון, גלייך ווי אין דער היים, אַ וואַרעמע, נאָר דאַכט זיך, זי איז אַ ביסל ווייטער ווי אין דער היים. אין הויף איז אויסגעשיט געל זאַמד, ערגעץ אויפן האָריזאָנט זעען זיך ביימער, ס׳צוויטשערן פייגל... אַ וועלט איז אַ וועלט, זי גייט ניט אונטער אַן אונדז. נאָר אונדזער וועלט איז אַ פאַר־קראַטעוועטע, אַ צעשניטענע מיט שטיקער אייזן. אַפּאַטיע, שטילשווייגן. ערגעץ גיט זיך אַ ציטער אַ מחשבה, אַ זכר פון אַ היים, אַ מאַמע מיט אַזוי פיל מענטשלעכקייט צו אַלע... ווי האָט דאָס געקענט זיין? און איז דאָס באמת געווען?

אַ פּליעסק אין די הענט: „אַריינגיין"! שטומע, מיט אַראָפּגעבויגענע

קעפּ, גייט מען אַריין. ווידער נעבן דער שטינקענדיקער פּאַראַשע.

מיר קוקן אַרויס דורכן פענצטער. אַ גאַנצע בריגאַדע קאַליקעס, מיט שטיקלעך הילצערנע פיס, מיט אַ שמאַטע אַרום קאָפּ, איינער אָן אַ האַנט, מיט אַ צוגעבונדענעם בעזעם צום שטיקל האַנטביין. אַרום זיי דרייט זיך אַרום אַן אַלטיטשקער מיט לאַנגע וואַנצעס אַלאַ שעווטשענקאָ. ער ווייזט זיי אָן ווו צו רייניקן, ווו צונויפצושפּאַרן ס'מיסט, און דווקא אַט די קאַליקעס זיינען יונגע, מיט אויסגעפּרעסענע פּיסקעס.

— פון וואַנען נעמען זיך אַזוי פיל קאַליקעס? און לויטער יונגע?

אויף דער נשמה ווערט אַזוי שווער. די גרופּע טראַנסילוואַניער יידישע יינגלעך זיצן און שטייען אַרום פענצטער אין אונדזער ווינקל, קוקן צום הימל — אַ לויטערער, אַ ליכטיקער.

— השמים שמים לה׳ והארץ נתן לבני אדם — זינגט איינער.

— חנינו, ה׳, חנינו, כי רב שבענו בוז — הערט זיך אַן אַנדערער.

— ומפני חטאינו גלינו מארצינו — כאַפּן אַלע אונטער.

— השיבנו ה׳ אלך ונשובה, חדש ימינו כקדם...

אַלע זיינען מיר מער נישטאָ דאָ. ערגעץ האָבן מיר זיך אויסגעשיילט פון די גופים. מיר אַלע טוליען זיך שוין אין איינעם אַזוי האַרציק. ווער פילט און פאַרשטייט עס איצט מער ווי מיר?

פּלוצעם — אַ קנאַק, עפּעס ווי אַ שטיין דורכן אויבערלופט. צו אונדז. אַ פּייקע ברויט! איז עס מעגלעך? ווער קען עס זיין? אין דרויסן זעט מען קיינעם, חוץ דעם אַלטן רוס מיט די לאַנגע וואַנצעס, דער אויפ־זעער איבער די קאַליקעס.

מיר האָבן זיך איינגעטיילט מיטן ברויט, געשלונגען און זיך ניט געקענט גלייבן. ברויט? ווער פאַרמאָגט דאָס? ווער קען אַזוינס געבן? אָבער מיר האָבן עס דאָך געגעסן, פון הימל איז עס ניט געקומען.

דעם אַנדערן טאָג, בשעת אונדזער שפּאַציר אין הויף, איז צו אונדזער ביגטל יידן צוגעקומען דער „רוס" מיט די שעווטשענקאָ־וואַנצעס. פּאַוואָליע, צונויפנעמענדיק די בעזעמס, און קערנדיק אַ פון ערגעץ אַנגעפלויגן בלעטל, אַז „נאַטשאַלסטוואָ" זאָל ניט באַמערקן, און מיט פאַר־טרערטע אויגן, שטיל אונדז אַ זאָג געטאָן: „שלום עליכם, יידן! פון

וואַנען ?״ און אַלץ אַראָפּקוקנדיק אויף דער ערד און שאַרנדיק ס׳בלעטל: „איך בין פון אוקראַינע... סטאַטיאַ 54... אפשר וועל איך נאָך דערלעבן אַרויס פון זייערע הענט... מיין טאַטע איז געווען אַן ערלעכער ייד, פלעגט מיך מיטנעמען שבת און יום־טוב אין בית־מדרש. אייער געזאַנג נעכטן האָט מיך געשניטן ביים האַרץ... טייערע יידישע ניגונים... אַלץ ביי אונדז צוגענומען... נאָר ניט די נשמה״...

— בכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו... והקב״ה מצילנו מידם — האָט זיך עמעצער אָנגערופן.

— יאָ, יאָ! און ער וועט אונדז אויך מציל זיין. האָט ער אַ זאָג געטאָן, און גענומען גיכער קערן ס׳בלעטל אויף דער ערד, אָוועקגייענדיק מיט אַ זאָג צו דער ערד: „מען קוקט שוין״!

ביז אַהער זיינען מיר געווען לויטער פּוילישע, דאָ אָבער קענען מיר שוין זען די „נייע פּרוכטן״ פון סאָוויעטישן פּאַרזיי. יוגנט, אַ ים מיט יוגנט. פאַראַן אויך אַ ביסל מיטליעריקע. אָפּט נעמען זיך די מיטל־יעריקע צונויף און פירן אַ רויקן חברישן שמועס. דערמאָנען היימען, צעבראָכענע חלומות. מענטשן, ווי מיר אַלע. זכרונות, חלומות, פרויען, קינדער, טאַטע־מאַמע, פריינד, אַ היים, אַן אייגענע וואַרעמע נעסט. און דערנאָך נעמען זיך פלעכטן פּאַעטישע שאַפונגען. פּושקין איז דער באַ־ליבטסטער, לערמאָנטאָוו, אַ ים מיט טראַדיציע, פאָלקס־שאַפונגען, געזאַנגען. און אַרומקוקנדיק זיך אויף דערווירקלעכקייט אַרום... די נייע ווירקלעכקייט!

אומערו יאַ, אומערו,
פּאָכאָראָניאַט מעניאַ.
אַ ניקטאָ ניע אוזנאַיעט
גדיע מאָגילאַ מאָיאַ.

אַ ניקטאָ ניע אוזנאַיעט,
אַ ניקטאָ ניע פּרידיאָט,
טאָלקאַ ראַניעיו וועסנאָיו
סאָלאָוועי פּריפּאָיאָט.

— — — —

איך וועל שטאַרבן, שטאַרבן,
וועט מען מיך באַגראָבן.
און קיינער וועט זיך ניט דערוויסן,
וו: דער קבר איז מיין.

און קיינער וועט זיך ניט דערוויסן
און קיינער וועט ניט קומען,
נאָר אין פריען פרילינג
וועט דער סאָלאָוויי צוזינגען.

יעדעס פאָלק דערציילט זיין געשיכטע מיטן פשוטן פאָלקסוואָרט, וואָס האָט אַ ים מיט שיינקייט און אַ תהום פוןווירקלעכקייט. און דאָס רוסישע פאָלקסליד, פול קאָלאָריט פון דער רייכער, שיינער גרויסער אַרומיקער וועלט, מיט אַלערליי מענטשלעכע פילונגען און שיינקייטן, געקניפּט און געפלאָכטן מיט עשירות פון מענטשלעכע טרוימען און דורכ־פאַלן, שאַלט אַרויס צו דער וועלט דאָס עשירות פון גאָט־געבענטשטן אַרום.

שטייען איצט די נעכטיקע בעלי־חלומות מיט אויסגערונענע האָפע־נונגען, קוקן צום פאַרדאַרבענעם דור יונגע אַרום זיך, און פרעגן זיך: „מיט וואָס זיינען אַוועק די ליכטיקע, האָפענונגפולע חלומות פון יענעם סאָוויעטישן מענטש? וואָס איז געשען? ווער האָט אַלץ חרוב געמאַכט? וואָס האָט מען געוווּנען פון דער ענדערונגען פון אַ שוואַרצן צאַר אויף אַ רויטן, אַ מער אַכזריותדיקן? וואָס האָט געוווּנען דער פויער? דער אַרבעטער? זיינען דאָך איצט דאָ מער אויסניצערס, ווי ביים צאַר. קלערן מעג מען נאָך, אָבער זאָגן עס? „איידער זאָגסט אַרויס ס׳וואָרט, איז עס דיינס, נאָכן אַרויסזאָגן — איז אַלץ פאַרפאַלן”. און מעג מען דען מיט עמעצן רעדן וואָס מען קלערט? אַז פאַר אַ שטיקל ברויט קויפן זיי דיינע אייגענע קינדער. פון וויגל נעמען זיי דיר זיי אַוועק אין „יאַסליע”, דערנאָך אין „קאָמסאָמאָל”... און גייסטו ניט אין זייער שפּאַן, טריט ביי טריט, קענסטו קיין מאָל צו גאָרניט קומען. גיין אין זייער שפּאַן, הייסט

אונטערהערן טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברודער, אַלע, אַלע, וואָס קענען רעדן. און „קענסט קיין מאָל ניט וויסן ווו דער שונא פון דער „ראָדינאַ" באַהאַלט זיך אויס"!

דערציילסטו דיינע דערציִער אַלץ וועגן דיינע נאָענטסטע, זיי שיילן אויס וואָס זיי דאַרפן, כדי זיך אַליין אויפצוהויבן העכער אין דער „פּאַר־טייִשער היעראַרכיע". זיי „העלפן" דער פּאַרטיי. און ווערסטו אַ „פּאַרטיי־קאַנדידאַט", וועט מען שוין דערציילן פון דיינע פאַרדינסטן ביים „אויפ־דעקן פאַררעטער פון דער „ראָדינאַ", וועסטו שטייגן העכער און העכער אויף דער פּאַרטייִשער לייטער, וועסט וואַקסן מיט דיינע גרויזאַמקייטן, וועסט ווערן אַלץ מעכטיקער און מעכטיקער, און אפשר אַפילו קומען צו די העכסטע שפּיצן...

וואָגל און ווײ

דער וואָגל גײט װײַטער אָן. מיר זײַנען װידער אַנגעפּאַקט אין וואַגאָנען, מען קלאַפּט װידער יעדע פּאָר מינוט מיטן האַמער איבער די ברעטער, און די רעדער זינגען ס'אַלטע ליד פֿון די צאַרישע און הײַנט סאָוויעטישע צײַטן — פֿון אַרויסגעריסענע פּרוכטן, פֿון אָפּגעבראָכענע צווײַגן און חרובֿע הײמען מיט מיליאָנען משפּחות, קרבנות פֿון סאָוויעטישן מולך.

ניע דליאַ מעניאַ צוויעטוט צוויעטי,
ניע דליאַ מעניאַ דאָן ראַזאָליאַטסיאַ,
אַ דיעוואַ ס'טשאַרנימי בראָוויאַמי, אָנאַ,
אָנאַ ראַסטיאָט ניע דליאַ מעניאַ.

אַ דליאַ מעניאַ נאַראָדני סוד
אי סודיאַט סראָקאָם 10 ליעט סיודאַ,
וועדיאָט קאָנוואָי מעניאַ זשעסטאָקי,
אַ סליאָזי ליוטסאַ קאַק וואָדאַ.

— — — —

ניט פֿאַר מיר ס'בליען בלומען
ניט פֿאַר מיר צעגיסט זיך דער דאָן,
און ס'מײדל מיט די שײנע ברעמען, זי,
זי וואַקסט אויס ניט פֿאַר מיר.

און פֿאַר מיר — דאָס פֿאָלקסגעריכט,
און משפּט אויף 10 יאָר אַהער,
פֿירט אַ גרויזאַמער שומר מיך,
און טרערן גיסן זיך, ווי וואַסער.

ס׳איז אַן אַלט לידל פון די צאַרישע צייטן. דאָרט דערציילט זיך עס וועגן פאַרמשפטן אויף דריי יאָר, אָבער ביי די רויטע „פּראָגרעסיווע״ ריכטערס, ווו אַ מענטשלעך לעבן איז גלייך ווי פון אַ מוראַשקע, איז 10 יאָר אַ קליינער „סראָק״, און די אומגליקלעכע חכמען זיך: „איז וואָסזשע? 10 מאָל קאַרטאָפל פון פעלד צונויפנעמען, און גייסט אַהיים״. וויפל מאָל לעבט אַ מענטש?

און ס׳ציט זיך די אייזערנע שלאַנג, אַ שווער סאָפּענדיקע, איבער די רחבותדיקע רוסישע מרחקים. פעלדער, וועלדער, דערפער מיט איינגע־בראָכענע שטרויענע דעכער, אונטערגעשפּאַרטע ווענט, וואָס ווילן זיך שוין לייגן, שטעלט מען אונטער אַ דראָנג, און האַלט נאָך, ברודערקע! דאָס זיינען די „גלעזערנע הייזער״, וועגן וועלכע מיר האָבן געלייענט אין פּוילן, אין די אומלעגאַלע קאָמוניסטישע צייטונגען! איצט זעען מיר זיי מיט שטרויענע דעכער און צעפוילטע הילצערנע ווענטלעך, מיט שטומע, חרובע מענטשלעכע לעבנס...

שטעטלעך, דורך וועלכע מען יאָגט אונדז נאָר דורך, אָבער דער טרויער און נאָכגעלאָזנקייט, די וואַטענע בושלאַטן מיט פאַרשמאָלצע־וועטע הויזנס, באַדעקטע מיט טויזנטער לאַטעס פון אַלע קאָלירן, דער־ציילן אַלץ.

גרויסע שטעט: הייזער אַלטע, שטיינערנע און באַלופּעטע, פאַר־רויכערטע ווענט. די זון גיט איר שיין און שיינקייט, זי קען אָבער ניט אויפמונטערן די הערצער. ס׳לויפן דורך פאַר די אויגן קלויסטערס מיט אויסגעשלאָגענע אויגן־לעכער, ליידיקע קופּאָלן מיט אַלטע ברעטער פאַר־קלאַפּטע, ווי אַוועקגעשטעלט פאַר שפּעטערע, בעסערע צייטן. מיט אָפּגע־ריבענע, נאָכגעלאָזטע און פאַרפינצטערטע ווענט.

✶

די באַן ציט זיך איבער די ווייטע שטחים, פייפט און סאָפּעט, און דערציילט די נאָכקומענדיקע מענטשן, וועגן אָנגעפּילטע, פאַרנדיקע תפּי־סות, עטאַפּן... טויזנטער, מיליאָנען פּויערים און אַרבעטערס, געלערנטע און וויסנשאַפטלערס, צעשיט און צעוואָרפן איבער דער לענג און ברייט

פון קאָמוניסטישן לאַנד, געמשפּטעטע און ניט געמשפּטעטע, פאַר ניט גע־שטויגענע און ניט געפלויגענע זינד, מיט אונטערגעשטעלטע עדות פון נ.ק.וו.ד., געטריבענע, פאַרשפּאַרטע, הונגעריקע, וואָגלענדיקע איבער בערג און טאָלן, פון הייסן מזרח ביזן געפרוירענעם צפון, ביז די „נאָוואָסיביר־סקער אינדזלען״ אויפן אייז־ים. טויזנטער, מיליאָנען, פאַרמוטשעטע און אָפּגעשפּעטע, דערדריקטע מיט צוגערויבטע מענטשלעכע חלומות, אויס־געביטענע פאַר אַ שטיק ברויט, פאַרשיקטע צו אומקום, פאַר קיין מאָל ניט באַגאַנגענע זינד.

ניט קיינער וועט אונדז ניט באַפרייען,
ניט גאָט אַליין און ניט קיין העלד.

אַ כישופדיק ליד פאַר אָפּגענאַרטע, גלויבנדיקע, וואָס האָבן מיט דעם (ליד פון „אינטערנאַציאָנאַל״ געשפּאַנט קעגן פּאָליציייִשע לופּעס, פאַר זייער גלויבן, וואָס ווערט דאָ אַזוי געטראָטן מיט די פיס, אויסגעלאַכט און אָפּגעשפּאָט.

באמת אינטערנאַציאָנאַל זייִנען דאָ די שקלאַפן. איך ווייס ניט, צי איז ערגעץ דאָ אַ נאַציע, וואָס האָט ניט דאָ אירע קרבנות, און פאַר דער צייט אומגעקומענע, אָפּגענאַרטע, אויסגענאָגטע און פאַרצווייפלטע.

אויב עמעצער קען זאָגן, אַז „גאָט איז געשטאָרבן״, איז עס ניט ביי די דאָ לעבנדיקע שקלאַפן און אומגליקלעכע, וואָס זייער איינציקער אָנהאַלט אין לעבן, איז די אמונה. טייל זאָגן עס אָפן און קלאָר, (אָן מורא, ווייל זיי האָבן שוין ניט וואָס אָנצווווערן, און אַנדערע באַהאַלטן עס אויס און זייִנען מתפּלל אין געהיים, מיט הייסער מענטשלעכער תפילה, צום איינציקן, מעכטיקן, וואָס קען זיי דערלייזן און באַפרייען, פון זייער גרויזאַמען אומקום.

דאָ, ביים שד אין פּיסק, אַנטוויקלען זיך פאַרשידענע גלויבנס און אָבערגלויבנס, וואָס זייִנען דער איינציקער אָנהאַלט אין דעם ווילן איבער־צולעבן, און וואָס מער מען רייסט זיי פון רעליגיע, אַרבעטן די אומ־מענטשלעכע באַדינגונגען אינעם רויבערישן „סאָציאַליזם״ פאַר רעליגיע. אויב „גאָט איז געשטאָרבן״, איז עס נאָר ביי די פרייע זאַטע, וועמענס

טאָגטעגלעך לעבן איז איבערפולט מיט אַלעם גוטן. דאָ אָבער איז דער ווילן צום לעבן גרעסער און טייערער ווי ביי די זאַטע פוסטע „פילאָזאָפן" אָדער ליידיקע גראָבע יונגען, וואָס האָבן קיין שום העכערן, מאָראַלישן באַדאַרף און ווילן אין לעבן.

איז דען ניט די רעליגיע אַ וווּנדערלעכער ענטפער פאַר די, וואָס האָבן מער גאָרניט אין לעבן? דער ווייטיק פון מענטש צו פאַרגיין אויף אייביק גלייך ווי אַ וואָרעם, ווי יעדעס באַשעפעניש, און דאָ, אין דער אוממעכטיקייט קעגן סטאַלינס מערדער־באַנדעס, מיט זייער ריזיקן כ״ח פון געוואַלד־הערשאַפט, ווו קען מען נאָך געפינען אַ מעכטיקערן העלפער, אַ שענערע האָפענונג, ווי דער איבערמענטשלעכער כוח פון אַלמעכטיקנס מלאך המות? ווען און ווו וועט מען נאָך אַזוי דאַנקבאַר זיין דעם בורא עולם פאַר זיין גרויסן שליח? און צו די, וואָס מיינען אַז גאָט איז געשטאָרבן, זאָלן זיי נאָר פּרווון אריינפאַלן דאָ אויף אַ 10־יעריקן „קליינעם" אורטייל, און דורכגיין די „פּערעוואָספּיטאַניע" די „איבערדערציִונג" זייערע, פון נ.ק.וו.ד., די יורשים פון ג.פּ.או., מיט די אַלע געענדערטע נעמען יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק, דערנאָך די „גערעכטיקייט" פון זייער געריכט און די באַרימטע „סטאַלינישע קאָנסטיטוציע" מיט זייער יורידישן „רעכט־פאַרטרעטער" און לסוף זייערע „אַרבעטס־אויסבעסערונגס־לאַגערן" — אויב ער וועט דערלעבן זיך צו באַפרייען אַ גאָטלאָזער...

✶

דערווייל יאָגט די באַן איבער די רוסישע רחבותן, לענדער אָנגערויבטע נאָך ביים צאַרישן אימפּעריאַליזם, און אָנגעזויגענע מיט בלוט פון מיליאָנען קרבנות. צייטנווייז יאָגן מיר דורך שטעט. מענטשן וואַרפן אַ בליק אויף אונדזערע וואַגאָנען, אַנטרינען מיט שרעק אַרונטערקוקנדיק. יעדער דערקענט שוין די וואַגאָנען מיט די זשאַלובעס, דורך וועלכע ס׳רינט אַרויס מענטשלעכע אָפּפאַל. די מערסטע פון זיי האָבן אַ ווונד נאָך אייגענע פאַרשלעפּטע און פאַרשווונדענע, אָן אַ רעכט אַפילו צו פרעגן אויף זיי.

ס׳פילן זיך שוין סיבירער ווינטלעך, כאָטש מיר זיינען אייגעפּאַקט

ווי די הערינג, אָבער ביי נאַכט, גיט אַ פּאָכע אַ סיבירער שניידנדיקער ווינט איבער אונדזערע קעפּ.

עפּעס קומט פאָר! ס׳יאָגן גאַנצע עשאַלאָנען, אָנגעלאָדן מיט טראַק־טאָרן, מאַשינען, קאַנאָנען, איבערגעדעקטע מיט פּלאַכטעס, אָבער מיר דערקענען די לאַנגע רערן. צווישן אונדז זיינען דאָ אַ סך געוועזענע מיליטערלייט און אָפיצירן. וואָס איז דאָרט? ווער וועט אונדז עפּעס זאָגן? מיר זיינען אָפּגעשניטן פון דער וועלט, אָבער עפּעס פילט זיך אין דער לופטן. אַלץ מער און מער עשאַלאָנען מיט קריגס־מכשירים, מיליטערישע באַקליידונג, פולע באַנען מיליטער.

מיר זיינען פאַרפאָרן אין עפּעס אַ „טופּיק״, ווו זעלטן זעט מען אַ מענטש. אַנטקעגן אונדז — פולע וואַגאָנען מיט היי אָנגעלאָדן. אויבן, אויף אַ וואַגאָן, ליגט אַ יונג מיידל מיט אַ פּאַטשיילע אַרום פּנים.

אונדזערע „מיוחסים״ וואָס ליגן אויבן, ביים פענצטערל, פּרוּוון זי פרעגן עפּעס, ווייזט זי מיטן פינגער אַראָפּ, אַז עמעצער שטייט דאָרט, און זי באַהאַלט זיך טיפער אין היי אַריין ניט געזען צו ווערן. באַלד איז דער שומר פון אונדזער טיר אַוועקגעגאַנגען אַ ביסל ווייטער, און אונדזערע חברה פאַרבינדן ווידער אַ שמועס מיטן מיידל:

— וואָס איז געשען? וואָס איז דער רעש?

— וואָינאַ! — האָט זי פון זיך ווי אַרויסגעוואָרפן, און זיך טיפער פאַרשטעקט אינעם היי.

— קטאָ? ס׳קעם? — פּרוּוון זיי ווידער עפּעס געוווּיר ווערן. זי קוקט צי קיינער הערט ניט.

— ניעמצי... נאַפּאַלי... די דייטשן זיינען איבערגעפאַלן...

אַ ביטערער גרוס און אַ פינצטערער תהום. ווער קען פאָרויסזאָגן? יעדער מענטש איז אַ באַזונדערע וועלט, און ווער קען נאָכקלערן עמעצנס מחשבות?

אַ שטילקייט און אַ פּחד האָבן באַהערשט דעם וואַגאָן, אַ שטימונג פון ערב־אונטערגאַנג.

מיר זיינען אויפן „פּערעסילני פּונקט״ אין קראַסנאָיאַרסק. פון דאַנען, הייסט עס, גייט דער וועג ווייטער. דאָ האָט די באַן אונדז אויסגעשפּיגן

אויף אַ גרויסן אַרומגעצוימטן פּלאַץ, מיט באַראַקן. די פּלויטן זיינען אַלטע ברעטער מיט שטעכלדראָטן אַרום, אין אַלע ווינקלען אַרום, אין דער הויך, שטייען „סוכהלעך" מיט באַוואָפנטע וועכטערס.

איצט ערשט זעען מיר, ווער ס'זיינען אונדזערע מיטפאַרערס. אַלע „אויסגעלייזטע", געוועזענע מיניסטאָרן, גענעראַלן, דאָקטוירים, אינזשע־נירן און אַלערליי אינטעליגענץ, ביז צו דער אַזוי געלויבטער „אַרבעטער־אינטעליגענץ", פון אומעטום ווו זייער פוס איז געטראָטן: עסטאָניע, ליטע, לאַטוויע, טשעכן, יוגאָסלאַוויע. רומענער, אוקראַינער, טשעכן, בולגאַרן, אונגאַרן, יידן, טראַנסלוואַניער, אַ גאַנצער קאַליידאָסקאָפּ פון נאַציעס.

די שנאה פון די „אַלט־געזעסענע" צו אונדז, די „באַפרייטע", איז גרויס.

— איר האָט כאָטש געלעבט ביז איצט, אָבער מיר האָבן אַפילו דאָס ביסל לעבן אויך ניט געהאַט.

גאָטס וועלטל איז שיין אומעטום, ווען ניט וואָס מענטשן פאַר־פּאַסקודיען עס. ניט ווייט שווימט זיך אַ זיכערער דער יעניסיי. פון הויכע קוימענס שלענגלט זיך אַ רויך, וואָס ווערט אַלץ געדיכטער און שוואַרצער, מען פּירט אונדז שוין ווידער. און די אויגן פאַרכאַפּן מיט בליקן דאָס אַרומיקע בילד, וואָס שניידט זיך איין אין זכרון: הויכע הייזער, באַלו־פּעטע, וויינענדיקע ווענט, פאַררויכערטע דעכער און פענצטער, וואָס קוקן פול טרויער און פחד. „פרייע" אָטעמען אין שווייס, דורך די קוימענס פון די זאַוואָדן. סטאַלינס שקלאַפן זיינען דאָ „צוגעפּעסטיקט" צו אַרבעטן „פּאָ אודאַרנאָמו, פּאָ סטאַכאַנאָווסקי". מיר ווייסן שוין פון די „סאָציאַ־ליסטישן געוועטן", פון אויסנוצן דעם אַרבעטער מער, ווי יעדער קאַפּי־טאַליסטישער פאַבריקאַנט; פון „נאָרמעס", וואָס ס'קען נאָר מאַכן אַ הויך־קוואַליפיצירטער אַרבעטער, און זיין מאָס ווערט אַ נאָרמע, כדי צו צאָלן די ווייניקער קוואַליפיצירטע אַרבעטער אַ הונגערלוין.

ביי די קאַפּיטאַליסטן האָבן מיר געמעגט שטרייקן, פאָדערן בעסערע אַרבעטס־לוינען, ניט אָבער ביים סאָציאַליזם. דאָ געהערט אַלץ צום „אַרבעטער־קלאַס". דיין ברויטגעבער איז שוין ניט דער קאַפּיטאַליסט,

נאָר דער נאַטשאַלניק, ביי וועמען דו טאָרסט ניט שטרייקן, טאָרסט ניט פאָדערן אַ העכערן אַרבעטסלוין, און דו קענסט ניט, ווען דו ווילסט, פאַרלאָזן דיין אַרבעטספּלאַץ. דו ביסט מער ניט „דו", ביסט אַ שרייפעלע פון דער ריזיקער מאַשין, און ווו זיי דאַרפן דיך, דאָרט שרויפט מען דיך איין.

נאַרילסק

איינער פון די דריי מעכטיקסטע וואָסערן אין רוסלאַנד, וואָס פליסן פון אייראָפּעיִשן רוסלאַנד ביזן אייז־אָקעאַן, איז דער יעניסיי. עקזאָטיק איז שיין אין מעשהלעך, אָבער ווי אומגליקלעך זיינען מיר, איבער טויזנט קרבנות פון „סאָוויעטישער גערעכטיקייט", געווען, אַריינגעלאָדן צו ווערן אין פינצטערע, שטיקנדיקע טיפע, גרויסע „באַרזשעס", ווי דאָס נייע מאַטעריאַל צו בויען די סאָוויעטישעווירקלעכקייט.

מיין פאָטער, וואָס איז אין דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אַ געפאַנגענער אין צאַרישן רוסלאַנד, און אַנגעשלאָגן ביז קראַסנאָיאַרסק, פלעגט מיר דערציילן די „וועלט־וואונדער" פון אַ האַלב יאָר טאָג, און אַ האַלב יאָר נאַכט, וואָס האָט אין מיין קינדערשע פאַנטאַזיע געקלונגען ווי די מעשהלעך פון „הינטער די הרי־חושך".

און איצט שווימען מיר, איבער טויזנט מענטשן, באַרויבטע אַפילו פון רעכט צו כאַפּן אַ קוק, ווי ס'זעט אויס די וואונדערלעכע, גרויסע, שיינע וועלט. דער ווייטסטער פונקט אויפן יעניסיי, פאַר זיין אַריינפאַל אינעם צפונדיקן אָקעאַן, איז דער פאָרט „דודינקאַ". פון דאָרט פירט אַ שמאָל באַנדל מיט אַ קליין לאָקאָמאָטיוול, די „קוקושקאַ", טיפער צו צפון, צו איינער פון די גרויזאַמסטע קראָקאָדילן־פּאַשטשעס פון אָרגאַניזירטער קאָמוניסטישער „איבערדערציִונג" — דער „קאָמבינאַט" נאָרילסק.

דאָ איז אַן אָפּגעריסענער ערדטייל, וואָס הייסט „טיימיר" (אַ געהיימע וועלט), וווהין קיין זייטיק אויג דערגרייכט קיין מאָל, און אַ לעבעדיקער שמעלצאָפן, וואָלט געווען דער בעסטער פּלאַץ פאַר אַ סאַנאַטאָריע, פאַר אַלע פאַרפירטע אידעאַלע קאָמוניסטן פון דער גאַנצער וועלט, זיך אויס־צוקורירן פון גרויסן שקר, וואָס הייסט „קאָמוניסטישע בויונג". אויב זיי זאָלן געשיקט ווערן אַהער פון אַלע מלוכות אויף דער וועלט, וואָס ליידן פון דער בלינדער פּעסט, וואָס הייסט ליגנערישער, אידעאַליסטישער בלאָף,

פאַר בלינדע, אָפּגענאַרטע, כאָטש אָפּט ערלעך שטרעבנדיקע צו אַ שענערן און בעסערן מענטשלעכן לעבן.

געאָגראַפיש איז דער „נאָרילסקער קאָמבינאַט" צעשפּרייט אויף דער מזרחדיקער זייט פון יעניסיי, און איז אין דער 72 ביז 78, און אפשר ווייטער, ווו איך בין ניט געווען, געאָגראַפישער ברייט, כאָטש איך האָב זיך דאָ שפּעטער געטראָפן מיט אַרעסטאַנטן פון די נאָוואָסיבירסקער אינדזלען, און זיי האָבן מיר דערציילט פון דאָרט, וועגן די אויף אייביק פאַרמשפּטע געוועזענע קאָמוניסטישע „צענטראַל־קאָמיטעטן" פון אויס־לענדישע פּאַרטייען, וואָס זיינען געקומען זיך קוויקן מיט סטאַלינס דער־גרייכונגען און זיינען דאָ אַרעסטירט געוואָרן. טייל האָט מען אויסגע־שאָסן און אַנדערע „בויען קאָמוניזם" און פאַרלייגן מיט זייערע שקעלעטן די פונדאַמענטן פון זייערע אויסגעחלומטע, סאָוויעטישע „פּאָסטראָיקעס".

דער קרייז דאָ ווערט גערופן „זאַפּאָליאַריע" צוליב זיין אונטער־פּאָלאַרן געאָגראַפישן פּלאַץ. „אונדזערע ווינטערן דאָ — דערציילן די היגע „אַלט־געזעסענע" — דויערן נאָר 13 חדשים", און ס'רעשט איז זומער.

די זומערצייט ווערט דאָ גערעכנט, ווען דער יעניסיי צעלאָזט ס'אייז, און די שיפן הויבן אָן צו פאָרן אַהער, ברענגענדיק אויף אַ יאָר קאָרמע פאַר (די מיליאָנען שקלאַפן און פירן צוריק, אויב די „עמ.ווע.דע." מיט אַ פּאָר מעדיצינישע קאָמיסיעס האָבן באַשטעטיקט, אַז ס'איז שוין נישטאָ מער וואָס אויסצוזויגן פונעם מענטשן, און די „צינגאַ" (סקאָרבוט) האָט אים שוין אַדורכגעפרעסן. האַלב טויטע, שיקט מען צוריק אַ ביסל פון לעסטיקן אָפּפאַל, מיט די שיפן, צום נייעם אָפּזאַץ־מאַרק פאַר די אומזיס־טיקע שקלאַפן פון „גולאַג", קיין סיביר.

די צאָל פון די אַריין און אַרויסגעשיקטע שקלאַפן, ווייסט נאָר די אַלמעכטיקע עמ.ווע.דע. מיט זייערע אָנפירנדיקע פאַרזאָרגערס פון דער „ראַדינאַ". איצט זיינען מיר דער צושטראָם פון נייעם בלוט אין די אָדערן פון זייער „סטראָיטעלסטוואָ".

ס'ציט זיך שוין די לאַנגע שורה, די שקלאַפן־אַרמיי, מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס. פון ווייטן גלאַנצט אונדז אַנטקעגן אַ שוואַרצער גרויסער

מולטער, אַ באַרזשע, אַ גרויסע הילצערנע פּאַשטשע, וואָס שלינגט און שלינגט. אין איר אינגעווייד אַריין וואַרפט מען אַריין, איינס נאָך איינס, שורהווייז, אַריבערשפּאַנענדיק איבערן ברעט, וואָס פירט אין טראָנק אַריין. און דער גאַנצער וועג איז באַוואַכט מיט באַוואָפנטע „סטרעלקעס״ פון ביידע זייטן און גרויסע הונגעריקע וועלף־הינט, אויסגעלערנטע זיך צו וואַרפן אויף יעדן, וואָס מאַכט אַ „שאַג וו ליעווא, שאַג וו פּראַוואָ״. זיי שיסן גלייך, ווי אויף האָזן.

איך בין שוין אויך אינעם הונגעריקן מאָגן פון דער שוואַרצער באַר־זשע. איבער טויזנט געוועזענע מענטשן ליגן מיר דאָ אונטן, אויסגעטאָן נאַקעט, ווי די מאַמעס האָבן אונדז געבוירן, ווייל די היץ איז אָנרחמנות־דיק. אויבן, פון ביידע זייטן, זיינען דאָ צוויי לעכער, מיט טרעפּ אַרויפ־צוגיין, נאָר קיינער טאָר דאָ ניט אַרויפגיין. אויבן זיינען דאָ די „אָנפירערס פון אונדזער „עטאַפּ״.

אויפן דעק פירט מען אונדז אַרויף צו 10 מאַן, צו דערפילן די מענטש־לעכע באַדערפעניש. דאָ קענען מיר ווידער באַוואונדערן די שיינקייט פון גאָטס וועלטל. דער יעניסיי איז דאָ ברייט, טיף און מעכטיק, ווי אַ פּאַר־שייטער לויתן. אויף איין ברעג, וווּ מיר זיינען נענטער, זעט מען אַ לאַנגע שוועל, וואָס ציט זיך טיף אין וואַסער אַריין, אויסצולאָדן שיפן. ס׳דרייען זיך אום מענטשן, ווייבער וואַשן עפּעס אין וואַסער ביים ברעג. קיין שמייכל אויף קיינעמס פּנים זעט מען ניט. דאָ, זאָגט מען, זיינען אַלע, אָדער איצטיקע, אָדער געוועזענע אַרעסטאַנטן. פון דאַנען אַרויס צוריק, לאָזט מען זעלטן, אַפילו נאָכן פאַרענדיקן דעם אורטייל מוז מען האָבן אַ דערלויבעניש פון נ.ק.וו.ד. צום מערסטן, לאָזן זיי נאָר אַרויס־נעמען צו זיך די משפּחה, אָבער אַרויס פון דאַנען — זייער זעלטן.

דאָ האָב איך שפּעטער געטראָפן אַ לעטישן דאָקטאָר, וועמענס פרוי האָט געאַרבעט אין שפּיטאָל, זייער גוטע מענטשן, און זי האָט מיר דער־ציילט דאָס אַלץ. אויך זי איז אַהער געקומען צו איר מאַן. זיכער האָט זי געבענקט צוריק קיין אייראָפּע, אָבער מען האָט איר נאָר דערלויבט אַרויס־צונעמען אַהער איר מיידעלע, כאָטש דער קלימאַט איז ניט אַזוי גוט פאַר איר.

*

מיר פאָרן אַדורך טורוכאַנסק, ווו אין צאַרס צייטן איז געווען פאַר־שיקט סטאַלין, איצט, האָט ער, דער סאָוויעטישער צאַר, אונדז פאַרשיקט אויף עטלעכע טויזנט מייל טיפער און פאַר אונדז געשאַפן פיל ערגערע לעבנס־באַדינגונגען. פון דאַנען האָט ער נאָך געקענט אַנטלויפן, ס׳איז ניט ווייט צו קראַסנאָיאַרסק, איז ער געווען אַ „העלד". פון נאָרילסק אָבער, פון „דאָלגאַיע אָזיערא" ווו ער האָט געהאַט זיינע מערדער־בריגאַדעס, פון מ.וו.ד. וואָס האָבן געקראָגן מעדאַלן פאַר יעדן דערשאָסענעם „זעקאַ" (זאַקליוטשאַני), ווו קיין באַנען און ישובים זעט מען ניט אויף טויזנטער מייל, ווו זומערצייט זיינען זומפּן כּול, און ווינטער הייסט אומקום — פון דאַנען וועט מען נישט לויפן.

די איינציקע ישובים דאָ זיינען זייער ווייטע און באַוווינט פון טונגוסן. מיט יאָרן צוריק פלעגט זיך טרעפן, אַז אַנטלאָפענע האָבן באַקומען הילף פון זיי. דערפאַר אָבער האָבן אַנטלאָפענע געמאַכט געוואַלד־איבערפאַלן, און רויבנדיק, אַפילו מאָרדנדיק, האָבן זיי אַליין פאַרשלאָסן יעדע סימפּאַ־טיע צו זיך. די מ.וו.ד. האָט גערן אויסגענוצט דעם מצב, און ניטאָ מער קיין אַנטלויפנדיקע כּמעט, ווייל זיי ווייסן, אַז מען וועט זיי מסרן, און אַז אָך און וויי צום קרבן, וואָס פאַלט אַריין אין זייערע הענט, נאָך דעם, ווי זיי זיינען געוואָרן דערקלערט ווי הפקרע אַנטלאָפענע.

אַזוי ווי קיין האָפענונג זיך צו באַפרייען איז שוין ניטאָ, ווערן די „איבערדערצויגענע" טיפן פאַרלוירענע מערדערס און רויבערס. אַלץ איז פאַר זיי סיי ווי פאַרלוירן, דעם גלויבן האָט מען זיי נאָך אין שול און אין קאָמסאָמאָל צוגענומען. קיין טויטאורטייל איז דאָך אין „פּראָגרעסיוון" רוסלאַנד ניטאָ, האָבן אָט די „פריי דערצויגענע" מער ניט קיין אמונה אָדער אָנהאַלט אין לעבן. איז אַלץ, וואָס זיי קענען טאָן, ווילדער אָנשטויס, רגעדיקע האַנדלונג אָן מורא, ווייל „ווסיאָ ראַוונאָ זשיזן פּראָפּאַשטשאַיאַ" — סיי ווי איז ס׳לעבן אַ פאַרפאַלנס, וואָס זאָל אים צוריקהאַלטן? טרעפן זיי אָן עמעצן, וואָס האָט עפּעס וואָס אים געפעלט, אָדער רעדט אים אַנט־קעגן; איז אויב ער קען ניט תּיכף אים דערהרגענען, וואַרט ער ביז ביי

נאַכט, ווען יענער שלאָפט, און דערלאַנגט אים מיט עפּעס איבערן קאָפּ.

פאַראַן אַזעלכע, וואָס אַרבעטן מיט מיט דער אַדמיניסטראַציע, זיינען זיי פאַרהאַסט ביי די „גדולים". איינע רופן די אַנדערע מיט נעמען „סוקי" אָדער „פּאָלוסוקי", ד"ה צויגן אָדער האַלבע צויגן. זיי הרגענען זיך איינס ס'אַנדערע. אויב אין אַ געקומענעם עטאַפּ געפינט זיך איינער פון די קעגנער, וואָס זיינען אין די עטאַפּן ערגעץ פאַרלוירן געגאַנגען, און זיי טרעפן זיך ווידער צונויף, ווערט שוין דאָ איינער זיך סטאַרען צו דער־הרגענען דעם אַנדערן. פאַר קיין טויטאורטייל האָט ער דאָך קיין מורא ניט, און ער האָט שוין סיי ווי מער צו זיצן ווי צו לעבן. וואָס זאָל אים צוריקהאַלטן?

זיי ווערן גיך נמאס דער אַדמיניסטראַציע. ווו זיי קומען, גייען נאָך זייערע „דיעלאָס" און מען ווייסט שוין מיט וועמען מ'האָט צו טאָן. פאַראַן קאַרצערס אין יעדן לאַגער, ווו די „שולדיקע" ווערן אַריינגעוואָרפן, אויף 10 און מער טעג, אָפּהענגיק ס'ווי‏פלטע מאָל ער איז אַריינגעפאַלן. דאָרט גיט מען 300 גראַם ברויט, וואָס זיינען אויך באַגנבעטע אויף דער וואָג, מען טרייבט צו דער אַרבעט צו אַלדע גוטע יאָר, מיט גרויזאַמע „סטרעל־קעס". איינער אַזאַ סטרעלאָק איז געווען ספּעציעל אַ גרויזאַמער מערדער. ער פלעגט שיקן אַן אַרעסטאַנט אויפצוהויבן אַ שטיקל ברויט, און אים דערשיסן פאַר וועלן אַנטלויפן.

ווען די קאַרצערניקעס האָבן געזען אין קאָנוואַי דעם סטרעלאָק, האָבן זיי שוין געוווּסט, אַז היינט וועלן זיי, הונגעריק און דערשלאָגן ווי זיי וועלן זיין נאָך דער אַרבעט, נאָך מוזן שלעפּן אַ טויטן מיט זיך אויף די פּלייצעס, ס'זאָל שטימען ביי דער וואַכטע, ביים אַריינגאַנג, צום חשבון.

פאַראַן נאָך באַזונדערע מינים לאַגערן פאַר אַזעלכע, וואָס דאַרפן מער אויף דער פריי ניט אַרויס (לויט מ.וו.ד.). אויב מען קען שוין פון זיי ניט אויסנאָגן פון זיי אַ טראָפּן אַרבעטס־בלוט — קאַליקעס, אָן הענט אָדער פיס — איז דאָ פאַר זיי אַ „וטאַראַי נאַרילסק" אויפן ווייטן צפון, גיט מען זיי די 6 הונדערט גראַם ברויט מיט אַ וואַסערזופּ אַ טאָג. און דאָ האָב איך ערשט פאַרשטאַנען די פיל אינוואַלידן־בריגאַדעס אין די לאַגערן. זיי האָבן שוין אַלץ אין דר'ערד, זיי האַקן זיך אַליין אָפּ פינגער,

הענט, פיס. זיי קען מען שוין צו אַ „פֿאַסטראַיקע" ניט טרייבן. בינדט מען צו אַ שטעקן צו אַ פּוס, אַ בעזעם צו אַ ביין פֿון אַ האַנט, פֿאַרדינט ער זיך דעם טעגלעכן „פּאַיאָק", ס'שטיק ברויט מיטן ביסל וואַסערדיקן זופּ און לאַכט פֿון גאַנצן סאָוויעטישן סיסטעם מיט דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע אין איינעם.

פֿאַר די, וואָס ווילן פֿון זיך ניט מאַכן קיין קאַליקעס און זיי האָבן שוין סיי ווי אַלץ פֿאַרלוירן — זיי האָבן שוין מער צו זיצן ווי צו לעבן — איז דאָ אַ „קאָלאַרגאָן", ווו מען פֿאַרשיקט זיי. אונטער דער אַפּוטרופּסות פֿון אַלטע פּאַרטייִשע מערדערס אַרבעטן זיי עבודת פּרך, פּגרן פֿאַר אַ פּאַפּיראָס, וואָס זיי פֿאַרדינען זיך ביי נאַטשאַלסטווע פֿאַר אַרבעטן ביזן לעצטן אָטעם, און מען העלפֿט זיי דאָרט גיכער צו פֿאַרשיטן זייערע גריבער מיט די אייגענע גופים.

אין סיביר, ביי נאָוואָסיבירסק, איז פֿאַראַן „טאָרף־באַלאָטאַ" — אַ ספּעציעלע קאָלאָניע, ווו זיי האַקן טאָרף. אַהין פֿאַרשיקט מען אַלע, וואָס קוילען זיך איינס ס'אַנדערע און די לאַגער־אַדמיניסטראַציע קען זיך מיט זיי קיין עצה ניט געבן, דאָרט הרגענען זיי זיך אויס איינס ס'אַנדערע. די „אָכרע" קוקט זיך צו און רירט זיך ניט.

דאָס „געזאַנג פֿון אַרבעט" וואָס ווערט אַזוי אויסגענוצט פֿאַרן עקס־פּאָרט, איז אַ גרויסער שקר. פֿאַרן „סאָציאַליסטישן" בעל־הבית, מיינט עס: אויסנוצן די נאָרמעס פֿון גלויביקע, אַרויסנאָגן פֿון זיי אַלץ גרעסערע „נאָרמעס" און דערנאָך זיי אַרויסוואַרפֿן אויפֿן מיסט, פֿאַרשיט מיט שניי. און גליקלעך זיינען די, וואָס האָבן אים אַריינגעוואָרפֿן אינעם שניי־גרוב אַ טויטן, און גענומען אַ פּייקע ברויט, וואָס איז נאָך ביי נאַטשאַלסטווע פֿאַרשריבן אויפֿן טויטנס נאָמען.

*

פֿאַרויס פֿאָרט אַ שיין אָפּגעמאָלענע שלעפּשיף מיט אַ הויך קלינגענ־דיקן נאָמען, פֿאַרבונדן מיט מענטשלעכע שיינקייט און אידעען, און מיט אַ שטאָלענעם טראָס שלעפּט זי נאָך זיך אַ שוואַרצע הילצערנע תּפֿיסה מיט איבער טויזנט שקלאַפֿן.

דער יעניסיי ווערט אַלץ ווייטער און ברייטער. קיין ברעגעס זעט מען שוין ניט אָן. פאַראַן צווישן אונדז אַזעלכע, וואָס זיינען שוין אַ מאָל דאָ געווען. דאָ, דערציילן זיי, וואַקסט גאָרניט. אַלץ ווערט געבראַכט אַהער מיט שיפן, מיט אויסגערעכנטע „נאָרמעס" פאַר אַלע, וואָס לעבן דאָ, און בסך־הכל פאָרן די שיפן העכער אַ חודש צייט, ביז דער יעניסיי ווערט איינגעפרוירן.

בײַם אָנהייב פון זומער, ווען דער יעניסיי נעמט „שיסן" בשעת ס'אייז נעמט פלאַצן אויפן יעניסיי, שווימען גרויסע שטיקער אייזבערג, וואָס שלאָגן זיך אָן איינס אָן אַנדערן, שפאַלטן זיך אין קלענערע שטיקלעך, וואַרעמט זיך ס'וואַסער, ווערן די שטיקלעך אייז קלענער און קלענער, יאָגן זיך אַלץ גיכער, איינס איבערן אַנדערן, ווי אַ סטאַדע שאָף איבער אַ שמאָלן וועג. די זון נעמט אָנוואַרעמען מענטשלעכע האָפענונגען און טרוימען: אפשר דאָך וועט מען זיך דערמאָנען אָן די מיליאָנען קרבנות, אַרויסגעשניטענע שטיקער לייב פון לעבעדיקע משפחות?

מ'הייבט אָן דערציילן פאַרשידענע „פאַראשעס": ערגעץ האָט אַ נאַטשאַלניק אַ זאָג געטאָן; איינער האָט אַ בריוול באַקומען מיט אָנצוהערענישן; אַ דריטער האָט געזען דעם „רויטן עראָפלאַן", וואָס קומט נאָר מיט ספעציעלע שליחותן. אין אייראָפע ברענט דאָך שוין די מלחמה. אפשר, זאָל זיין אין היטלערס זכות, אַבי אַרויס פון דאַנען...

און מיר ליגן אַלץ נאָך אין דער באַרזשע. פון צייט צו צייט זעט מען דורכן לאָך פון אויבן אַ שטיק הימל. באַלד קומען די פעסער מיט „באַלאַנדע" — אַ הייסער זופ פון ווער ווייס וואָס דאָרט האָט זיך געקאָכט. צו אונדז קומט אָן אַ קראַכמאַלעט וואַסער; ס'געדיכטע האָבן אויפגעגעסן די נאַטשאַלסטווע מיט זייערע צוהעלפערס. קענסט שרייען צו גאָט... „סטאַלין ווייסט ניט וואָס דאָ טוט זיך". — ווילן געוויסע פאַרטיידיקן „אים". שאָקלט מען צו מיטן קאָפ: ווער ווייסט ווער ער איז? ווען מען וועט דיך אַ מאָל שטעלן פאָרן געריכט, קען ער זיין אַן עדות. אויב האָסט זיך עפעס אָנגערופן, איז עס ביי סטאַלינס ריכטערס „קלעוועטאַ", רכילות, הייסט עס, וועט זיין נאָך אַ פונקט אין באַשולדיקונגס־אַקט אויף צוצוגעבן נאָך אַ פאָר יאָר.

פלוצעם — געוואַלדן, געשרייען, מ׳יאָגט, מ׳קוקט... וואָס איז געשען? אַן אַרעסטאַנט האָט דאָ דערקענט אַ „סוקע״ פון עפּעס אַן אַלטן לאַגער, און ער האָט מיט אים אַ השבון. דער ערשטער רייסט און ברעכט אָפּ אַ הילצערנעם דראַנג אינעווייניק אין שיף און יאָגט מיט אים, גרייט צו דערלאַנגען דעם אַנדערן איבערן קאָפּ. דער אַנטלויפט מיט פּחד, זיך באַהאַלטן ערגעץ אין אַ לאָך צווישן די „באָוויטשקי״, די נייע, וואָס ווייסן נאָך גאָרניט. אונדזערע געגעראַלן, מיניסטאָרן, אָפיצירן און געלערנטע באַהאַלטן זיך אַליין. זיי האָבן נאָך אַזאַ מערדעריי ניט געזען.

— אָט מיט זיי קען רוסלאַנד געווינען די מלחמה... וואָס האַלט מען זיי דאָ?

— וואָס זשע ווילסטו? נאָר אונדז זאָל מען דאָ האַלטן? — פרעגט דער אַנדערער מיט אַ שמייכל, ווען ס׳האָט זיך שוין איינגעשטילט.

פון יעדן פאָלק זוכן זיך אָפּ די אייגענע און זיי לייגן זיך אין איינעם. אין איינעם באַדויערט מען דעם ביטערן גורל און מען רעדט אַ ביסל פרייער. איך באַקען זיך מיט אַ יידישן זייגערמאַכער פון טשערנאָוויץ, צעלטער. ער איז אַ גאַנצער „פילאָזאָף״, ער שיט מיט שפינאָזאַ, געטע, ספּענסער, העגעל און אַנדערע.

— גאָט? שוואַנצעוואַטע מענטשן האָבן אים באַשאַפן... — ער מישט אַריין אַ ביסל גראָבע באַליידיקונגען. ס׳בייכל איז נאָך קיילעכדיק, ס׳פּנים שוין פאַרוואַקסן, אָבער נאָך געגוג פעט. ס׳שפּילן נאָך די זאַטע בלוטן אינעם גוף.

מיר דערנענטערן זיך שוין צו דודינקאַ — דער ווייטסטער פּאָרט פון קראַסנאָיאַרסק צום אייז־ים. דאָ באַהאַלט מען אונדז שוין ניט ביז ביי נאַכט. דאָ זיינען אַלע אַרעסטאַנטן. ס׳איז דער ווייטסטער צפונדיקער האַלב־אינדזל. אַהער קומט קיין פרייער ניט צו. דאָ קומען ניט קיין „אויסלענדישע״ חברים צו באַוווּנדערן די „פּאַסטראַיקע״, אויך ניט קיין טוריסטן און אַנדערע סענסאַציע־כאַפּערס פון דער גאַנצער וועלט. ס׳איז אַ באַזונדערע אָפּגעשלאָסענע וועלט, ווו קיינער מחוץ „נאַטשאַלסטווע״ פון די העכסטע שפּיצן קען קיין בליק ניט וואַרפן.

דודינקאַ

אַנגעקומען קיין „דודינקאַ", דעם פּרעכטיקן קאַלירפולן סאָוויעטישן פּאָרט, איינעם פון די צענטערס פון זייער „שקלאַפן־האַנדל" אויפן וויטן צפון, אין אַריינפאָר צום צענטער פון די „רעזשימנע" לאַגערן.

אַ פרייד זיך צו דערמאָנען די געאָגראַפישע שיינקייט, ווי זי איז געווען באַשריבן אין די לערן־ביכער, ווי די אָדערן, וואָס פליסן אַריין אין אייזיקן צפון־ים. דער ערשטער איז דער אָב, דערנאָך גייט דער יעניסיי, די לענאַ, אינדיגירקאַ און קאָלימאַ. איך זע זיי איצט געגוי פאַר מיינע אויגן ווי אויסגעמאָלן אויף דער מאַפּע.

ווער האָט געקענט גלייבן, לערנענדיק אין שול, אַז אַהער וועט דער גרויזאַמער גורל פאַרשלעפן מיליאָנען קרבנות פון דער גאַנצער וועלט?

פון דער ווייטן זעען זיך, ווי שווימענדיקע הייזער, דאָס געלע מאַטע־ריאַל פון די געהילצן, וואָס קומען אַהער שוין פאַרטיק־צוגעשניטענע, צונויפגעלייגטע און מיט שטאָלענע טראָסן באַפעסטיקטע אַרום. שיפן שלעפן זיי נאָך זיך איבערן יעניסיי, צו אַלע ישובים אויפן וועג קיין דודינקאַ. אַ ביסל העכער איז נאָך דאָ אַ קליין אויסלאָד־פּאָרטל, פול מיט קליינע אינדזעלעך אַרום, וואָס מען רופט „וואָליאַק", אָבער צום נאָענטסטן, ביים סוף פון דער ערד, ווו ס'הייבט זיך אָן דער אייז־ים, איז די „דאָלגאָיע אָזיעראָ", פון וואַנען ק'זיינען געקומען ניט קיין פריילעכע גרוסן.

די אין דודינקאַ אַרבעטנדיקע האָבן מזל. דאָ געפינט זיך דער פּאָרט, כאָטש בלויז אַ קורצע צייט פון דער נאַוויגאַציע — ביז דער פּאָרט ווערט איינגעפרוירן, אָבער אין דער קורצער צייט אָטעמט מען אָפּ אַ ביסל. ס'קומען אַלערליי שיפן מיט שפּייז פאַר אַ גאַנץ יאָר, פאַר אַלע ישובים אַרום. צו דער צייט ברענגט מען אַראָפּ אַהער בריגאַדעס אַרעסטאַנטן צום אויסלאָדן די שיפן. אַלע זיינען הונגעריק ווי די וועלף. מיט זיך עפּעס נעמען, טאָר מען ניט, אָבער אויפן אָרט, וויפל מען קען, שלינגט

מען. בוראַקעס, מייערן, רויע קאַרטאָפל, אַלץ וואָס צייַן קענען איינבייסן, שלינגט מען, און איך האָב קיין מאָל ניט געזען, אַז עמעצער זאָל קראַנק ווערן דערפון. דער אָרגאַניזם איז אויסגענאַגט, אויפן אָרט וואַקסט גאָר־ניט, נאָר פאַרשידענע יאַגדעס. פירנדיק צו דער אַרבעט זעען מיר אין די זייטן גרויסע, שיינע יאַגדעס, וואָס קענען ראַטעווען טויזנטער מענטשן פון צינגאַ, אָבער ווען מען פירט צו דער אַרבעט, אָדער פון דער אַרבעט, טאָר מען ניט אַ שפּאַן טאָן, אָדער זיך אַראָפּבייגן אָפּצורייסן עפּעס, ווייל די „אָכרע" מעג דערשיסן, אויב דו האָסט זיך אַרויסגעבויגן פון דער ריי. פוילן זאָל עס, אָבער קיינער זאָל ניט וואַגן אָפּצורייסן עס, אויפצועסן און זיך ראַטעווען פון טויט.

אַ ביסל „וואָלניאַשקעס" (פרייע) לעבן דאָ. גייען די ווייבער מיט קויבערס איבער די פעלדער, און רייסן אָן און טראָגן זיי פאַרביי, קוקנ־דיק אויף אונדז מיט אַזעלכע רחמנותדיקע אויגן. זיי וואָלטן גערן געגעבן אַ ביסל יאַגדעס פאַר דער בריגאַדע שקלאַפן, אָבער זיי טאָרן זיך אַפילו ניט דערנענטערן צו זיי.

מענטשן פרעגן אָפט: „פאַר וואָס דערציילסטו ניט פון די שיינע זאַכן דאָרט?" ווו זאָל איך עס נעמען, אויב אַלץ וואָס שיין און גוט, איז נאָר דאָס, צו וואָס זיי האָבן זיך ניט צוגערירט? די נאַטור איז שיין און רייך, ניט געקוקט אויף דער נאַטירלעכער צייטנווייזער שווערקייט, אָבער ביי אַ פרייער געזעלשאַפט, וואָס וואָלט ניט געלעבט פון אויסנוצן די מיליאָנען אומגליקלעכע שקלאַפן, וואָס ווערן אַהער פאַרשלעפט, גע־האַלטן שטענדיק אין הונגער און דערנידעריקונג.

אויף אונדז וואַרטן שוין גרויסע ליידיקע שאַלאַשן, און סחורה־מאַגאַ־זינען, אויך נייע, ליידיקע, הויכע. מען פּאַקט אונדז אַריין אַהער הונגע־ריקע, אויסגענאַגטע, שוין אַ ביסל „אויסשטודירטע", אַ דאַנק די אַלטע „איבערדערצויגענע". מען ברענגט אַ הייסן זופּ, אָן ברויט. מיר האָבן שוין באַקומען אונדזער ברויט מיט 3 טעג צוריק און אַלע האָבן עס תיכף אויפגעגעסן, ניט קלערנדיק וועגן מאָרגן.

— אפשר וועל איך מאָרגן שטאַרבן? ווער וועט אויפעסן מיין ברויט?

צו מאָרגנס פירט מען אונדז אַריין איינציקווייז צום „קאַפּטיאָר".

אַלע ווערן אויסגעטאָן פון אַלץ וואָס מ׳האָט פון דער היים, און איבער־
געטאָן אין „גאָסודאַרסטוויענגאָיע״, אין מלוכהשע מלבושים. פון איין זייט
גייט אַריין אַן אויסגעהונגערטער אייראָפּעער, און פון דער אַנדערער
גייט אַרויס אַ „גלייכגעשאַלטעטער״ סאָוויעטישער קנעכט, מיט אַן אַראָפּ־
געבויגענעם קאָפּ.

ווער וועט אונדז געדענקען?

אין קאַפּטיאָרקע, ווו זיי האָבן צוגענומען אונדזערע זאַכן, האָבן אין אָוונט זיך צונויפגענומען די „זיבן חשובע בעלי־בתים פון שטאָט": דער הויפּט־נאַטשאַלניק און זיין פאַרטרעטער,ביידע „וואָלגיאַשקעס", אַראָפּ־געשיקטע אַהער פון דער „פּאַרטיאָ אי פּראַוויטעלסטוואָ" — פון דער פּאַרטיי און פון דער רעגירונג. זיי האָבן פאַר זיך קודם כל אָפּגעקליבן די בעסטע זאַכן, וואָס זיי האָבן ביי זיך ניט געזען זינט דער רעוואָלוציע, דערנאָך האָבן אָפּגעקליבן די נידעריקערע באַאַמטע, און „ס'רעשט" האָט מען „אַקטירט", ד"ה פאַרשריבן ווי אומטויגלעך, צום פאַרריכטן. אַט דעם „רעשט" האָבן דער קאַפּטיאָר מיטן בריגאַדיר באַהאַלטן אין אַ באַזונדער ווינקל, פון וואַנען זיי האָבן געשלעפּט יאָרן אויפצונייען פאַר זיך און אַנדערע „פּרידורקעס" (די וואָס שפּילן דעם גולם, און זיצן אויף גוטע וואַרעמע אַרבעטס־פּלעצער). זיי האָבן מער אַ שטיקל ברויט און אַן איבעריקן טשערפּאַק באַלאַנדע, וואָס זיי קריגן אויפן חשבון פון שווער אַרבעטנדיקן אויף די „אבשטשיע ראבאטי" (אַלגעמיינע אַרבעטן), ווו מען מוז „אוקאַליוואַט", אַריינבראָקן דעם גאַנצן כּוח ביזן לעצטן אָטעם.

איבערגעטאָן אונדז, אַ גראָע אַרמיי, „גלייכגעשאַלטעט", אַלע ווי איינער מיטן זעלבן פּנים, גראָ־געל און אויסגעטריקנט, אָנגעטאָן אין טונקל־גראָען שקלאַפן־מונדיר, אויסגעשטעלט אַלע אין דער ריי, צו 4 אין אַ שורה: „פּיערוואַיאַ, אָטסטופּי"! די ערשטע ריי, אָפּטרעטן! די צווייטע, די דריטע, די צענטע.

איצט זיינען מיר שוין „זייערע" אינעם סטאַנדאַרטנעם שקלאַפן־מונדיר אין זייערע „קערזאָווע" שיך, (תכריכים־שיך פון געשפּאָלטענע גומירעדער פון אויטאָס).

— דאַוואַי! דאַוואַי! גערירט זיך! — און די שטיקעס דערלאַנגען שוין פעסטער אין די טרוקענע ריפּן אַריין און די וועלפּהינט שטשירען די ציינער, גרייט צו וואַרפן זיך אויף אונדז.

— אַפּגעחתמעטע! — גיב איך אַ זאָג צו מיין שכן אין דער ריי.

— עוד לא אבדה תקוותנו — גיט עפּעס אַ שטים פון טרייסט זיך אַ רוף אָן. און מיר קענען זיך ניט אַפּוונדערן: אַ סטרעלאָק פון דער אַכראַנע מיט אַן אָנגעשטעלטער ביקס... ער סטאַרעט זיך אָבער צו פאַר־שווינדן פון אונדזער ריי און צעשרייט זיך פּלוצעם אַ בייזער:

— ראַזגאַוואַרי! ניט רעדן! הייסט עס? עוד לא אבדה תקוותנו? אַ ליכטיקער שטראַל אין דער פאַרלוירנקייט. איז נאָך עפּעס דאָ פאַר אונדז? שוין לאַנג פאַרגעסן דעריך, און דאָ, ביים שד אין די ציין? ערגעץ טליעט נאָך אַ פונק פון מענטשלעכקייט... און אויב ער וועט זיך צע־גליען פון אינעווייניק? איז דאָך געווען אַ פוגאַטשאָוו, אַ סטיענקאַ ראַזין... יאָ, אָבער דאָס האָט געקענט זיין ביים צאַר. אַפילו סטאַלין האָט געקענט אַרויס אַ לעבעדיקער פון צאַרס הענט. און ווי אַזוי וואָלט אויסגעזען די וועלט היינט, ווען „ער" וואָלט געווען איינגענומען אַ מיתה־משונה? הייסט עס, אַז אַ יחיד קען ענדערן דעם גאַנג פון דער געשיכטע? היטלער? סטאַלין? ווו איז העראַקליטס פעסטשטעלונג, אַז „פּאַן טערעי" — אַלץ פליסט און גאָרניט שטעלט זיך אָפּ? און אפשר איז ער טאַקע גערעכט געווען? אפשר קענען זיי בלויז אַריינשטעקן אַ קלאָץ צווישן די שפּרייצן און די געשיכטע ווערט נאָר דערווייל פאַרהאַלטן? און מאָרגן וועלן די רעדער אַלץ צעמאָלן אין מיסט, צעמאָלן זייערע ביינער און אָט די זכרונות וועלן נאָר בלייבן אַ פינצטערער אָנדענק פון זייער בלוטיקן עבר? — —

ניט ווייט איז שוין געשטאַנען אַ צעיאַכמערטע און הודזשענדיקע די „קוקושקע" (אַ שמאָלע באַן), בלאָזנדיק רויך און פונקען אין דער לופטן. איינצלנע פונקען פליען אַריין אינעווייניק, גיבן אַ גלימער, און אויס.

מיר זיינען שוין ווידער איינגעפּאַקט, אָבער די „אַכרע"־לייט שטייען אַרום אונדז מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן, גרייט צו שיסן, האַלטנדיק זייער האַנט נאָענט צו זיך, אויף די שטריק, און מיר מוזן זיצן אויף דער

ערד אין די וואַגאָנען. פּלוצעם האָט זיך אַלץ אָפּגעשטעלט, און „דאַוואַי נאַזאַד״ — צוריקצוּוועגס, זאָגט מען, איז אויך געפאָרן.

איצט נעמען אַרבעטן די „פּאַראַשעס״... „ס׳קען ניט זיין אַמעריקע זאָל שווייגן״. „איצט, אַז די דייטשע חברים האָקן זיי איבער די קעפּ, וועלן זיי זיכער פאַרהאַנדלען מיט דער פּוילישער אַרמיי פון גענעראַל שיקאָרסקי״. אפשר וועלן ביידע האָבן געלערנט עפּעס? — זאָגן די פּאַליאַקן און ס׳פילט זיך די פרייד צוליב היטלערס איבערפאַל אויפן סאָוויעטישן פאַרבינדעטן.

מיר זיינען צוריק אין „דודינקאַ״ איינעם זעלבן גאַראַזש, און מען נעמט שוין קופּקעסווייז אַרומשמועסן דעם צוריקוועגס. מיר זיינען גיך געוווּיר געוואָרן דעם אמת, אַז דער אייזנבאַן־וועג, וואָס איז געווען גע־מאַכט „פּאָ סטאַכאַנאָווסקי״, האָט זיך גענומען, שפּאַן נאָך שפּאַן, פאַרג־דיק מיט דער איבערגעלאָדענער לאַסט פון די סאָוויעטישע שקלאַפן, ביסלעכווייז אַראָפּזעצן זיך נידעריקער און נידעריקער. און היות ווי די וואַגאָנפירערס ווייסן, אַז „ווינאָוואַט וסיעגדאַ סטרעלאָטשניק״ — אַז שולדיק איז תמיד דער נידעריקסטער באַאַמטער, האָבן זיי ניט געוואָלט ווייטער פאָרן. מאָרגן וועט מען אַרויסרופן אַ פּאָר שקלאַפן־בריגאַדעס, וואָס וועלן אונטערשיטן אַ ביסל „שלאַק״ (דאָס אָפּפאַל פון אויסגע־ברענטע שטיינקויל), צוגלייכן דעם וועג, און מיר וועלן שוין ניט אַוועק־קומען.

ניטאָ קיין אַרבעטסלאָזע

דעם אמת געזאָגט, קיין „אַרבעטסלאָזע״, וואָס זאָלן דעמאָנסטרירן פאַר „ברויט און אַרבעט״ ווי ביי די קאַפּיטאַליסטן, זיינען דאָ ניט פאַראַן. דאָ קענען קיין אַרבעטסלאָזע ניט זיין. זאַמלען זיי זיך אָן, נעמט מען זיי צונויף, מען שפּיליעט יעדן צו אַ „פאַרברעכן״, וואָס איז ניט געשטויגן, ניט געפלויגן, מען שטופּט אָן פולע לאַגערן מיט אַרעסטאַנטן, מיליאָנען, וואָס אַרבעטן פאַר אַ שטיק ברויט מיט וואַסער.

ווידער זיצט יעדע נאַציאָנאַליטעט אין באַזונדערע קופּקעלעך. די גדולים פון יעדן בינטל זאָגן אַרויס זייערע מיינונגען: פאַר דעם וועט זיך דער אָננעמען, פאַר יענעם יענער. און פאַר אונדז ווער? מיר זיינען יעדן גרויס אין די אויגן. ערגעץ דערהערט זיך אַ היימישער ניגון:

ס׳לויפן, ס׳יאָגן שוואַרצע וואָלקנס,
ס׳פייפט און ס׳ברומט דער ווינט.
פון סיביריען שיקט דיין טאַטע
דיר אַ גרוס מיין קינד.

קיין מאָל איז דאָס ליד ניט געווען אַזוי נאָענט און פאַרשטענדלעך, ווי איצט...

ערגעץ צעזינגט זיך אַ רוסיש ליד:

צענטראַלקאַ, ווסיע נאָטשי פּאַלניע אָגניאַ.
צענטראַלקאַ, זאַטשעם גובילאַ טי מעניאַ?
צענטראַלקאַ... יאַ טוואָי דאָ סמיערטי אַרעסטאַנט,
פּראָפּאַלאַ סילאַ אי טאַלאַנט, וו סטיענאַך טוואָיך.

אָפּיאַט פּאָ פּיאַטניצאַם פּאָידוט סווידאַניאַ
אי סליאָזי גאָרקיע מאָיעי זשעני...

— — — — — — —

צענטראַלקאַ, גאַנצע נעכט מיט ליכטער.
צענטראַלקאַ, פאַר וואָס האָסטו דערהרגעט מיך?
צענטראַלקאַ, איך בין ביזן טויט שוין דיין אַרעסטאַנט...
פאַרפאַלן די כוחות און טאַלאַנט אין דיינע ווענט.

ווידער אין די פרייטיקן וועלן זעונגען זיין
און טרערן ביטערע פון מיין ווייב...

האַרציקע רוסישע נגונים מיט גאַנצע ימים טרויער איבער גורל פון רוסישן פאָלק, וואָס רייסט זיך פון פינצטערניש, און זינקט אַלץ טיפער.
די אוקראַינער זינגען אַן אַלט תפיסה־לידל פון איוואַן פראַנקאָ, אָדער שעווטשענקאָס דערמאָנונגען פון אייגענע העטמאַנעס, וואָס האָבן פאַר־קויפט ס׳אייגענע פאָלק און זיך אָנגעדונגען פאַר אָנטרייבערס.

יאַק זאַפּראַדאַו העטמאַן
או יאַרמאַ קריסטיאַן,
סאַם נאַניאַוסיאַ פאַהאַניאַטי
אי פאַ סוואָיעי זעמלי
בראַטניו קראָוויו פילי
אי זאַריזאַלי בראַטאַ.

— — — —

ווי ס׳האָט פאַרקויפט דער העטמאַן
איינעם יאָך זיינע פויערן,
אַליין זיך פאַרדונגען צום אונטערטרייבן
און איבער אייגענער ערד
געטרונקען ברידערלעך בלוט
און געקוילעט די ברידער.

אַזוי פיל פיין ביי אַלע נאַציעס און פעלקער. ס׳פאָלק פאַרשרייבט און דערציילט, יעדער זינגט וועגן די שיינקייטן פון זיין לאַנד, ווי ס׳זינגט דאָס לעבן און די נאַטור אין דער היים.

דאָ זינגען אַרויס זייערע ווייען אַלע נאַציעס, וואָס האָבן דאָ פאַר־טרעטערס. און ווער האָט זיי דאָ ניט? טונגוסן, באַשקירן, קאַלמיקן, טאַטאַרן, אינגושן... ווער קען זיי דאָ אויסרעכענען?

מיר כאַפּן אַ בליק אין דרויסן אַרויס. די זעלבע שטעכלדראָט־פאַר־צוימונגען, מיט הויכע הילצערנע פּלויטן אַרום, און ווישקעס, און הויכע, אַלטע, אָפּגעקראָכענע, פון צייט פאַרפוילטע, לייטערס, אַרויפצוקריכן אין די הינטישע סוכהלעך פון סטאַלינס וועכטערס מיט מאַשינגעווער אָנגע־שטעלטע צום שיסן. טייל שטעקעלעך פון דער לייטער זיינען אָפּגעבראָכן און הענגען אויף איין זייט, אויף די איינציקע פאַרזשאַווערטע נעגל, גע־מאַכט אויפן היגן שטייגער, פון שטיקער אייזן, געשניטענע דרייעקיק. קוקן די בלינדע איינציקע נעגל ווי קעצלדיקע בעלמעס, קרעכצן די שטעקעלעך, הוידענדיק זיך אין ווינט.

צו מאָרגנס בלאָזט ווידער די „קוקושקע" מיט פונקען און שלינגט מייל נאָך מייל, צווישן פּרעכטיקע טאָלן און בערג אַרום, און איבער אַלע קעניגט פון ווייטן, ווי אַ ווייסער וועגווייזער, „די שמיטיכאַ" — דער הויכער באַרג מיטן אייביקן שניי־באַדעקטן שפּיץ. מ׳האָט אַ נאָמען געגעבן אים לכבוד דעם באַרימטן פּראָפעסאָר אָטאָ שמידט.

*

ענדלעך זיינען מיר אין נאָרילסק, אין דער פּאַסטשע פון גרויסן אָרגאַניזירטן טויט און אומקום־לאַגער. פּאָר אונדז, און מיט אונדז, ווערט געבוירן אַ נייער „לאַג־פּונקט" נר. 7. מיר האָבן שוין אַן אַדרעס פון אַ נייער „פּאָסטראָיקע" נר. 424.

איצט איז דאָ זומערצייט. די זון שענקט אונדז אַ ביסל פרייד צום אָנבליק פון דער אַרומיקער נאַטירלעכער שיינקייט. מיר געפינען זיך אין אַ טאָל צווישן בערג אַרום. איצט איז דער שענסטער זומער־סעזאָן פון גרינקייט און אַלערליי קאָלירקע בלימעלעך און יאַגדעס. פון יענער

זייט פון אונדזער צוים שטייען שוין בייע, הויכע „ווישקעס" מיט באַוואָפּנטע סטרעלקעס מיט שיסגרייטע מאַשין־ביקסן, און היטן אונדז טאָג און נאַכט. די באַראַקן זיינען אויך נייע, נאָך אָן טירן און פענצטער, ביסאַ נאָך קיין גלאָז. ס'גאַנצע מאַטעריאַל איז נאָך נאַס, אָבער די נאַרעס זיינען געקלאַפּט מיט די קיילעכדיקע עקן פון די ביימער אַרויף, צום שלאָפן אויף זיי. דאָס האָט דער נאַטשאַלניק פון לאַגער באַפוילן אַזוי צו קלאַפּן, אַז די אַרעסטאַנטן זאָלן ניט האָבן קיין צו גלאַטיק געלעגער: „זיי וועלן דאָך ניט פילן ביי יעדן ריר, אַז זיי זיינען אין לאַגער!".

ערגעץ אויף אַ בערגל שטייט אַ ניוועליר־אַפּאַראַט. קיין אינזשעניר איז ניטאָ. צעלטער, דער זייגערמאַכער, גייט צו צום אַפּאַראַט, קוקט אַריין אין גלעזל. ס'דרייט זיך אַרום, דרייט ער זיך אויך, קוקט פון באַרג צו באַרג.

— וואָס זעט איר דאָרט, צעלטער? איר זענט אַן אינזשעניר?

— וואָס איז אַ חילוק? בין איך אַ זייגערמאַכער־אינזשעניר... אַ מאָל געשיקט קיין דייטשלאַנד אַ פאַרשלאָג מיט אַן אויסבעסערונג פון אַ זייגערל... בין איך אינזשעניר...

צו וואָס דאַרפן די סאָוויעטן אַזאַ אינטענסיווע שקלאַפן־אַרבעט אין די רייכסטע טיילן פון דער וועלט, וואָס זיי פאַרמאָגן, מיט אַזאַ נאַטירלעכער עשירות, וואָס וואָלט געקענט זעטיקן און רייך מאַכן איר גאַנצע באַפעלקערונג מיט פרידלעכער אַרבעט?

מיר האָבן שוין אַלץ דאָ. אויך אַ „באַניע" צו באָדן זיך. יעדער האָט רעכט אויף אַ שעפּעלע וואַרעם וואַסער, אָבער ניט מער. דאָס איז די „נאָרמע". אַלץ איז „נאָרמעס". ווער ווייס? אפשר וועט מען מאָרגן אָטעמען מיט אַ נאָרמע? נאָכן אָפּוואַשן זיך, גייט מען אין פּאָרהויז, און דאָרט שטייט מאַרוסיאַ, אַ שיינע געזונטע „נאַצמענקע" (פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן) מיט אַלעם גוטן, וואָס אַ יונגע פרוי קען פאַרמאָגן. זי איז די „סאַניטאַרע" אויפזיכט. יעדער מאַן, וואָס שטייט אין איר ריי, גייט צו צו איר, נאַקעט ווי געבוירן, זי שטייט מיט אַ ראַזיר־מעסער, נעמט אָן ביי יעדן מאַן זיין געשלעכטלעכן אָרגאַן, און ראַזירט אַלץ אַרום.

ריכטיק האָבן געזאָגט אין סטאַניסלויוער תפיסה די סאָוויעטישע

„איבערדערצײַערס" אונדזערע: „ביי אונדז וועסטו לעבן, און קיין ווייב קיין מאָל ניט דאַרפן". אָט איז אַזאַ שײַנע, געזונטע מאַרוסיאַ, מיט אַלעם שיינעם, וואָס אַ געזונטער מאַן קען וועלן גלוסטן, אָבער איצט איז אַלץ טויט. און זי, ווי קיין מאָל גאָרניט, אַרבעט איר „פּאַך", גיט אָפּט אַ שמייכל צו איינצלנע מענער און... „דאַוואַי סליעדוויושטשי"!

מיר זײַנען שוין איינגעטיילט אין בריגאַדעס. 4 אַ זייגער איז „פּאָד־יאָם", אויפשטיין, הייסט עס. מ'קלינגט מיט אַ האַמער אין אַ שטיק הענגענדיקער שינע ביי דער קאָמענדאַנטור. זופּ אויס אַ ביסל וואַרעם וואַסער און שטיי גרייט ביים טויער, ביז ס'קומט דיין בריגאַדיר, שטעל זיך פאַר זיין בריגאַדע. (ריי נאָך ריי גיט מען איבער די שאָף צו דער מיליטערישער אָכראַנע וואָס באַגלייט אונדז צום אַרבעטס־פּלאַץ. איידער מען צעלאָזט אונדז אַרבעטן, קלאַפּט מען אַריין שטעקנס אָדער גרויסע שטיינער אַרום אַרבעטס־פּלאַץ און מען ווייזט אונדז: „ביז אַהין מעגט איר גיין, פאַר איבערשפּאַנען איבערן צייכן, שיסן מיר אָן וואָרענונג".

איין מאָל האָט מען אונדז אַרויסגעפירט אויף אַ הויכן באַרג. דער פראָסט איז געווען אומדערבאַרעמדיק. אַ דריי מיטן קאָפּ און די שטשאָקעס זײַנען אָפּגעפרוירן, ווייס. די שכנים כאַפּן אַ ביסל שניי און רייבן איין ס'פּנים ביז זיי דערזעען אַ ביסל בלוט דערין.

שקלאַפּעריי

ווען אין 1939 זיינען די סאָוויעטן געקומען אונדז „באַפרייען", האָבן זיי מיטגעבראַכט אַ שטאַב קינאָ־„אַפּאַראַטשיקעס". נאָכן אַראָפּנעמען די אָרגאַניזירטע „יובל־אויסרופן פון פאָלק", וואָס מ'האָט צונויפגעטריבן צו ווייזן די „פרייד פון דער באַפרייונג", זיינען צוויי אַזעלכע „אַפּאַראַט־טשיקעס" געקומען צו מיר, איינער אַן אוזבעק, דער אַנדערער אַ ייד. איך האָב זיי דערציילט פון אונדזער פּאָליטרוקס אַנטיסעמיטישע רעדעס. האָבן זיי געזאָגט, אַז „ביי אונדז טאָר מען דאָס ניט, נאָר ביזסער קום אַוועק פון דאַנען"! — האָט איינער אַ שלעפּ געטאָן דעם אַנדערן און זיי זיינען אַנטלאָפן...

ביסלעכווייז הייב איך אָן פאַרשטיין, וואָס דאָס הייסט „סאָציאַליזם", „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט". איצט, אָנקומענדיק קיין נארילסק, נעמען מיר די פּראַקטישע לעקציעס פון סאָציאַליסטישע „פּאַסטראָיקעס". אונדזער „לאַג־פּונקט" געפינט זיך צווישן בערג, און דאָ אין מיטן טאָל זיינען שוין אויפגעשטעלט באַראַקן פון נאַסן האָלץ, אָן טירן און פענצטער. דער וועג אַהער פירט דורך אומוועגן אַרום די בערג, וואָס פאַרמאָגן נאָך זייער רויע נאַטירלעכע שיינקייט. ניט ווייט פון יענער זייט באַרג איז שוין פאַראַן אַ שטראָז, וואָס בינדט צונויף די אָפּטיילונגען. איצט וועלן מיר דאַרפן „אָפּשניידן" דעם באַרג אויף רעכטס און אַ צוויי בערג אויף לינקס, און דאָס וועט שוין איינשליסן אונדזער „לאַג־פּונקט" צו דער געמיינזאַמער „פּאַסטראָיקע".

מיר זיינען איינגעטיילט אין בריגאַדעס, צו מיינסטנס פּוילישע אין איינעם. מיר ווילן מיט אונדזער ערלעכער אַרבעט איבערצייגן אונדזערע „אדונים", אַז זיי האָבן אונדז אומזיסט באַשולדיקט, ווייל מיר זיינען פּשוטע ערלעכע אַרבעטערס, וואָס האָבן אַפילו געוואָגט צו טרוימען פון אַ שענערן מענטשלעכן צוזאַמענלעבן.

מיר גראָבן שוין דעם ערשטן באַרג. אונדזערע בריגאַדעס באַמיִען זיך צו מאַכן וואָס מער. די אַלטע בריגאַדעס קוקן און שמייכלען פון אונדזער פלייס. זיי שאָקלען זיך קוים, און מיר אַרבעטן מיט התמדה. אין אָוונט ברענגט מען אונדזער „פּאַיאָק" — די קלענסטע פּייקעס פון אַלע בריגאַדעס. די אַרבעטערס קוקן אויפן בריגאַדיר, וואָס איך בין דעמלט געווען. איך פיל זיך שולדיק. איך גיי פרעגן, זאָגט מען מיר, אַז ס'ברויט פאַר דער היינטיקער אַרבעט וועלן מיר ערשט באַקומען מאָרגן. מילא, וואָס קען איך טאָן? מאָרגן אַרבעטן מיר ווידער מיט שווערער אָנשטרענגונג, אָבער אין אָוונט — ווידער די קלענסטע פּייקע. איך לויף פרעגן, באַקום איך אַן ענטפער, אַז דאָס איז עס, וואָס דער „דעסיאַטניק" האָט אונדז פאַרשריבן. דער מוט פאַלט. אונדזער בריגאַדע איז איינגעטיילט אין „זווענאָס", קליינע אַרבעטס־גרופּעס צו 8—10 מאַן. און מען נעמט שרייען אַרום: „בריגאַדיר, בריגאַדיר!"

ער זעט מיך אַוועקוואַרפן די לאָפּאַטע:

— דו ביסט דער בריגאַדיר? ביי אונדז אַ בריגאַדיר אַרבעט ניט. אַ בריגאַדיר גייט נאָר אַרום, און זעט, אַז אַנדערע זאָלן אַרבעטן!

— דאָס זיינען אַלע מיינע חברים, און אויב זיי שטייען אָפּ, מוז איך זיי העלפן — דערקלער איך אים פּשוט.

ער צעשמייכלט זיך:

— דאָ זאָרגט יעדער פאַר זיך... אַ בריגאַדיר טרייבט נאָר אונטער... אָבער ברויט קריגן מיר נאָך אַלץ צום ווינציקסטן.

אַ פּאָר טעג שפּעטער, באַקומען מיר אַ נייעם „דעסיאַטניק", אַ פריינד־לעכער יונגער מענטש. ער פרעגט מיך פון וואַנען מיר זיינען.

— פּוילישע? איך קום איצט פון די „נאָוואָסיבירסקיע אָסטראָוואַ" (אינדזלען), דאָרט בין איך געזעסן מיט אַ סך פּוילישע. געדענקסט אפשר, ווען מען האָט אויפגעלייזט דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי אין פּוילן און אַרעסטירט זיי אין מאָסקווע? איך בין געזעסן מיט זיי דאָרט, אויף די „נאָוואָסיבירסקער אינדזלען". געווען דאָרט איינער, פּאַסטערנאַק, און אַנדערע... זייער פיינע מענטשן... כ'האָב פון זיי אַ סך געלערנט...

איך דערצייל אים וועגן דער צרה דאָ. וואָס מער מיר אַרבעטן, אַלץ ווייניקער באַקומען מיר ברויט.

— זאָרג ניט! איצט וועט איר שוין מער באַקומען, נאָר לערן אויס דיין חברה צו אַרבעטן „פּאָ אודאַרנאָמו״, שלאָגלעריש, הייסט עס. און ער האָט מיר געגעבן די ערשטע לעקציע, וואָס דאָס הייסט „מאַכן נאָרמעס״. אויסגראָבן אַ גרוב, הייסט אַרומגראָבן טיפער ביי די זייטן, ווו דער דעסיאַטניק קומט מעסטן, אין מיטן דאַרף מען נאָר איבערקערן ס׳ליים און אַוועקוואַרפן עס אַ ביסל ווייטער, אין מיטן מעסט מען ניט. דער ברעג מוז ניט זיין גלייך אַראָפּ, נאָר שיפער, קומט אויס מער און טיפער פאַר דער נאָרמע... וואַרפט מען אַ ביסל ווייטער ס׳ליים, פאַרשרייבט מען צוויי „פּערעקידקעס״ (צוויי מאָל אַריבערגעוואָרפן), און נאָך אַנדערע קונצן. „פּאָ אודאַרנאָמו נאַדאָ ראַבאָטאַט״! — זאָגט ער מיר הויך, אַלע זאָלן הערן, מיט אַן ערנסטן פּנים, און גייט אַוועק שמייכלענדיק.

איך האָב אָנגעהויבן פאַרשטיין, וואָס דאָס הייסט „שלאָגלערישע אַרבעט״, „סטאַכאַנאָווישע נאָרמעס״, וואָס דאָס מיינט „יאָגן און איבער־יאָגן!״. אַלץ ווערט מיר איצט קלאָרער... צו מאָרגנס פירט מען אונדזער בריגאַדע צו דער אַרבעט. אויפן וועג איז דאָ אַ קליין וואַסערל דורכצוגיין, און שטיינער זיינען אָנגעלייגט צום אַריבערגיין. די מענטשן פון מיין בריגאַדע גייען אַריבער איינציקווייז, איבער די שטיינער. קומט אונטער אַ יונגער „סטרעלאָק״, וואַרפט אַריין די מענטשן אין וואַסער אַריין, און שרייט:

— אין וואַסער זענט איר קראַנק צו גיין?

— וואָס מיינסטו? — האָב איך זיך אָנגערופן — מיר זיינען ניט קיין מענטשן ווי דו? איך וועל עס מאָרגן דערציילן אונדזער נאַטשאַלניק. מיר זיינען ניט קיין געמשפּעטע און ניט דיינע שקלאַפן. מאָרגן קענען מיר זיין פרייע, גלייך מיט דיר. איך וועל דאָ אויפן אָרט צוגיין צו די נאַטשאַלסטווע, וואָס קומען זען די אַרבעט, און וועל זיי אַלץ דערציילן...

ער האָט זיך אַ ביסל צעשמייכלט, ניט געוואָרפן מער מיט די מענטשן, און צו מיר שטיל אַ זאָג געטאָן:

— וועסט אַוועקגיין פון דיין בריגאַדע, דערשיס איך דיר! — און מיט אַ שמייכל האָט ער זיך אַוועקגעדרייט.

צו מאָרגנס האָב איך זיך אָפּגעזאָגט פון „בריגאַדירשאַפט”. איך וויל בעסער אַליין אַרבעטן. אַזוי אַרבעט איך אויך ניט ווייניקער, און איך האָב נאָך מער קאָפּדרייעניש. ביים אַרויסגיין צו דער אַרבעט, האָב איך זיך אויך אַריינגעשטעלט אין מיטן דער בריגאַדע און געהייסן איינעם א סטאַניסלויער, סרולציע וואָל, איבערנעמען די בריגאַדע, עטלעכע מאָל האָט מען געשריגן מיין נאָמען, און איך האָב זיך ניט אָפּגערופן. איז צו מיר צוגעקומען איינער מיט אַ שמייכל, מיך אָנגענומען ביי דער האַנט, צוגעפירט צום עק באַרג, און מיר געוויזן ווייט ערגעץ אַ רויט ציגל־הייזל.

— זעסט דעם „קראַסני־דאָמיק”? ביי אונדז, אַז מען פאָלגט ניט, נעמט מען אַוועק אַהין, און פון דאָרט גייט דער וועג גלייך אין הימל אַריין... ניטאָ ביי אונדז קיין אָפּזאָגן זיך...

איך האָב זיך אָבער ניט געלאָזט אָפּשרעקן און ניט געוואָלט מער זיין קיין בריגאַדיר. אין הייזל אַריין האָט מען מיך ניט געפירט...

*

אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט מען אונדז איבערגעפירט אויפן „זאַמד־קאַריער”. גאַנצע בערג מיט זאַמד. אין די זומערטעג דערוואַרעמט די זון ס׳זאַמד, און ס׳שיט זיך אַראָפּ פון באַרג, גלייך צו שעפּן מיט לאָפּאַטעס. אין די טאַטשקעס אַריין, וואָס מוזן זיין אָנגעפילט מיט אַ באַרג פון אויבן. מיר האָבן נאָך געהאַט אַ ביסל דער מאַמעס מילך, האָט אַ שווערע טאַטשקע ניט שטאַרק אויסגעמאַכט. איך האָב זיך אויסגעטאָן, ווי זומער אין דער היים אויף דער פליאַזשע, אין די הוילע אונטערהייזלעך, געלאָפן מיט די פולע טאַטשקעס מיט פרייד, אַבי ניט אין די אָפּגעשלאָסענע באַראַקן. די זון האָט געוואַרעמט און אויפגעפרישט די גלידער. ביים עק שטייט אַ ברעטענע בריק. מיר פירן צו די טאַטשקעס זאַמד און שיטן זיי אַראָפּ טיפער. מיר שלעפּן די טאַטשקעס אין דער ריי און די אַרבעט גייט כמעט אין אַ ריטעם. פּלוצעם האָב איך דערזען, ווי אַרום שטייען אַ סך

„קנעפלעך", בריגאַדירן און דעסיאַטניקעס און זיי באַוווּנדערן מיט אַ שמייכל אונדזער אַרבעטסלוסט, וואָס איז געווען אַרויסגערופן נאָר אַ דאַנק דער ליכטיקער זון, צו וועלכער מיר האָבן אַזוי לאַנג געבענקט, און דעם וווּנדערלעך שיינעם אַרום, פון גאָטס מייסטערהאַפטער האַנט באַשאַפן...

ווען מיר זיינען געקומען אַהער קיין נאַרילסק, האָט מען אָפּגעקליבן אַ בריגאַדע, צו שיקן אַרבעטן אויף דער אייזנבאַן־ליניע צווישן דודינקאַ און נאַרילסק. געווען דאָרט עטלעכע צווישן־סטאַנציעס, וואָס האָבן פאַר־מאָגט נאָר אַ וואַכטע־שטיבל פון אַ באַן־וועכטער מיט אַ טעלעפאָן. אָבער די „גרעסטע" סטאַנציע איז געווען „פּאַפּאַנינסקאַיאַ" אויפן נאָמען פון סאָוויעטישן פּאָלאַר־פאָרשער פּראָפ׳ פּאַפּאַנין. אונדזער „סטאַנציע" איז באַשטאַנען פון צוויי אַלטע באַראַקן, פינצטערע, מיט אָפּגעריסענע ברע־טער פון די „קאַרקאַסנע" ווענט, ד"ה אויפן היגן בויסיסטעם געמאַכט: אַריינגעקלאַפּט קלעצער אין דר׳ערד, פון ביידע זייטן מיט ברעטער פאַר־קלאַפּט, און אין מיטן אָנגעשיט מיט כל מיני מיסט. שלאַק פון אויס־געברענטע שטיינקוילן, וואָס די באַנען שיטן אויס אויף די וועגן, זעגעכץ און סתם אַלערליי מיסטן שיט מען אַן צווישן די ווענט, פון אויבן קלאַפּט מען צו ברעטער, אַ דאַך, און גענוג פאַר די שקלאַפן פון „סאָציאַליסטי־שער בויונג" אין די זאַפּאָלאַרנע פרעסט, וואָס דערגייען אָפּט צו איבער זעכציק גראַד צעלזיוס און מענטשן פרירן אָפּ אברים, נעז און שטיקער פנים, ניט פילנדיק אַפילו.

פּאַפּאַנינסקאַיאַ

די באַראַקן דאָ, אויבן אויפן באַרג, זיינען אין איין עלטער מיט דער „סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע" פון גרויסן אָקטאָבער... אָפּגעריסענע שטיקער ווענט, שוואַרצע נאַרעס און בריקן אונטער די פיס, וואָס האָבן נאָך אַ פּאָר ברעטלעך אַרום אויוועלע מיט צעבראָכענע רערן, וואָס גייען אַרויס דורך אַ לאָך אין דאַך.

נאָך אין סטאַניסלוויער תפיסה האָט מען צו אונדז, יידישע אַרעסט־טאַנטן, קיין שום עסנוואַרג ניט צוגעלאָזט, בשעת פּאַר אַנדערע, אַלערליי נאַציאָנאַליסטן, און אָפּענע שונאים פונעם ראַטן־פּאַרבאַנד, האָט מען אַלץ צוגעלאָזט, אָבער פאַר אונדז האָט מען צוגעלאָזט אַנטועכץ. אונדזערע ליבע עלטערן זיינען געפאָרן הונדערטער קילאָמעטערס אין די פּראַסטיקע ווינטערס, צו ברענגען אונדז אַ ביסל קליידער, מיר זאָלן, חלילה, ניט פאַרפרוירן ווערן. זיי האָבן געשיקט פּעק אַנטועכץ, וואָס זיינען אין גיכן געוואָרן אונדזער פלאָג ווען מען האָט אונדז געפירט אויף די עטאַפּן און מיר האָבן דאָס געמוזט שלעפּן אויף די פּלייצעס. אָבער וואָס ווייטער, איז אונדז אַלץ לייכטער געוואָרן, ווייל די גנבים אַרום זיינען ניט גע־שלאָפן אין די נעכט און געגנבעט פון די צוקאָפּנס־בונטן. די שמאַטעס, צו וועלכע מיר זיינען געווען אַזוי צוגעבונדן, האָבן אונדז ניט געלאָזט שלאָפן אין די נעכט, און ביי טאָג האָבן מיר זיי געשלעפּט מיט זיך צו דער אַרבעט.

איך האָב זיך געפילט זייער אויסגענאָגט און פאַרמאַטערט. איין מאָל האָב איך אין חלום באַקומען אַן אָנזאָג: „כל זמן וועסט האָבן די שמאַטעס אָפּצוהיטן, וועסטו קיין רו ניט האָבן". אין דער פרי האָב איך געדענקט דעם חלום, האָב איך איבערגעלאָזט מיין בונט זאַכן אויף דער נאַרע, און אַ לייכטער, אָן דאגות, אַוועק צו דער אַרבעט, וויסנדיק, אַז צוריקצוועגס וועל איך שוין גאָרניט געפינען פון מיינע שמאַטעס. איך

האָב אָבער אַ טעות געהאַט, אינעם קאָרידאָר צום באַראַק האָב איך גע־פונעם און דערקענט איין זאַק מיינעם, און דעם אַנדערן געפונען נאָך צוקאָפּנס, מיט מיין ליידיקער טאָרבע. „געלויבט איז גאָט!...״ האָב איך מיר אַ זאָג געטאָן, געפּטרט די צרות און באַהאַלטן די לעצטע פּאָר זאַקן אין טאָרבע אַריין...

אָנגעקומען קיין פּאַפּאַנינסקאַיאַ שוין אַ לייכטער פּאַסאַזשיר מיטן סאָוויעטישן פאַרמעגן פון אַ בלעכענעם קעסעלע, מיט אַ לעפל, וואָס קיינער האָט קיין מאָל ניט גענוצט, ווייל ס׳איז ניט געווען צו וואָס. דאָס איז איינער פון די סאָוויעטישע הוזקס, ווייל זיי ווייסן גוט, אַז מיט די לעפל דאַרף מען נים שעפּן דאָס קאַלאַמוטנע וואַסער פון זייער „באַלאַנדע״, באַר מען גיסט עס גלייך אין גאַרגל אַריין.

מיט אונדז איז געקומען דער „נאַטשאַלניק״ אונדזערער — אַן אַלטער אַרעסטאַנט, וואָס האָט זיך שוין געדאַרפט איבער אַ יאָר באַפרייען, איצט איז ער אונדזער נאַטשאַלניק, נאַריאַדטשיק, בריגאַדיר, און פּראָראַב. הינטער אונדז איז אויך מיטגעפאָרן די זייער באַליבטע „אָכרע״ מיט די ביקסלעך און אָנגעפּרעטענע פּיסקעס. איינער פון אונדז האָט נאָכגע־טראָגן אַ שפּיזן־קעכל אויף די פּלייצעס. צוקומענדיק אין מיטן באַרג אַרויף, האָט דער „אָכראַניק״ באַפוילן דעם מיטן קעכל אויף די פּלייצעס, אַפּטראָגן ס׳קעכל צו זיי אויפן אַנדערן בערגל, אַנטקעגן אונדזער באַראַק, ווו ס׳איז געשטאַנען זייער גוט פאַרמאַכט באַראַקל, ווי אַ פּויערישע כאַטקע.

אונדזער „נאַטשאַלניק״ שרייט, אַז ס׳קעכל גייט צו זייער באַראַק, ד״ה אין באַראַקל ווו ער מיטן „וורעטש״, עפּעס אַ סאַניטאַר, וואָס מיר רופן שוין „וורעטש״ ד״ה דאָקטאָר — און דער אָכראַניק זאָגט: צו זיי! דער „נאַטשאַלניק״ נעמט זיך מיט אים קריגן. דרייט דער אָכראַניק אויס ס׳ביקסל צום „נאַטשאַלניק״, און ס׳קעכל גייט צו זיי...

איין טאָג האָב איך באַקומען הויכע טעמפּעראַטור, גיי איך צום „וורעטש״. דווקא אַן אינטעליגענט פּנים, אויסגענאָגט און אויסגעדאַרט, גלייך מיט אונדז. ביי יעדער שפּאַן זיינער, הערט מען די קניען סקריפּען, ווי פאַרזשאַווערטע זאַוויסעס. ער לאָזט מיך איבער אַ טאָג שלאָפן אין

באַראַק. שלאָפנדיק ניט צו שטאַרק אין דער קעלט, האָב איך געהערט ווי די טיר עפנט זיך, און ס'קומט אַריין אונדזער „נאַטשאַלניק". ער קריכט אַרויף אויף די נאַרעס, גייט פון בינטל צו בינטל, קוקט אַלץ איבער און לייגט אין די קעשענעס אַריין. איך וועל זיך ניט אָנרופן, ווייל דאָ זיינען קיין מענטשן מער נישטאָ; ער קען מיר דערלאַנגען מיט אַ מעסער אין האַרץ אַריין, צי מיט אַ דראָנג איבערן קאָפּ, און קיינער האָט גאָרניט געזען... איך ווייס שוין, אַז חוץ „נאַטשאַלניק", בריגאַדיר, נאַריאַדטשיק, דעסיאַטניק און פּראָראָב, איז ער אויך אַ גנב — ס'בעסטע צעטל פאַר סאָוויעטישע מיוחסים: חלילה ניט קיין 58ער, ד"ה אַ פּאָר־שאָלטענער פּאָליטישער „קאָנטריק"...

צו מאָרגנס גיי איך ווידער צום „ווראַטש" און גיב אים אַוועק די לעצטע זאַכן. ווען דער נאַטשאַלניק האָבן ווייניקער צו גנבענען. ער לאָזט מיך איבער אויף נאָך אַ טאָג אין זאָגט זיך אויסצורוען. אַלע זיינען אַוועק מיט דער אָכראַנע אין איינעם, דער „נאַטשאַלניק" מיטן „ווראַטש" האָבן זיך געלייגט שלאָפן, גיי איך אַרויף אויפן באַרג אַ קוק טאָן אַרום. אַ פּרעכטיקע געבענטשטע שיינקייט, אַ גאָלדענע ווייסע אומענדלעכע וועלט...

ווען דער אָכראַניק זעט מיך דאָ, מעג ער מיך דערשיסן, ווייל איך בין איבער דער זאָנע. אָבער זיי זיינען אַוועק אין דר'ערד אַריין. אונטן איז אַ וואַסער. איך גיי אַראָפּ. אַ קלעצל איז אַריינגעקלאַפּט אין דר'ערד אַריין און אַ שטריק ציט זיך עפּעס. איך טו אַ שלעפּ די שטריק און צי אַרויס אַ גאַנצן בינט מיט גרויסע פיש, טויטע, אויפגעצויגענע אויפן שטריקל. זיכער פאַר אונדזערטוועגן מיטגעגעבן, אָבער ווער פון אונדז האָט אַ מאָל געזען אָדער פאַרזוכט עס? איך לייג זיי צוריק אַריין און שווייג. כ'וועל קיינעם ניט דערציילן... איך וויל זיי איבערלעבן...

דער „דאָקטאָר" שיקט מיך קיין דודינקאַ, צו אַ דאָקטאָר דאָרט. זיכער קען איך די דאָרטיקע בריגאַדעס, וווהין זיי האָבן מיך דערווייל צוגעטיילט, ניט נאָכהאַלטן. דאָרט זיינען אַלטע לאַגערניקעס, שוין יאָרן „פּרידורעווען" זיי זיך דאָ. רעדן אויף זייער לשון קען איך נאָך ניט. מען שיקט מיך אין אַ צוויי וואָכן אַרום צוריק, קיין פּאַפּאַנינסקאַיאַ. ביי

נאכט בין איך אָנגעקומען מיט מיין „גנב־נאַטשאַלניק״ צוריק אַהער. אַ פינצטערניש, אַלע ליגן אויף דר׳ערד אַרום אייוועלע. באַלד קומט דער „פאַדיאָם״ און מ׳דאַרף ווידער אַרבעטן מיטן לעצטן אָטעם.

די טראַנסילוואַניער בחורים, וואָס זיינען פון דער היים אַנטלאָפן אין „גן־עדן״ אַריין, ווען זיי האָבן דערהערט, אַז די סאָוויעטן זיינען ביי אונדז, זיינען אַלע אין אונדזער בריגאַדע. זיי זיינען נעבעך אויסגעהונ־גערט און אויסגעדאַרט, מ׳האָט זיי פאַרשיקט אַהער אַלס היטלערישע שפּיאָנען...

איצט ליגן זיי דאָ אַלע, מידע און צעבראָכענע, הונגעריקע און פאַר־לוירענע, ביי די פּאָר נאָך ניט פאַרבר׳ענטע ברעטער אַרום שפּיזענעם קעכל. זיי טוליען זיך און קאָרטשען זיך איינער צום אַנדערן, אָנגעצו־וואָרעמען די פאַרפרוירענעביינער. מענדעלע, אַ יונג בחורל, נאָר וואָס אַרויס פון ישיבה, האָט זיך איבערגעוועקט. מיך דערזען און זיך שטאַרק דערפרייט, איך האָב אים קוים איינגעשטילט, און ער האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געוויין:

— מיר האָבן אַלע באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד... איינציק־וויין... נעכטן האָט זיך לעיווי, וואָס קען ניט אַ וואָרט ניט יידיש, ניט רוסיש, נאָר „מאַגאַרעמבער״, זיך אַראָפגעוואָרפן פון בריק, אין די סקאַלעס אַריין, ער איז אָבער ניט געהרגעט געוואָרן, נאָר זיך שווער פאַרוואונדעט. האָבן מיר געמוזט אַראָפגיין, אים אַרויפטראָגן צוריק קוים אַ לעבעדיקן. מיר האָבן אים אַהיימגעבראַכט אויף די פּלייצעס, און זיי האָבן אים אַריינגעוואָרפן אין חזיר־שטעלכל, וואָס נעבן דער קיך. קיינער טאָר צו אים ניט צוגיין... זיי לאָזן אים אַזוי אויסגיין... מאָרגן איז זיין, מענדע־לעס, „אָטשערעד״ זיך צו וואַרפן אונטער דער דורכפאָרנדיקער באַן... וויינט ער, ער וויל ניט באַגיין זעלבסטמאָרד... וואָס טוט מען? איך האָב אים איינגעשטילט: „זאָרג ניט, די וועלט גייט נאָך ניט אונטער. אָבער דאָס? אַ מכה זיי״!

אין דער פרי האָבן מיך אַלע באַגעגנט מיט גרויס שמחה.

— ווער איז עס דער חכם, וואָס האָט באַשלאָסן, אַז אַלע מוזן באַגיין זעלבסטמאָרד? — פרעג איך — טפשים זענט איר! מאָרגן קען ווערן

אַ שיינע וועלט, און איר וועט ליגן אין דר׳ערד? ווער ס׳קען קיין שלעכטס ניט איבערהאַלטן, וועט קיין גוטס ניט דערלעבן... זאָלט איר געדענקען... אוודאי איז שווער, אָבער מיר מוזן איבערהאַלטן... — און איך האָב זיך געשטעלט אין ערשטער ריי צום „ראַזוואָד" און גענומען מענדעלען נעבן זיך.

מיר גייען צו „אַקטיאַבערסקאַיאַ" אַרבעטן אויף דער ליניע. דאָרט איז בסך־הכל דאָ אַ טעלעפאָן־בודקע מיט איין מענטש. אַרום ליגן שוין אַ הונדערט פלויטן, אויפצושטעלן פאַרן שניי, וואָס פאַרשיט דעם „אייזנבאַן־וועג" און מיר, נאָך אַזאַ „זאַטן" טרינק פון „באַלאַנדע", מוזן אַרויפטראָגן די פלויטן אויפן שפּיץ באַרג, און דאָרט, אין דער ריי, טיף אַריינשטעקן זיי אין שניי אַריין.

דער „בריגאַדיר", אַ טראַנסילוואַניער פויער, וואָס האָט ניט קיין פּיצל שכל, רעכנט אויס צו 10 פלויטן פאַר יעדן איינעם, אַרויפצוטראָגן...

— ניין, חבר — רוף איך מיך אָן — אַזוי מאַכט מען ניט. טייל איין אונדזערע מענטשן אין דריי גרופּן. די געזונטערע צו 15 פלויטן, די שוואַכערע צו 10 און די שוואַכע צו 6 פלויטן — איך שטעל זיך אַריין צווישן די געזונטסטע... דאָס האָב איך געטאָן, כדי ער זאָל ניט קענען זאָגן, אַז כ׳בין אויסן זיינע געזונטע יונגען זאָלן אַרבעטן פאַר די שוואַכע. און אַזוי איז געבליבן. מיר האָבן גענומען שלעפּן די פלויטן באַרג־אַרויף. איך האָב שוין קיין כוח ניט געהאַט אַרויפצושלעפּן אַזוי פיל, אָבער כדי מענדעלען מיט הערשן, צוויי שוואַכע ישיבה־ייִנגלעך נישט איבערצוברעכן, האָב איך געמוזט אויף זיך נעמען די שווערסטע אַרבעט.

10 פלויטן האָב איך שוין אַרויפגעשלעפּט, און מענדעלע שלעפּט ערשט דעם דריטן פלויט. איך זע, ווי ער פאַלט מיטן פלויט, און דער פלויט איבער אים. איך האָב דערליידיקט מיינע 15 פלויטן און נאָך אַרויפגעטראָגן מענדעלעס צוויי פלויטן.

פון דער אַרבעט בין איך געקומען האַלב טויט. קוים דערקראָכן צום באַראַק. איך האָב עפּעס צו טאָן פאַר לעיווין, וואָס ליגט דאָרט אין חזיר־שטעלכל. כדי געוווּיר צו ווערן, וואָס דאָרט טוט זיך, האָב איך זיך

געווענדט צום „דאָקטאָר״, ער זאָל מיך אויף מאָרגן באַפרייען, און ס׳איז מיר ניט שווער אָנגעקומען.

אין דער פרי זיינען אַלע אַוועק צו דער אַרבעט, איז צו מיר געקומען אין באַראַק אַריין דער „דאָקטאָר״ און מיך געבעטן, אַז אַזוי ווי איך בין פריי און דער „באַטשאַלניק״ איז מיד, ווייל ער האָט געקאָכט ביי נאַכט די זופּ פאַר אונדז, זאָל איך אַרויפגיין און באַזאָרגן האָלץ פאַר דער קיך, צו קאָכן דעם „נאַכטמאָל״.

איך האָב בלויז געוואַרט דערויף... איך בין אַרויפגעגאַנגען, אָנגע־האַקט האָלץ געווען גענוג, און ווען כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי זיינען שוין אין גוטן שלאָף, האָב איך מיך גענומען אַרומקוקן אין די ווינקעלעך, און געפונען אַ טאָפּ מיט מעל, גרייט צו באַקן לאַטקעס, אַ פלאַש אייל, וואָס מיר האָבן קיין מאָל ניט פאַרזוכט, אַ זעקל מעל. איך האָב גיך געמאַכט פייער, אָפּגעשיט פון זעקל אַ ביסל מעל, און שנעל אָפּגעבאַקן אויף דער בלעך אַ פּאָר געבאַקענע בלינצעס. איך האָב אָפּגעוואַשן די קיך, ניט צו דערקענען, צוריקגעשטעלט דעם טאָפּ, און געלאָזט ברענען אַ קליין פייערל.

מיט די פּלעצלעך אין האַנט בין איך צוגעלאָפן צום טירל פון שטעלעכל, ווו לעיווי איז געלעגן, און אַ געשריי געטאָן: „לעיווי, לעיווי״! מיט אַ קוים הערבאַרן קול האָט ער געענטפערט, ווי פאַרחלשט: אַ...אַ...?

— בערי, בערי! נעם! — האָב איך אים געזאָגט און געשטופּט די פּלעצלעך אונטן, דורך דער שפּאַרע. ער האָט זיך ווי איבערגעוועקט און אָנגעהויבן נעמען. איך אַליין, בין אויך גענוג הונגעריק... אָבער איך באַקום עפּעס. וועד ווייסט צי ער באַקומט עפּעס?

מיר זיינען צוריקגעפאָרן קיין נאַרילסק. שטענדיק ברעכן אויס קריגע־רייען, ווי אין תפיסה אין סטאַניסלוי, און איך האָב זיי אַלע מאָל אויסגע־גלייכט. איצט אָבער, צוריקקומענדיק קיין נאַרילסק, זיינען זיי שוין געווען אין אַנדערע בריגאַדעס מיט לעיווין אינאיינעם. ביים צעקריגן זיך איצט, רופט זיך איינער אָפּ:

— וואָס דאַרפן מיר זיך קריגן? לאָמיר אַריינגיין צו עמען...

— וואָס? — האָט זיך לעיווי צעשריגן — צו אים ווילט איר גיין?

ער איז אַ גנבֿ!

אַלע זיינען געבליבן פֿאַרבליפֿט. זיי האָבן מיך געקענט שוין אַ פּאָר יאָר.

— יאָ, יאָ! — האָט לעיווי איבערגעחזרט — ער האָט אין פּאַפּאַניג־סקאַיאַ געגנבֿעט ברויט און מיר אַריינגעשטופּט ברויט אונטער דער טיר!

— יאָ, ס׳איז אמת... איך האָב געגנבֿעט, איך האָב געגנבֿעט אַליין אַ הונגעריקער, און אים געגעבן, ער זאָל ניט אויסגיין פֿאַר הונגער.

סאָוויעטישע עקספּלואַטאַציע

איך האָב געאַרבעט אויפן „ליים־קאַריער" אַן אייביק הונגעריקער, לעבנדיק שוין יאָרן מיט דער ברודיקער „באַלאַנדע", פון וואַנען די „נאַטשאַלסטווע" מיט אירע אונטער־גנבים האָבן אויסגעשעפּט ס'ביסל געדיכטע. אַן אויסגענאָגטער, אַ באַליידיקטער, בין איך געקומען צו דער אַרבעט מיט מיין בריגאַדע.

25 וואַגאָנעטקעס זיינען שוין געשטאַנען צוגעגרייט איינצושלינגען אונדזער אָרעם ביסל כוח, וואָס האָט שוין געהאַלטן אין אויסרינען. אויף אַ וואַגאָן האָבן צוויי געדאַרפט אַרבעטן צוזאַמען. אין דער בריגאַדע זיינען געווען געזונטע יונגען, וואָס דער בריגאַדיר מאַכט זיך ניט זעענדיק, אַז זיי אַרבעטן ניט. זיי וואַרפן אַריין אַ פּאָר לאָפּאַטעס ליים, דעקן עס צו פון אויבן מיט אַ פּאָר פאַרפרוירענע ליים־שטיינער, און זייער „נאָרמע" איז געמאַכט. מיר אין שותפות צו דער אַרבעט האָט מען צוגעגעבן אַן אויסגעטריקנטן אוקראַינער, וואָס איז ערשט נעכטן אַרויס פון שפּיטאָל און קוים וואָס ער שאָקלט זיך אויף די פיס. דערצו האָט דער בריגאַדיר אונדז צוגעטיילט די פערטע וואַגאָנעטקע.

ווער ס'שטייט פריער, מוז גיכער אָנפילן די וואַגאָנעטקע מיט ליים, ניט צו פאַרהאַלטן דעם „סאָסטאַוו" פון די וואַגאָנעטקעס, וואָס שטייען הינטער דיר, אָפּצופירן זיי ווייטער, ווייל אין דער ריי שטייט שוין אַ נייער „סאָסטאַוו" ליידיקע וואַגאָנעטקעס. מיין „שותף" צו דער אַרבעט האָט אַ וואָרף געטאָן צוויי לאָפּאַטעס ליים און זיך אַוועקגעזעצט; ער קען ניט מער. איצט האָב איך געמוזט אַרבעטן פאַר צוויי. איין „סאָסטאַוו" איז אַוועק, איך אַרבעט שוין מיט די לעצטע כוחות, אַ צווייטער סאָסטאַוו אַוועק, אָבער מיין צוהעלפער זאָגט, אַז ער קען ניט מער.

איך האָב גענומען אַרבעטן נאָרמאַל, ווי איינער קען. זאָל זיין וואָס ס'וויל זיך. קומט פּלוצעם אָן צולויפן דער „דעסיאַטניק", אַן אויפגעזעער

איבער אַ צענדליק בריגאַדעס, אַזאַ מין סאָוויעטיש באַשעפעניש, צו העלפן אונטערזאָגן די אַרבעטער, אַ מיטליעריקער, געזונטער ווייסגוואַר־דייער, מיט בלאָנדע וואַנצעלעך און אַן אַנגעפּרעסן פּנים, און פרעגט ביים בריגאַדיר, פאַר וואָס מען פאַרהאַלט דעם „סאַסטאַוו". ווייזט דער בריגאַ־דיר אָן אויף מיר:

— דער זשיד וויל ניט אַרבעטן...

דער בריגאַדיר איז געווען אַן אַלטיטשקער. ער האָט געגומען, אַרויפ־דראַפּענדיק זיך אויף מיין רוקן פון אונטן, קנאַקן מיך מיט די קולאַקעס איבער די פּלייצעס. איך האָב זיך אַ גוטן שאָקל געטאָן, און ער, זייענדיק אַ קליין געוויקסיקער, איז אַראָפּגעפאַלן פון מיינע פּלייצעס צו דער ערד.

— טי זשידאָווסקאַ מאָרדאַ! — האָט ער זיך אַן אויפגעקאָכטער צע־שריגן, און גענומען לויפן צו מיר. איך האָב אַ נעם געטאָן די לאָפּאַטע, וואָס כ'האָב געהאַלטן אין האַנט, און זיך געגרייט אים „אויפצונעמען". ער האָט אָבער דערקענט אַז ער וועט דאָ שלעכט אָפּשניידן, האָט ער זיך צוריקגעצויגן. דערפאַר אָבער האָט ביים „דעסיאַטניק" מיט די וואַנצעס זיך געטאָן אַ צינד אונטער זיין חזיריש פּרצוף. ער איז צוגעשפּרונגען צו מיר און גענומען מיך שלאָגן מיט זיינע אויסגערוטע ווייסגוואַרדייִשע קולאַקעס.

איך האָב זיך געטאָן אַ דריי אויס, און מיט דער לאָפּאַטע, ווי איך האָב זי געהאַלטן אין האַנט, האָב איך געגומען אים האַקן איבער דער פּלייצע. ער האָט גענומען אַנטלויפן אין זאַנע אַריין, און איך נאָך אים, קלאַפּנדיק דעם גאַנצן וועג מיט דער לאָפּאַטע איבער זיין רוקן. ער איז לויפנדיק אַריין אין נאַטשאַלניקס ביוראָ. דאָ האָב איך זיך אויסגעדרייט און צוריק אַוועק צום אַרבעטספּלאַץ. געוווסט האָב איך, אַז דאָס וועט מיר גלאַטיק ניט אָפּגיין. ער, דער דעסיאַטניק, איז צום נאַטשאַלניק נענטער ווי איך. ער וועט אים דערציילן אַלערליי ליגנס וועגן זיין „אומשולדיקן" אונטערטרייבן מיך צו דער אַרבעט, אַז איך האָב ניט געוואָלט אַרבעטן. דער בריגאַדיר איז דאָך זיינער אַ מענטש. האָב איך דען געקענט לענגער אויסהאַלטן? זאָל שוין זיין וואָס ס'וועט זיין. איך קען שוין גאָרניט פאַר־

לירן. איך האָב זיך אַליין דערשראָקן פאַר דעם געדאַנק און געזען פאַר זיך דאָס בילד פון די אויף אייביק פאַרפאַלענע.

*

האָט איר שוין אַמאָל געהערט פון אַן אייזערנער זופּ?

ווען איינער איז אַ בר־מזל און באַקומט הויכע טעמפּעראַטור, באַ־פרייט מען אים פון אַ טאָג אַרבעט, כדי צו ליגן און אויסרוען אַ ביסל. אָבער דער הונגער נאָגט, לאָזט ניט רוען. דער „דניעוואַלני", איינער פון דער בריגאַדע, איז דער פאַרזאָרגער פון אַלץ פאַר דער בריגאַדע: עסנ־וואַרג, אָנטועכץ און ריין האַלטן דעם באַראַק. פאַר אַ טשערפּאַק באַלאַנדע, וואַשט דער קראַנקער פאַר אים אָפּ דעם פּאָל מיט אַ שוואַברע — אַזעלכע צוויי ברעטלעך מיט אַ שטיק גומי־שמאַטע אין מיטן און מיט אַ לאַנגן שטעקן. גיסט מען אָן וואַסער אויף דר'ערד, מען רייבט עס איבער אַהין און צוריק, דערנאָך טרייבט מען מיט דער שוואַברע דעם גאַנצן שמוץ אין די לעכער, אויסגעשניטענע אין פּאָל. דערנאָך העלפט ער ברענגען די זאַכן פון שניידעריי און שוסטעריי, דערנאָך גייט מען נאָך ברויט און זופּ.

דאָס איז דעם אַרעסטאַנטס רוטאָג. דערפאַר ביי נאַכט, ווען אַלע ליגן שוין ווי טויטע און חלומען פון אַ היימישן לאַבן ברויט, באַקומט דער הייזעטיקער צוהעלפער צום אויסוואַשן די פּעסער. דערנאָך ווערט ס'גאַנצע וואַסער אַריינגעגאָסן אין אַ גרויסער שיסל און געשטעלט קאָכן אויף דער קיך. דערין לייגט ער אַריין די טשערפּאַקעס, דעם בריגאַדירס קעסעלע, דעם דניעוואַלניס שיסל און לעפל. ס'קאָכט זיך אויס אַן „אייזערנע זופּ" פונעם גאַנצן שמוץ, וואָס ער גיסט אַריין אין מאָגן אַריין און לייגט זיך שלאָפן, ניט האָבנדיק שוין קיין כוח צו גיין צום דאָקטאָר. צו מאָרגנס 4 אַ זייגער קלינגט שוין „פּאָדיאָם". נעם דיין „טאַלאָן", אויב קיינער האָט אים ניט צוגעגנבעט אָדער אַרויסגעריסן פון די פאַרפרוירענע פינגער ביי דער קיך, גיס אַריין ס'ביסל וואַרעם וואַסער גלייך אין גאָרגל אַריין (קיין לעפל דאַרף מען ניט, ווייל האָסט ניט וואָס אָנצושעפּן מיט אים) און יאָג צום טויער, צום „ראַזוואָד", וווּ ס'שטייען שוין טויזנטער ווי דו, איינגעטיילט אין בריגאַדעס. ריי נאָך ריי גיט מען איבער די בריגאַדע

צו דער „אַכראַנע", די אָנגעפּרעסענע אויף דיין חשבון, אָנגעטוענע אין לאַנגע וואַרעמע שובעס, אויסגערוטע, מיט די ביקסלעך און אויפגע־שטעלטע שטאַלענע שטיקעס.

איך וואָלט זיך געדאַרפט אַריינכאַפּן צום נאַטשאַלניק און אים אַלץ דערציילן, אָבער קומענדיק פון דער אַרבעט צוריק אַ טויט־מידער און אויסגעהונגערט, מוז מען קודם אַראָפּשלינגען ס'ביסל באַלאַנדע צו דער־כאַפּן ס'האַרץ, און דערנאָך איז צו שפּעט. דער נאַטשאַלניק, דער האַר איבער לעבן און טויט, איז שוין אַוועק אַהיים, צו זיין משפחה און וואַרע־מער, זאַטער דירה. און איך, ווי מיליאָנען אַנדערע שקלאַפן, וועל פאַר־לוירן ווערן, פאַרשיט ערגעץ אונטער אַ קופּע שניי, מיט אַ „בירקע" צוגעבונדן צום גראָבן פינגער פון פוס, און מיט אַ רויטן שטריך איבער מיין דיעלע, וואָס די ק.ג.ב. וועט פאַרברענען. ניין, איך מוז איבערהאַלטן און אפשר דערלעבן דאָס אַלץ צו דערציילן פאַר דער וועלט!

★

אויף צו מאָרגנס נאָך דער אַרבעט בין איך אַוועק צום נאַטשאַלניק.

— ווי איז דיין נאָמען? — פרעגט מיך דער שרייבער, וואָס פאַרן אַריינגיין צום „סאָציאַליסטישן נאַטשאַלניק".

איך האָב אים געזאָגט מיין נאָמען.

— דאַרפסט שוין ניט גיין... דיין צעטל, מיט 10 טעג קאַרצער, איז שוין איבערגעשיקט געוואָרן צום קאָמענדאַנט.

הייסט עס, אַז איך בין שוין געהמעט. אַ שווערער וועג וועט דאָס זיין, אָבער איך מוז אויסהאַלטן און איבערהאַלטן זיי אויף צו להכעיס.

צו מיין אומגליק האָב איך נאָך געהאַט אַ שטיקל גליק. דער אוקראַי־נישער מערדער־סטרעלאָק האָט די דעקאַדע ניט געפירט דעם קאַרצער צו דער אַרבעט. אין די פריע פאַרטאָגן האָט מען אונדז אויפגעוועקט, געגעבן אַ טשערפּאַק באַלאַנדע, וואָס איז געווען שמוציק, אַ מין בלאָ פאַרפאַרבט וואַסער. דאָס איז געווען דער „אַרבעטסלוין" פאַר אַ 12 שעהדיקן אַרבעטסטאָג, מיט אַ וועג פון 8 ק"מ צו דער אַרבעט און 8 ק"מ צוריק. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין שלעפּן שווערע שטיינער און צונויפלייגן זיי

אין קוואַדראַטיקע „שוכעס״, צוויי קוביק מעטער פאַר צוויי מענטשן אַ „נאָרמע״, און טראָגן עס אויף די פּלייצעס פון איין זייט באַרג צום צווייטן, מיט אַ צוזאָג, אַז פאַר אויספּילן די „נאָרמע״ וועט מען קריגן די פולע פּייקע ברויט — 650 גראַם, וואָס ביי אונדזער אויסגענאָגטן אָרגאַניזם, איז עס אויך, ווי אַראָפּשלינגען אַ פּיל.

דער טאָג איז געווען אַזאַ פראָסטיקער, אַז די טרערן אין די אויגן זיינען פאַרפרוירן געוואָרן און געשניטן אינעווייניק, ווי מיט שאַרפע מעסערלעך, און ס׳איז ניט מעגלעך געווען צו שליסן די אויגן־לעפלעך פאַר ווייטיק. אונדזערע שומרים, אָנגעטוענע אין גוטע, נייע שובינקעס ביז אַראָפּ און אין נייע טרוקענע, גוט אונטערגענייטע וואַלינקעס, האָבן לאַנג ניט געקענט אויסהאַלטן די קעלט. דאָס אָטעמען איז געווען שווער, ווייל ס׳האָט געפעלט זויערשטאָף אין דער לופט. די סטרעלקעס האָבן געשיקט איינעם טעלעפאָנירן צום נאַטשאַלניק, אַז ס׳איז ניט אויסצוהאַלטן אויף דעם פּלאַץ. און מיר? פון יאָרן אויסגעהונגערטע און ניט אויסגעשלאָפענע, דערפרוירענע און אויסגעמוטשעטע, אָנגעטוענע אין שמאַטעס מיט לאַטעס און וואַלינקעס מיט לעכער — ווער וועט אונדז דערמאָנען, די צענדליקער, הונדערטער „באַפרייטע״, ניט זייערע בירגער, פאַרשלעפּטע מיט געוואַלד, פאַרשקלאַפטע און פאַרקויפטע צום סאָוויעטישן גרויליקן שקר, וואָס רופט זיך „סאָציאַליזם״?

נאָר דער ווילן איבערצוהאַלטן און דערציילן דער וועלט דעם אמת און דער גלויבן אין מיין כוח זיי איבערצולעבן, האָט מיר געגעבן אויסדויער צו פאַרענדיקן דעם קאַרצער און צוריק זיך איינרייען צווישן די אַרבעטנדיקע, וואָס ווילן ניט אונטערגעבן זיך און ניט אונטערגיין.

ניט איין מאָל בין איך געשטאַנען ביי דער שוועל פון אונטערגאַנג און האָב דערפילט, ווי מיליאָנען אַנדערע, אַז ס׳פעלט מיר אַן אָנהאַלט און העלפער. איך האָב זיך דעמלט אומגעקערט צום גאָט פון מיינע אָבות, צום איינציקן אמת. ווו געפינט זיך נאָך אַ גרעסערער כוח, וואָס זאָל מיך ראַטעווען פון די הענט פון די מערדערס, די וואָס נעמען זיך ס׳רעכט צו זיין די באַשיצערס פון אַלע דערדריקטע, און זיי זיינען באמת די גרעסטע אונטערדריקערס אין דער נייעסטער צייט?

קאַרצער

אונדזער קאַרצער איז אַן אַלטער הילצערנער באַראַק, ערגעץ צווישן די בערג און טאָלן פון מעכטיקן קאָמבינאַט נאָרילסק, אָן שום מענטשלעכן ישוב אַרום. די שוואַרצע הילצערנע ווענט, וואָס זיינען זיכער ניט געריי ניקט געוואָרן זינט דער „זיגרייכער רעוואָלוציע", פאַרמאָגן אינעווייניק לאַנגע „ספּלאָשנ:יע" נאָרעס, אויך פון אַזעלכע שוואַרצע ברעטער, מיט איינגעשניצטע נעמען איבער נעמען. די ווענט זיינען קלעפּיק שוואַרץ, צווי הויכע קליינע פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך, וואָס קוקן צום הימל.

ערגעץ אין קאָרידאָר, מיט אַ באַזונדערן אַריינגאַנג, איז פאַראַן דאָס באַזונדערע צימער פון „קאַרצער־נאַטשאַלניק", דער זעלבער, וואָס האָט אונדז איבערגעגעבן צום „קאָנוואָי" צו פירן אונדז צו דער אַרבעט, און האָט אונדז צוגעזאָגט, אַז כאָטש מיר זיינען „קאַרצערניקעס", קענען מיר באַקומען די גאַנצע פּייקע ברויט, אויב מיר וועלן מאַכן די נאָרמע.

איך שפּאַן אין דער ריי מיט נאָך אַזאַ סאָוויעטישן „איבערדערצויגענעם" יונגן מענטש, וואָס איז אַהער געקומען נאָכן גנבענען אַ שטיק ברויט אין אַ געוועלבל. נאָך פריִער איז דער פאָטער אַרעסטירט געוואָרן פאַר „קלעוועטאַ", לויטן פאַראַגראַף 58 פּונקט 10 פון סאָוויעטישן שטראָפקאָדעקס. ס'פאָלק רופט זיי „יאַזיטשניקי" ס'הייסט, ס'האָט זיך ביי זיי „אַראָפּגעכאַפּט פון דער צונג" צו זאָגן אַ וואָרט אמת. זיין פאָטער האָט נאָך אַ טאָג אַרבעט אויפן זאַוואָד באַקומען אין דער „סטאָלאָוואַיאַ" אַ זופּ, און עסנדיק האָט ער זיך אָנגערופן, אַז אין דער זופּ איז גאָרניט דאָ. מען האָט אים מער אין זאַוואָד ניט געזען, מען האָט זיך דערוווּסט, אַז ער האָט באַקומען אַ קליינעם „סראָק" — 10 יאָר אַרבעטס־איבערדערציִונגס־לאַגער. דער זון איז געבליבן מיט אַ קראַנקער מוטער, אַן אויפֿרוימערין אין אַ פאַבריק, וואָס האָט פאַרדינט צו ווייניק צום לעבן און צו פיל צום שטאַרבן. ער איז געווען שטענדיק הונגעריק, און איין מאָל, גייענדיק

אַ הונגעריקער פון שול, מיט די ביכער אונטערן אָרעם, האָט ער ניט געקענט זיך מער באַהערשן, אַ נעם געטאָן אַ ברייטל אין „לאַוואַטשקע" און אַנטלאָפן, אָבער אַ מיליציאָנער האָט אים געכאַפּט.

דער המשך פון זיין גורל האָט זיך שוין אַליין געפּלאָכטן: פון איין „טרודאָוויִע וואָספּעטאַטעלניִע לאַגעריא" (אַרבעטס־איבערדערציונגס־לאַגער) אין אַנדערן אַריין, ביז אינעם „רעזשימני" לאַגער אויפן וויטן צפון.

נאָך זיינע 5 יאָר פאַר גנבענען אַ ברויטל לויט „סטאַטיאַ 162", וואָס דאָס הייסט פאַר גניבה, האָט ער נאָך צופאַרדינט אין לאַגער 3 יאָר פאַר צוגנבענען און פאַרקויפן אַ פּאָר הויזן צו אַ „פרייען" סאָוויעטישן בירגער.

און אויב ער וועט שוין אַ מאָל אַרויס פון דאַנען, וועט ער באַקומען אַ דאָקומענט מיט אַ „סטאַטיאַ" און ווו ער וועט גיין, וועט מען אים אָפּזאָגן צו געבן אַרבעט. וועט ער ווידער מוזן גנבענען כדי צו קענען לעבן, וועט ער ווידער צוריקקומען אַהער... און אַזוי וועט זיך שוין דרייען ס׳רעדל פון דער סאָוויעטישערווירקלעכקייט, ביז...

— און ביי אייך? מען זאָגט אַז ס׳איז נאָך ערגער ווי ביי אונדז...

אַזוי גייט זייער שקר. ווען זיי זיינען אין יאָר 1939 געקומען צו אונדז, אינעם געוועזענעם פוילן, האָבן זיי גענומען דערציילן גוזמאות וועגן די „גליקן" אין דאַנבאַס. ממש קוילעטשן וואַקסן אויף דיביימער. טייל פון אונדזערע יוגנטלעכע האָבן זיך געלאָזט איינרעדן די מעשיות און זיך ווערבירט אין גליקלעכן דאַנבאַס, מיטנעמענדיק שיינע אַנצוגלעך, וועש, און שיכעלעך, און קראַוואַטלעך... און מיט מוזיק און קאָלירטע סטענגעס אָפּגעפאָרן מיט אַן אָנפירער קיין דאַנבאַס. אין וועג האָט מען זיי געוויזן סאָוויעטישע „מוסטערשטעט", לאַנגע „אָטשערעדס" מיט אין ריי שטייענדיקע טויזנטער מענטשן, געדולדיק וואַרטנדיקע אויף אַ ברויט אָדער עפּעס אַנדערש.

— וואָס גיט מען דאָ? — האָבן די „נאָוויטשקי" (די נייע) גענומען פרעגן, קוקנדיק אויף די אויסגעמאָגערטע אין דער ריי שטייענדיקע מענטשן.

— סאַכאַר דאַיוט! צוקער גיט מען... — האָט דערקלערט דער אָנפירער,

און צוגייענדיק נענטער צו אין דער ריי שטייענדיקע, האָט ער זיי דערקלערט:

— שוין 25 יאָר האָבן זיי ביי די פוילישע פּאַנעס קיין צוקער ניט געזען...

די „נאָוויטשקי" האָבן זיך איבערגעקוקט און געשוויגן (דאָס האָבן זיי זיך שוין אויסגעלערנט) און זיי זיינען אָפּגעפירט געוואָרן אינעם גן־עדן דאַנבאַס. קוים מיט צרות זיינען זיי פון דאָרט אַנטלאָפן, אויפן וועג האָבן זיי אויספאַרקויפט די אַנצוגלעך מיט די העמדעלעך און שיכעלעך, און געבענטשט גאָט צו זען זיך צוריק אין די אַלטע היימען, ווו זיי האָבן מורא געהאַט עפּעס צו דערציילן. זיי האָבן מיטגעבראַכט דעם גיך געעירשנטן פּחד אויסצורעדן אַ וואָרט. בלויז איינער אַזאַ האָט מיר, אַרומקוקנדיק זיך מיט פּחד, און האָבנדיק צוטרוי צו מיר, דערציילט זייערע „מסעות בנימין הרביעי"...

איך האָב זיך אָפּגעשמועסט מיטן סאָוויעטיש געבוירענעם, און דאָ „איבערדערצויגענעם" יוגנטלעכן, צו אַרבעטן צוזאַמען און אויסאַרבעטן אַ גאַנצע פּייקע ברויט, ווי דער „נאָטשאַלניק" האָט אונדז צוגעזאָגט.

— מיר מוזן איבערהאַלטן — האָב איך אים צוגעגעבן מוט. — מיט געדולד, וועלן מיר איבערטראָגן אַלדאָס בייז. דער פראָסט איז סיי ווי אַזוי גרויס, אַז קוים וועסטו דיך ניט רירן שטאַרקער, וועסטו אַוועקפאַלן אַ טויטער...

אונדזערע אַלטע, אויסגעטריקנטע און צונויפגעקלעפּטע „בושלאַטן" מיט טויזנט לאַטעס, וואָס האָבן אַ מאָל געהאַט וואַטע אינעווייניק, וואַרעמען ניט מער. די וואַטענע הויזן זיינען ווי מיט אַ בלעכענעם איבערצוג, האַרט, שמוציק און צעפליקט, און דער ווינט יאָגט מיטן פראָסט צום הוילן לייב...

בעטאַ, אַ דאָ געבוירענער טונגוס, וואָס איז געוווינט געוואָרן מיט די פרעסט פון געבוירן, האָט שוין ניט געהאַלטן זיין ביטער לעבן פאַר חשוב, ניט געקענט און ניט געוואָלט מער זיך גיכער רירן, און מיר האָבן געמוזט אים שלעפּן אַ צום טויט דערפרוירענעם, אויף אונדזערע פּלייצעס צוריק צום לאַגער, ער זאָל ניט פעלן צום חשבון דעם סאָוויעטישן בעל הבית איבער טויטע און לעבעדיקע...

מיר האָבן געהאָפט צו באַקומען היינט אַ „גאַנצע פּייקע ברויט”, ווי דער „נאַטשאַלניק” האָט אונדז צוגעזאָגט, אויב מירן מאַכן די נאָרמע. איצט זיינען מיר שוין צוריק אינעם פינצטערן גרוב פון „קאַרצער” און באַלד וועט זיין אונדזער גליקלעכע האַלבע שעה: עסן. מען טיילט שוין ס'ברויט: 300 גראַם, די געוויינלעכע קאַרצער־פּייקע, פאַר אַלע גלייך. און אונדזער צוגעזאָגטע פולע פּייקע? מיר האָבן דאָך געמאַכט די נאָרמע?

— טענהן מיר צום נאַטשאַלניק. ער שמייכלט און מאַכט זיך ניט הערנדיק. מיר נעמען ניט אָן די פּייקע, און אין אַ פּאָר מינוט אַרום רופט מיך דער קאַרצער־נאַטשאַלניק.

— דו ווילסט ניט נעמען די פּייקע? — פרעגט ער מיט אַ שמייכעלע און אין די אויגן ברענט שוין די מערדערישע רציחה. איך שווייג: זאָל אים אַ ביסל אַדורך דער כעס.

— דו ווילסט פאַרשטרייקן? ווו מיינסטו ביסטו? ביי אונדז שטרייקט מען ניט! ביי אונדז מוז מען פאָלגן! וואָס מען גיט, נעמט מען. אָדער... אויב דו קענסט ניט פאַרשטיין, וועלן מיר דיך לערנען... וועלן מיר דיך איינבעטן... דו וועסט ביי אונדז קיין געזעצן ניט מאַכן...

ער דערלאַנגט מיר ס'שטיקל ברויט, וואָס דאַרף וועגן 300 גראַם, און קוקט טיף אַריין אין מיינע אויגן. איך האָב שוין געהערט וועגן די, וואָס פאַרשווינדן און קיינער ווייסט ניט ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען.

איך האָב גענומען ס'שטיקל ברויט, אויך דער אַנדערער האָט גענומען. שווייגנדיק האָבן מיר אַראָפּגעשלונגען די שטיקלעך קאָרמע, ווי בהמות, און נאָר געוואַרט, ציילנדיק די טעג.

איך האָב געענדיקט דעם קאַרצער און מיטגעגעבן מיין אַרבעטס־שותף אַ היפּשע דאָזע גלויבן און אויסהאַלטעוודיקייט אויפן וועג אין לעבן, מיט געדולד און גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון איבערלעבן. ווער קען פאַרשטיין דעם ווערט פון טרייסט און גלויבן אין אַזאַ צייט?

איך בין אַ שווייגנדיקער צוריקגעקומען פון קאַרצער אין דער זעלבער בריגאַדע.

עלטערן און קינדער

אַ משפּחה אין סטאַלינס לאַנד איז אַ שפּיאָנען־נעסט. יעדער מענטש איז ניט מער אַ מיטגליד פון אַ משפחה, נאָר אַ זעלבשטענדיקער אָפּגעריסענער גליד, אויסגעשטעלט יעדע רגע, אַז יעדעס וואָרט קען ווערן אָפּגעטראָגן „ווו מען דאַרף״; אַ וואָרט טאָר ניט אַרויסגעזאָגט ווערן אָן פחד פאַר אַן אייגענעם קינד, פאַר די נאָענטסטע משפחה־מיטגלידער. אַ משפחה קען זיין אַ „קאָנספּיראַטיווע אָרגאַניזאַציע״, אויב זיי האָבן ניט איינעם פון דער משפחה אַ דערצויגענעם אין די קאָמסאָמאָלישע אָרגאַניזאַציעס.

איך האָב געאַרבעט אין דער בריגאַדע מיט אַ מיטליעריקן מענטש. ס׳האָט זיך אַרויסגעפּילט די אינטעליגענטקייט פון זיין פּנים מיטן ווייסן קאָפּ האָר. ער האָט זעלטן עפּעס גערעדט. שווייגנדיק איז ער געקומען און שווייגנדיק געגאַנגען. אין זיינע קלוגע אויגן איז געלעגן אַ טיפער ווייַ, וואָס ער האָט קיינעם ניט אָנפאַרטרויט. ביז איין מאָל, גייענדיק מיט אים איבערן הויף נאָך דער שמוציקער „באַלאַנדע״ אין קיך אַריין, איז אונדז אַנטקעגנגעקומען אַ יונגער בחור מיט אַן אויסגעצויגן בלייך, אויסגעמוטשעט פּנים, און מיין שכן האָט זיך פּלוצעם מיט שטוינענדיקע אויגן אָפּגעשטעלט קוקן אויף אים. איך האָב באַמערקט, ווי ס׳האָט אים אַזוי ווי אַ ריס געטאָן צו אים.

— וואָסקאַ! — האָט ער אַ געשריי געטאָן און יענער, ווי איבערגעוועקט פון שלאָף, האָט פויל גענומען אַרונטערדרייען דעם קאָפּ, פאַרחידושט, קוקנדיק טעמפּ.

— וואָסקאַ! — האָט ער ווידער אויסגעשריגן, און יענער איז שטיין געבליבן, אַ רגע געקוקט, באַמיט זיך צו דערקענען אין אים אַ באַקאַנטן, און צו ביסלעך אַלץ מער גענומען זיך ווי איבערוועקן, דערשטוינט גע־

קוקט אויף אים, און לסוף פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געוואָלט אַ שולדיקער אַנטלויפן.

— וואָסקאָ... — איז ער שוין צו אים נענטער צוגעגאַנגען — „פּאָד־כאָדי, סינאָק... קום אַהער, זונדעלע... — עפּעס האָט זיך געפילט אַ נאָענט־קייט צווישן זיי.

— מיין זון... — האָט ער אַ צעמישטער צו מיר זיך אויסגעדרייט, פאַרענטפערנדיק זיך פאַרן לאָזן מיך שטיין אין מיטן שמועס. איך האָב אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ שמייכלענדיק און בין אַוועק אין מיין באַראַק אַריין. ערשט מיט שעהען שפּעטער, ווען מיר זיינען שוין געשלאָפן, איז ער שטיל אַריינגעקומען, זיך אַנידערגעלייגט און מיט אָפענע אויגן גע־לעגן ביז פאַר טאָג.

אין אָוונט נאָך דער אַרבעט האָט ער מיר ערשט דערציילט אַרומ־קוקנדיק זיך:

— מיין זונדל, איז אויך געקומען אַהער... מיך אַריינגעבראַכט, און אויך אַהער געקומען... ער האָט מיך געמסרט צו דער לערערין פון „קאָמ־סאָמאָל"... דערציילט איר אַ פּאָר ווערטער פון שטוב אַרויס, גענוג אויף 10 יאָר קאַטאָרגע. אַ קינד קען זיין דיין שפּיאָן. וואָס ווייסן קינדער? לערנסטו זיי גוטס, זיינען זיי גוט; שלעכטס — זיינען זיי שלעכט. זיי פאַרשטייען עס ניט ביז זיי פאַלן אַליין אַריין... איצט שעמט ער זיך. שוין איבער אַ יאָר אין נאָרילסק, דאָ, און איך האָב אים ניט געזען... שוין אַ „דאָכאָדיאַגע"... און די מוטער מיטן טעכטערל... ווער ווייסט... מ'דאַרף איר שרייבן... אפשר איז שוין דאָרט עפּעס פאַראַן אַן אַנדערער... זי מוז דאך לעבן... כ'וועל מוזן זען מיט עפּעס העלפן אים... אַ שטיקל ברויט אָפּשפּאָרן פון מיין „פּאַיאָק"... ער איז נאָך יונג...

שקלאַפּן

שוין דאָס פערטע יאָר אַרבעט איך, און טויזנטער ווי איך, אין סאָוויעטישער שקלאַפעריי, קיינער האָט מיך ניט געמשפט פאַר קיין שום פאַרברעכן. געגנוג איז געווען, אַז אַ גנב, ווי אונדזער פּאָליטרוק קאָרניצקי, מיט אַ „פּאַרטיי־בילעט" פון 1917, וועלכן ער האָט יעדן געוויזן, באַרימענדיק זיך דערמיט, זאָל הייסן די אָרטיקע עמ.ווע.דע. אונדז „ליקווידירן", מיר זאָלן ניט קוקן אויף זיינע גנבישע שטיק, און זיי זאָלן, אָן שום פאַרוואָס, אונדז אַוועקרייסן פון אונדזערע היימען, עלטערן, משפחות און פריינד, צום ווייַ פון טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן אַפילו ניט געוווסט, אַז דאָ טאָר מען ניט פרעגן אָדער נאָכפרעגן זיך. זיי מעגן שלאָגן און מאָרדן, אָבער מען טאָר ניט וויינען, ניט פרעגן, ווייל אַלץ וואָס זיי טוען איז לויטער גערעכטיקייט, אין וועלכער אַ פּשוטער בשר־ודם טאָר אַפילו נימ צווייפלען. „דער שוחט שעכט און איז גערעכט".

איין מאָל, קומענדיק פון אַ שווערן טאָג אַרבעט, רופט מען מיך צום „נאַטשאַלניק". אַז מען רופט, גייט מען. איך קום אַריין. אַן אַלטער מאַן, מיט אַ קאָפּ ווייסע האָר, דערלאַנגט מיר אַ בויגן פּאַפּיר.

— שרייב אונטער — גיט ער אַ קוק אויף מיר מיט קאַלטע אויגן, און דערלאַנגט מיר אַ פעדער, אונטערצושרייבן.

— וואָס איז עס? — פרעג איך אים אַריינקוקנדיק אין פּאַפּיר.

— דאָס האָט מען צוגעשיקט דיין „סראָק" (אורטייל) אויף 10 יאָר — ענטפערט ער מיר אַ רויִקער.

— ווער האָט מיך געמשפט? — פרעג איך אים — ווען און ווו האָט מען מיך געמשפּעט? איך ווייס דאָך פון גאָרניט...

— ביסט געמשפט געוואָרן פון „טראָיקע", אין מאָסקווע, און דיך מוז מען ניט רופן, און ניט פרעגן... שרייב אונטער און גיי דיין וועג!

— נאַטשאַלניק — האָב איך זיך אָנגערופן — איך בין ניט קיין סאָוויעטישער בירגער. איר האָט ניט קיין רעכט מיך צו משפּטן, איך אָנערקען ניט אייער געריכט און איך שרייב ניט אונטער. ווען אַ פּוילישער געריכט וועט מיך רופן צו אַ משפּט, וועל איך גיין, און זייער אורטייל וועל איך אָנערקענען! — איך האָב אַוועקגעלייגט די פעדער און ניט אונטערגעשריבן. ער איז געבליבן אַ ביסל פאַרקלאָפּאָטשעט, דערנאָך ווידער מיר געגעבן צו פאַרשטיין:

— אָבער איך מוז דאָך זיי צוריקשיקן ס׳פּאַפּירל, אַז דו האָסט עס געלייענט און אונטערגעשריבן — האָט ער זיך גענומען בעטן ביי מיר.

— איך שרייב ניט אונטער. איר האָט ניט קיין רעכט מיך צו משפּטן. איך בין ניט אייער בירגער...

— ווייסטו וואָס? — האָט ער זיך געכאַפּט אויף אַן איינפאַל — איך מוז דאָך זיי צוריקשיקן, אַז דו האָסט עס דערהאַלטן. ווילסט ניט אונטערשרייבן, נעם אַ שטיקל פּאַפּיר און שרייב אַן אַלץ וואָס דו זאָגסט מיר, שרייב זיך דערויף אונטער און איך וועל זיי דאָס צוריקשיקן.

דערויף בין איך שוין איינגעגאַנגען. ער האָט מיר געגעבן אַ שטיקל פּאַפּיר מיט אַ פעדער, און דערויף האָב איך אָנגעשריבן אויף פּויליש: „זייענדיק אַ פּוילישער בירגער, אָנערקען איך ניט ס׳רעכט פון די סאָוויעטישע ריכטער מיך צו משפּטן״. און דערויף האָב איך זיך אונטערגעשריבן.

קומענדיק צוריק אין באַראַק, האָט מען מיך געפרעגט צו וואָס דער נאַטשאַלניק האָט מיך גערופן. איך האָב זיי דערציילט די מעשה, האָט מען מיך פאַרזיכערט, אַז פאַר דעם שטיקל פּאַפּיר, וואָס איך האָב אָפּגעשריבן, וועל איך, נאָכן פאַרענדיקן מיין ערשטן אורטייל, באַקומען נייע 10 יאָר...

✶

געשמייכלט האָט מען נאָר צו די דייטשן, ווייל זיי שטייען שוין נעבן מאָסקווע. אפשר וועט פון זיי קומען די ישועה? דאָ זיינען געווען אַ סך דייטשן: דייטשן פון עסטרייך, פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן „שוץ־בונד״, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון עסטרייך פאַר היטלערן און זיי זיינען

אין וועג געכאַפּט געוואָרן פון די סאָוועטישע שותפים, אַרעסטירט גע־וואָרן און געבראַכט געוואָרן אַהער גלייך ווי מיר אַן שום אורטיילן; דייטשן פון דער „וואָלגאַ־דייטשער רעפּובליק" וואָס איז מיט איין שטריך אויסגעשטראָכן געוואָרן פון דער מאַפּע; דייטשן פון אַנדערע געגנטן, ווו נאָר די סאָוויעטן זיינען געקומען. איין דייטש פאַרשטייט ניט דעם אַנדערן, פון אַן אַנדערן געגנט, און איך פאַרשטיי זיי אַלע, און איך דאַרף אָפּט געבן צו פאַרשטיין אין יידיש, וואָס דער אַנדערער רעדט. אַלע שווייגן, אָבער אין די אויגן ליגט אַ באַהאַלטענע האָפענונג. ווי קען דען אַנדערש זיין? ווער איז צופרידן צו זיין אַ שקלאַף? דערווייל האָבן טייל דייטשן שוין אָנגעהויבן פירן אַן אַנטיסעמיטישע אַרבעט.

— אין אַלעם זיינען שולדיק די יידן, יידן זיינען קאָמוניסטן, יידן האָבן געבראַכט ס'אומגליק אויף דער וועלט! — הייסט עס, איך בין אין אַלעמען שולדיק, איך האָב געבראַכט ס'אומגליק... און ווער האָט מיך אומגליקלעך געמאַכט? און טויזנטער, מיליאָנען אויסגעמאָרדעטע יידן?

די פּוילישע אַנטיסעמיטן פלעגן דערקלערן, אַז יידן פאַגראָמירן זיך אַליין, די דייטשן האָבן דאָ שותפים.

אין אונדזער לאַגער געפינט זיך אַ דייטשער דאָקטאָר. מיין נאָמען איז אַ דייטשער, און ניט אַלע דערקענען אַן מיר, אַז איך בין אַ ייד. מיר האָבן אַלע איין פּנים. דירעקט וועט ער מיך זיכער ניט פרעגן וועגן מיין נאַציאָנאַליטעט. ער וועט זיך משער זיין לויטן נאָמען, אַז איך בין אַ דייטש. פאַראַן דאָ עטלעכע דייטשן מיט מיין נאָמען. אַ מאָל קען עס העלפן.

זינט איך בין געווען אין קאַרצער האָב איך שרעקלעכע ווייטיקן אין קרייץ. איך בין שוין געווען ביים דאָקטאָר צוויי מאָל, האָט ער גע־שיקט צום „נאַטשאַלניק" אַן אָנווייזונג, איבערצופירן מיך צו אַ נענטערער אַרבעט, צוליב מיין „אישיאַס" און אָנגעגריפענע נירן. שוין חדשים, ווי זיי האָבן עס אָוועקגעשריבן, און „מאָסקוואַ סליעזאַם ניע ווערית!" די „פאַרגעשריטענע, פרייע, סאָוויעטישע מעדיצין", וואָס זאָרגט „אומזיסט פאַרן פאָלק", שווייגט, מען הערט ניט און מען זעט ניט. די ווייטיקן ווערן

אַלץ גרעסער, דער בריגאַדיר שניידט אַלץ מער שטיקער, כאָטש ער האָט שוין מורא צוצוגיין צו נאָענט צו מיר. מיין נייע טאַקטיק פון שווייגן און אַלץ איבערטראָגן מיט אַ שמייכל, פאַרדריסט אים נאָך מער.

דער דעסיאַטניק האָט מיך שוין אויך געזען. די אויגן האָבן זיך ביי אים אָנגעצונדן, ער איז אָבער צו נאָענט צו מיר ניט צוגעטראָטן. די בעסטע זאַך איז צו האָבן אַ געזונטע פויסט און דערלאַנגען דעם שונא, ער זאָל געדענקען.

בין איך נאָך דער אַרבעט אַוועק צום דאָקטאָר דעם דייטש, וואָס איז אַליין געווען אַן אַרעסטאַנט. איך האָב מיט אים גערעדט דייטש. דאָס איז אים גלייך געפעלן געוואָרן. ער האָט מיך אַרומגעקלאַפּט, אויסגע־הערט, נאָכגעפרעגט, און:

— וואָס זאָל איך טאָן? דו האָסט געזונטע לונגען, אַ געזונט האַרץ, וואָס מיליאָנען וואָלטן זיך געבענטשט צו האָבן. נאָר... איך וועל דיך פאַרשרייבן. אפשר וועט אַ מאָל זיין עפּעס אַ געלעגנהייט. ביסט נאָר אויסגעמוטשעט און אויסגענאָגט, אָבער איך וועל דיך געדענקען... זיי זיכער...

איך בין פון אים אַוועק צוריק צו מיין בריגאַדע. אין איינעם אַן אָוונט בין איך געקומען פון דער אַרבעט אַ צעבראָכענער און קראַנקער. איך האָב דערפילט, אַז איך וועל לאַנג שוין ניט אויסהאַלטן. אין קאָפּ האָט עפּעס געדרייט און גערודערט, רגעווייז זיינען פאַרשוווּנדן מיינע מחשבות.

שלעכט, האָב איך אַ קלער געטאָן. איך בין אַוועק צום דאָקטאָר. געווען איז עס אַ לאַטיש, אַ פיינער מענטש. ער האָט אָפּגעמאָסטן מיין טעמפּעראַטור — ביי 38 צעלזיוס — און ער האָט מיך באַפרייט אויף אַ טאָג פון דער אַרבעט. איך בין אַוועק „אַהיים" און זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן, אַוועקשווימענדיק אַ רגע, ערגעץ, ווו מענטשן האָבן נאָך דעם סוף ניט געפונען...

אויף צו מאָרגנס בין איך ביים „ראַזוואָד" ניט געווען, ווייסנדיק, אַז איך בין באַפרייט פון דאָקטאָר. פּלוצעם דערפיל איך אַ קנאַק אין קאָפּ. איבער מיר איז געשטאַנען דער „נאַריאַדטשיק" מיטן צעטל, אַז איך האָב

אויסגעפּעלט צום „ראַזוואָד“. איך האָב אים דערציילט אַז דער דאָקטאָר האָט מיך נעכטן באַפרייט.

— ביי מיר אויפן צעטל ביסטו נישטא. קום צום דאקטאר!

איך בין מיט אים אַוועק צום דאָקטאָר, וואָס האָט אַ קוק געטאָן מיט רחמנות אויף מיר ווי שולדיק, און מיט אַן אומבאַהאָלפענעם בליק גע־ענטפערט: „נאָר טיילוויז באַפרייט“. איך האָב באַקומען נאָך אַ קנאַק מיטן קולאַק איבערן קאָפּ, און מיט אַ שטראָף־אָפּטיילונג בין איך גע־שיקט געוואָרן אויף אַן אַנדערער אַרבעט.

אַנטיסעמיטישע שטיק

מיין בריגאַדיר זוכט זיך ווייטער צו מיר, פאַר מיר קלויבט ער אויס די צום מערסטן באַגנבעטע „פּייקע" ברויט, מיך שטעלט ער אויף די ערגסטע „זאַבאָיעס". ער פאָדערט פון מיר די פולסטע טאַטשקעס מיט ליים, שיט אויס מיין טאַטשקע ליים מיטן אויסרייד, אַז זי איז ניט פול און ער לאַכט מיר אין די אויגן, כאָטש נעבן מיר פירט אַן אַנדערער זיין טאַטשקע אַ סך ווייניקער אָנגעפולט, ווי מיינע.

— ער גייט דיך ניט אָן... דו קוק אויף דיין טאַטשקע!

איך היט זיך אים ניט צו דערלאַנגען, אָבער צי וועל איך אויסהאַלטן? איך אַרבעט שווערער פון אַנדערע, און באַקום די ערגסטע „פּייקע", דעם שיטערסטן טשערפּאַק באַלאַנדע. קענסט זיך דען פאַר עמעצן באַקלאָגן? אומעטום איז ער גערעכט. און איך? איך בין אַ ייד. הפקר געווען ביים צאַר, און הפקר ביים רויטן דיקטאַטאָר. ווו זיינען ערגעץ אונדזערע יידישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן מיטגעשטייערט אַזוי פיל פאַרן „נייעם גליקלעכן לעבנס־שטייגער"? ווו זיינען ערגעץ אסתר פרומקין, משה ליטוואַקאָוו און די אַנדערע קאָמוניסטישע יידישע פאָרויסזאָגער פון אַ נייער ערע אינעם לעבן פון די אונטערדריקטע פעלקער?

איך האָב ניט איבערגעהאַלטן. איין מאָל האָט מיין בריגאַדיר באַגעגנט מיך, שלעפּנדיק אַ שווער אָנגעלאָדענע טאַטשקע מיט ליים. ער האָט אומיסטן געגומען איבערקערן מיין טאַטשקע, וואָס האָט אַזוי אויך, אויסגעריסן די לעצטע כּוחות צו האַלטן גלייך די שווער איבערגעלאָדענע טאַטשקע אויפן נאַסן מיט ליים אָנגעקלעפּטן און גליטשיקן ברעט.

איך האָב מיטן הענטל פון דער שווערער טאַטשקע אים געגעבן אַזאַ שטויס, אַז ער איז אַרייַנגעפאַלן אינעם פולוואַסערדיקן גרוב, וואָס נאָך אַ רעגן. ער האָט זיך קוים אויפגעהויבן. ער האָט נאָך געוואָלט צושפּרינגען צו מיר און מיר דערלאַנגען אַ קנאַק, איך בין אָבער גרייט געווען,

און דער נייער „דעסיאַטניק״, דער גריך בולאַך, האָט אים אַוועקגע־שלעפּט, ווייל ער האָט באַמערקט, ווי דער בריגאַדיר האָט מיר געוואָלט איבערקערן די טאַטשקע.

מיין בריגאַדיר האָט אָפּגעשריבן אַ „ראַפּאָרט״ צום נאַטשאַלניק. ס׳שמעקט שוין מיט אַ צווייטן אורטייל אין קאַרצער אַריין. דער צווייטער קען זיין נאָך הארבער און לענגער, אָבער האָב איך דען געהאַט אַ ברירה? ווי לאַנג קען מען איבערטראָגן אַלערליי נגישות און דערנידעריקונגען? זאָל זיין וואָס ס׳וועט זיין.

טרעפט זיך אַ מענטש...

אין אַ פּאָר טעג אַרום, גייענדיק פון דער אַרבעט, האָב איך געפונען אַ שטיקל צייטונג־פּאַפּיר. שוין לאַנג ניט געזען קיין צורה פון אַ בלאַט. איך האָב עס באַהאַלטן, און נאָך דער אַרבעט, ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפן, האָב איך זיך אויפגעזעצט און גענומען לייענען ס׳שטיקל צייטונג. עפנט זיך די טיר און ס׳קומט אַריין דער קאָמענדאַנט פון לאַגער. שטילערהייט האָט ער זיך אַרומגעקוקט. דאָס איז זיין אַרבעט. אָדער אפשר האָט ער עמעצן געזוכט. ער איז צוגעקומען צו מיר און מיך אַ פרעג געטאָן:

— פאַר וואָס שלאָפסטו ניט?

— שוין ניט געזען אַ צייטונג יאָרן. שוין באַלד פאַרגעסן צו לייענען...

— פון וואַנען ביסטו? — האָט ער דערקענט מיין ניט איינגעבוירענעם דיאַלעקט.

— פון פוילן... געלעבט יאָרן אין עסטרייך...

אַזוי האָבן מיר געשמועסט איבער אַ שעה, און ער האָט זיך זייער אינטערעסירט מיט מיין לעבנס־וועג און ווי אַזוי מענטשן האָבן געלעבט „דאָרט” ביז דער „באַפרייונג”. דער פּחד פאַרן קאַרצער האָט מיך אָבער ניט אָפּגעלאָזט. דעם אַנדערן טאָג, אַהיימקומענדיק פון דער אַרבעט, האָב איך באַשלאָסן אַריינגיין צום קאָמענדאַנט און בעטן אַ דערלויבעניש צו רעדן מיטן נאַטשאַלניק, דעם אמתן, פרייען נאַטשאַלניק, אונדזער בעל־הבית איבער לעבן און טויט. אפשר וועט ער מיך דאָך פאַרשטיין?

אין „קאָמענדאַנטורע” איז געזעסן עפּעס אַ ייִנגערער קאָמענדאַנט, אויך אַן אַרעסטאַנט, אָבער זיכער אַ גוטער חונף און צוהעלפער פונעם נאַטשאַלניק.

— ווי איז דיין נאָמען? — איך זאָג אים — וואַרט נאָר אַ מינוט...

— ער איז צוגעגאַנגען צום בינטל מיט די ציגל־רויטע צעטעלעך, וואָס

אַלע האָבן דאָ שוין געקענט, די גוט באַקאַנטע קאַרצער־באַפעלן פון נאַטשאַלניק.

— דאַרפסט שוין ניט גיין... איך האָב שוין דאָ דעם „נאַריאַד" פאַר דיינע 10 טעג קאַרצער... וועסט שוין גלייך פון דאַנען גיין אין קאַרצער אַריין... מ׳וועט דיך שוין ניט דאַרפן גיין זוכן...

— מעג איך כאָטש גיין אָפּעסן? איך קום איצט פון דער אַרבעט — בעט איך אים — איך קום אַליין צוריק...

— וועסט זיך שוין באַגיין! באַלד וועט קומען דער אַנדערער קאָמענ־דאַנט און דיך גלייך אָפּפירן אין קאַרצער.

דערויף עפנט זיך די טיר, און ס׳קומט אַריין דער „נאַריאַדטשיק", מיט צעטראָגענער אומצופרידנקייט.

— נו, האָסטו שוין אַלע? — פרעגט אים דער קאָמענדאַנט.

— שוין אַלע, חוץ איינעם, עפּעס אַ לאַטיש, צי אַן עסטאָניעץ, ווייסט אים דער טייוול... „מאַקוס... סאַקוס... איך קען אים ניט געפינען...

— אפשר מיינסטו מיך? — האָב איך זיך אָנגערופן פון ווינקל, ווו איך בין שוין געזעסן גרייט, ווי יענער, וואָס וואַרט מען זאָל אים אָפּפירן צו דער תליה.

— ווי אַזוי, זאָגסטו, איז דיין נאָמען? — פרעגט ער מיך איבער אַ דערפרייטער — אין דיין מאַמען אַריין! אַ גאַנצן טאָג דיך אַרומגעזוכט... קום גיך, דו גייסט אויף עטאַפּ קיין דודינקאַ...

איך האָב זיך זייער דערפרייט אויסגעלייזט צו ווערן פון קאַרצער און גענומען לויפן צו אים.

— לויף ניט! — האָט דער קאָמענדאַנט מיך צוריקגעהאַלטן, און געוויזן דעם נאַריאַדטשיק ס׳צעטל וועגן מיין קאַרצער־טערמין, וואָס איך דאַרף גיין אָפּזיצן.

— אָט האָסטו דאָך אַ צעטל פון נאַטשאַלניק, אַז ער מוז היינט גיין אויף עטאַפּ! — שרייט דער נאַריאַדטשיק.

— און דאָ האָסטו דאָך אַ צעטל פון נאַטשאַלניק, אַז ער דאַרף גיין אין קאַרצער — שרייט דער קאָמענדאַנט.

פלוצעם עפנט זיך די טיר און ס׳קומט אַריין דער הויפּט־קאָמענדאַנט.

דער זעלבער, וואָס איז געזעסן דעמאָלט ביי נאַכט און גערעדט מיט מיר אין באַראַק, ווען כ'האָב געלייענט די צייטונג.

— וואָס זיינען די געוואַלדן? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

ביידע האָבן פאַר אים געוויזן זייערע צעטלען און אים דערציילט די מעשה: איינער וויל מיך אויף עטאַפּ און דער אַנדערער אין קאַרצער אַריין.

— ווו איז ער? — האָט דער הויפּט־נאַטשאַלניק אַ פרעג געטאָן און דער אַנדערער האָט אים אָנגעוויזן אויף מיר.

— אַ... דער איז עס? לאָז אים גיין, איך קען אים... ס'איז ניט פון אונדזערע „רעכטע יונגען" — האָט ער אַ זאָג געטאָן צום ייִנגערן קאָמענדאַנט, וואָס האָט רק געוואָלט מיך שיקן אין קאַרצער.

— אידי! — האָט ער צו מיר צוליין מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן און מיך באַגלייט בשעת איך בין אַוועק און שולדיק געבליבן 10 טעג קאַרצער.

ניט אַלע קאָמענדאַנטן זיינען פאַרביסענע הינט. פאַראַן אַזעלכע, וואָס פילן מיט, וואָס פאַרמאָגן אין זיך נאָך געגנוג מענטשלעכקייט און פאַרשטאַנד. נאָך ניט אַלע האָט דער ליגנערישער „קאָמוניזם" פאַרדאָרבן און פאַרניכטעט. ערגעץ אין די טיפענישן פון אַזוי שווער געפּרוווטן רוסישן פאָלק קלאַפּט אַ מענטשלעכער דופק, וואָס וועט איבערהאַלטן, ווי ער האָט איבערגעהאַלטן דעם שוואַרצן צאַריזם. ער וואַרט נאָר ווען דער שקר וועט שטיין אויפן העכסטן שפּיץ, און אַראָפּפאַלן אין דער טיפסטער טיפעניש, און ס'שיינע, אמתדיקע ריינע פון דער נייער גע־זעלשאַפט, וועט אָן אייגענעם נוצן, אָן אימפּעריאַליסטישער גלוסטעניש, ברענגען דער וועלט, און זיין פאָלק, ווי אַלע פעלקער, ניט אַ ליגנערישן תפיסה־רעזשים, נאָר אַ מענטשלעכן, פרייען און צופרידענעם צוזאַמענ־לעבן.

דערווייל דרייט זיך ווייטער מיין לעבטע אינעם סאָוויעטישן גן־עדן. דער צענטער פון דער סאָוויעטישער שקלאַפעריי איז דער „גולאַג". דער גאַנצער ראַטן־פאַרבאַנד איז איינגעטיילט אין אָפּטיילונגען און נומערן פון פּאָסט־קעסטלעך, וועמענס אָרט איז באַקאַנט נאָר די אָנפירערס פון

„גולאַג". גאַנץ רוסלאַנד איז איינגעטיילט אין נומערן פון פּאָסט־קעסט־לעך פאַר די מיליאָנען אַרעסטאַנטן. אַ בריוול צו אַן אַרעסטאַנט טראָגט נאָר זיין נאָמען און דעם נומער פון פּאָסט־קעסטל.

אַלע בריוו פון ריזיקן רוסלאַנד מיט נומערן פון פּאָסט־קעסטלעך גייען אויף איין אָרט — צום „גולאַג". דאָרט זיצן טויזנטער פּוסטע פּרעסערס, אינסטרויִרטע שטשורעס פון „סאָוויעטישער גערעכטיקייט", וואָס לייענען איבער יעדעס בריוול, וואָס ווערט צו איינעם געשיקט. אויב ס'איז כשר פאַרעווע, איז דאָ אַ האָפענונג, ס'זאָל אין אַ פּאָר וואָכן אַרום אָנקומען, אויב ס'איז ניט ווייט. צו אונדז אָבער אין „זאַפּאָליאַרע" קען עס קומען אַ מאָל אין אַ יאָר אַרום, אַזוי אויך פּעקלעך עסנוואַרג, וואָס קומען אָן מער ווי העלפט פאַרפוילט...

סאָוויעטישע „ראַציאָנאַליזאַציע"

ס'איז כדאי זיך אַ ביסל נענטער צו באַקענען מיטן סאָוויעטישן סיסטעם פון אַרבעטס־אָרגאַניזאַציע און שקלאַפּישער כוח־איינטיילונג.

די „פרייע בילדונג" צאָלט זיך זייער גוט אויס דער מלוכה. נאָכן פאַרענדיקן אַ מלוכישע שול, און קיין אַנדערע זיינען דאָך ניטאָ, זיינען שוין אין „אַטדיעל קאַדראָוו" (אָפּטייל פאַר אַרבעטס־קאַדרען) פאַראַן נאָכפראַגן אויף ספּעציאַליסטן, וואָס ווערן אַרויסגעשיקט איבערן גאַנצן, ריזיקן רוסלאַנד, ווו די אָנגעצייכנטע ספּעציאַליסטן פעלן אויס. פּיאָנערן־קאַדרען פון וויסנשאַפטלערס פאָרן אַרום איבער רוסלאַנד, אין דער לענג און אין דער ברייט, מאַכן אַלערליי פאָרשונגען איבער נאַטירלעכע אוצרות, וואָס זיינען צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, און שיקן איבער זייערע פאָרשונגען אין צענטער, קיין מאָסקווע.

דאָ זיצן פאַרשידענע קאָמיסיעס אונטער דער אויפזיכט פון דער קאָם. פּאַרטיי, פאַרטיילן יעדן נייעם פּונקט אויף אַ מאַפּע, און די פּאַרטיי, אויף אירע באַזונדערע זיצונגען, באַשטימט וועלכער צווייג איז דער וויכטיקסטער אין דער איצטיקער צייט צו אַנטוויקלען. אַהין ווערן אָפּ־געקליבן די גרעסטע צאָל און בעסטע כוחות. אויפן צווייטן פּלאַץ גייען ווייניקער וויכטיקע כוחות, און אַזוי ווייטער.

די פאַרוואַלטונג פון מענטשלעכן כוח, דער „גולאַג", איז דער בעל־הבית איבער די אַרעסטאַנטן. יעדע אינדוסטריע באַקומט צוגעטיילט אירע יערלעכע פינאַנצן, לויט איר וויכטיקייט. מיטן בודזשעט פון די יערלעכע פינאַנסן דאַרף מען אויספילן און „איבערפילן" די אָנגעצייכנטע פּלענער.

לויט זיין בודזשעט מוז דער הויפּט־אָנפירער פון געגעבענעם אינ־דוסטריעלן צווייג זיך אַן עצה געבן, ווייל נאָך קיין מאָל איז אַ פּלאַן ניט אויסגעפירט געוואָרן, און אַוודאי ניט אין דער אָנגעצייכנטער צייט, צוליב די אָרעמע אַרבעטס־באַדינגונגען און אַרבעטס־לוינען.

אין די שטעט מיט „פרייע" אַרבעטער איז דער בודזשעט אַ העכערער און די פאַבריקן אַרבעטן מיט היזק, דערפאַר אָבער ברענגען די אינדוס־טריעלע „זאַוואָדן" מיט די מיליאָנען אַרעסטאַנטן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערס גרויסע ריווחים.

לויט די אָנגעצייכנטע מאַפעס אַרבעטן ספּעציאַליסטן אויס די פּלענער פאַר די צוקונפטיקע „קאָמבינאַטן". אויפן ערשטן פּלאַץ גייט די שווער־אינדוסטריע: מעטאַל־גיסערייען, איידעלע מעטאַלן און די וויכטיקסטע — די מיליטערישע אינדוסטריע. דערנאָך גייען שוין די ווייניקער וויכ־טיקע. די פּלענער זיינען גיגאַנטישע, און די קאָמוניסטישע טרוימערס דאַרפן נאָר פאַרמאַכן די אויגן אויף דער גרויזאַמער ווירקלעכקייט, וואָס פירט צום ציל, כדי צו שלאָגן כפרות מיט מיליאָנען מענטשן און פאַרויס־זאָגן אַ ליכטיקע צוקונפט, פאַר די, וואָס וועלן עס דערלעבן.

די אינדוסטריעלע אָפּטיילונגען פונעם מין „נייע ריזיקע קאָמבינאַטן" זיינען פאַרלייגט אין די ווייטסטע ערטער פון רוסלאַנד, וואָס ווערן קיין מאָל אָדעו' זעלטן באַזוכט פון ספּעציאַליסטן מחוץ רוסלאַנד. די אַלע מיליאָנען אַרבעטנדיקע דאָ שקלאַפן ווערן באַצייכנט ווי „קאָמוניסטן־פּיאָנערן" און די צוגעלאָזטע זיינען צום מיינסטן „סימפּאַטיקערס פון קאָמוניזם", וואָס ווילן עס אַנדערש ניט זען, איז אַלץ פאַר זיי כשר און זיי קענען טרומייטערן איבער דער גאַנצער וועלט וועגן די גרויסע „אויפטועו".

די אינדוסטריע מוז אָנקומען נאָך ביליקן „אַרבעטס־כוח" צו דער פאַרוואַלטונג פון „גולאַג", וואָס שטעלט צו מענטשן צו 12 קאָפּיקעס אַ טאָג, וואָס די אינדוסטריע מוז אויסצאָלן דעם „גולאַג" פער קאָפּ. מיט אָט דעם „בודזשעט" ווערן געפּיטערט און געקליידט, אויסגעהאַלטן און... באַגנבעט די מיליאָנען קרבנות.

באַקליידונג באַקומט דער „גולאַג" פון די „בייפאַבריקן" פון „פּרויען־לאַגער יאַיאַ" ניט ווייט פון נאָוואָסיביר'סק. דאָרטן זיינען פאַראַן ביי אַ 10.000 אַרעסטירטע פרויען, וואָס אַרבעטן ביי נייען וואַטענע מלבושים פאַר די סאָוויעטישע „אַרבעט און איבערדערציִונגס־לאַגערן". הוץ דעם האָט יעדער לאַגער זיינע „פּרידורקעס" וואָס אַרבעטן אויס און פאַרריכטן אַלע נויטיקע זאַכן.

כדאי אַ ביסל זיך אָפּצושטעלן אויף די באַזונדערע „פּרויען־לאַגערן“. די ווייט־צפונדיקע לאַגערן האָבן ווייניק פרויען, צום מייסטן אַזעלכע, וואָס זיינען געקומען אַהער צו זייערע מענער, וועלכע זיינען ניט אַרויס־געלאָזט געוואָרן מער „נאַ מאַטעריק“ (צום מוטערלאַנד) און זיי זיינען דאָ צוגעפּעסטיקט געוואָרן צו זייערע אַרבעטס־פּלעצער אַלס „וואָלניאַש־קעס“. זיי זיינען געוואָרן מלוכה־באַאַמטע פון אַ געוויסער מדרגה, אָן דעם רעכט צו זיין פרייע מענטשן, צו גיין און קומען ווו מען וויל. נאָכן פאַרענדיקן זייערע לאַנגיאָריקע אורטיילן אין די „דאַלניע לאַגעריאַ“ (ווייטע לאַגערן) האָבן זיי קיין רעכט צו זען מער די נאָענטסטע — פאָטער, מוטער, ברודער אָדער שוועסטער, סיידן מ׳וועט זיי אויך ברענגען אַהער...

דאָס זיינען די „נאָרילסקער“ לאַגערן, אויפן נוסח פון „גולאַג“ הייסן די אָפּטיילונגען מיט מיליאָנען מענטשן „נאָריל־לאַג“ די ווייטסטע נאָך „קראַס־לאַג“ (קראַסנאָיאַרסקער לאַגערן, שווערע רעזשימנע לאַגערן).

ס׳האָט ערשט געדאַרפט קומען צו אונדז אַ „נייער“ מיט אַן אויס־געדאַרטן און פאַרטריקנטן פּנים, און ברענגען אַ גרוס פון אַנדערע, ווייטע ערטער, פון ווייטן און גרויסן, אומענדלעכן, סאָוויעטן־פאַרבאַנד, אַ האַלבע וועלט, וואָס זיי האָבן געירשנט פון די צאַרישע אימפּעריאַ־ליסטן.

כ׳האָב שוין באַלד פאַרגעסן די געאָגראַפישע לאַגע פון דער האַלבער וועלט רוסלאַנד, וואָס ציט זיך פון אייראָפּע ביזן צפון־פּאָלוס און פון בייקאַל ביז וולאַדיוואָסטאָק, ביז פינלאַנד. אַ גאַנצן וועג ציִען זיך אוצרות, אומבאַשרייבלעכע אוצרות — און שטענדיק ניט גענוג אַנצוקאָרמען די הונגעריקע מאַגנס. אין 1940 האָבן זיי „געמוזט“ באַפאַלן פינלאַנד, צו־רייבן אַ שטיק טעריטאָריע, ווייל... די גרענעץ איז געווען צו נאָענט צו לענינגראַד... פון די איצטיקע גרענעצן וועט עס ווידער זיין צו נאָענט און זיי וועלן „מוזן“ באַוואָרענען זייערע נייע גרענעצן; זיי האָבן זיך געמוזט פאַרגלייכן מיט היטלערן, כדי איינצושלינגען אַ שטיק לאַנד פון די „פּוילישע פּאַנעס“ און „באַפרייען“ די אוקראַיִנישע „ברי־דער“, פאַרנעמען אַ שטיק בוקאָווינע פון רומעניע, פאַרשלינגען און „באַ־

פרייען״ עסטאניע, ליטע לעטלאַנד און אַנדערע, און ווי נאָר ס׳האָט זיך עפּעס געמאַכט...

איבער גאַנץ סיביר ציִען זיך אָדערן מיט גאָלדזאַמד און אַרצן. אומעטום אַרבעטן טויזנטער און צענדליק טויזנטער שקלאַפן 12 און 15־שעהעדיקע אַרבעטס־טעג, באַקומענדיק אַ „סאָציאַליסטישן״ אַרבעטס־לוין פון אַ שטיק ברויט מיט באַלאַנדע.

פון דאָרט, פון ווייטן „קאָלימאַ״, דעם גרעסטן גאָלד־גרובן אינעם ראַטן־פאַרבאַנד, איז ער געקומען און איבערגעגעבן אונדז אַ גרוס פון מענטשלעכער דערנידעריקונג און אונטערדריקונג.

אויפן פּלאַץ פון אַ געפונענער גאָלד־אָדער גראָבט מען אויס אַ טיפן גרוב, וואָס הייסט „זאַבאָי״. אַהין ברענגט מען בריגאַדעס שקלאַפן, וואָס מוזן גראָבן אַלץ טיפער און טיפער אין די ערדישע געדערים און געפינען גאָלד, און זעמדל נאָך זעמדל, ברעקל נאָך ברעקל, כדי די סאָוויעטישע שקלאַפן־הענדלערס זאָלן עס פאַרקויפן קיין אויסלאַנד.

די רייכע מדינות, וואָס קויפן אויף דאָס גאָלד, פרעגן ניט פון וואַנען און ווי אַזוי זיי באַקומען דאָס טייערע מעטאַל. זיי קויפן אויף אַלץ און ווייסן ניט, אַז דערמיט העלפן זיי אויפהאַלטן לענגער די שקלאַפעריי פון מיליאָנען אומגליקלעכע.

די „וויסנשאַפטלערס און פילאָסאָפן״, וואָס פאַרדאַמען מלחמות, רופן צו שלום, קומען קיין מאָל ניט זען די לאַגערן פון די מיליאָנען שקלאַפן, ביי וועמען די „פאַרשריטלעכע״ סאָוויעטן רויבן אַוועק זייערע לעבנס.

— אויב וועסט אַ מאָל נאָך זיין אַ פרייער מענטש, פאַרגעס ניט צו דערציילן דער וועלט וועגן אונדזער פּיין און אומקום, וועגן זייערע שקרים, וואָס שלינגען איין יערלעך מיליאָנען לעבנס. פאַרגעס ניט אָן אונדז — האָט מיר מיט טרערן אין די אויגן אַנגעזאָגט דער פירער פון דער „קוקושקע״, פון באַנדל, וואָס שלעפּט אַ גאַנץ יאָר קרבנות אַרום דער נאָרילסקער „סטראָיטעלסטוואָ״. — איין לעבן האָבן מיר... און אויך דאָס רויבט מען אונדז אַוועק. פאַרגעס ניט! געדענק!

אָט די בלוטיקע ווערטער פון מיליאָנען קרבנות זיינען ס׳איינציקע געווער, וואָס איך פאַרמאָג. הערט זשע, איר פילאָסאָפן און אָפּגענאַרטע

צי געקויפטע שרייערס, דאָס געשריי פון די מיליאָנען אומגעקומענע און אומקומענדיקע יעדן טאָג ביז היינט. נאַרט ניט און פאַרבלענדט ניט קיינעם די אויגן. זייער בלוט ליגט אויף אייער געוויסן און אייערע קינדער וועלן ליידן פון אייער בלינדקייט!

אַ פרוי פון „יאיא״־לאַגער האָט מיר דערציילט וועגן דאַרטיקן, ווייבערישן „גן־עדן״. ווי אומעטום אין רוסלאַנד האָבן אַלע אַ „סטאַטיאַ״, אַ פּאַראַגראַף הייסט עס, און ווער האָט דען אין רוסלאַנד ניט אַ פּאַראַגראַף פאַר זינד? און וואָס איז דען דאָ ניט קיין זינד? ניט אומזיסט זאָגן זיי, אַז „ביי אונדז זיינען דאָ דרייערליי בירגער: די וואָס זיינען געזעסן, די וואָס זיצן, און די וואָס וועלן זיצן...״

צווישן 5 ביז 10 טויזנט אַרעסטאַנטן־פרויען זיינען תמיד פאַראַן אין „יאיא״. די צייט צעברעכט זיי גייסטיק און פיזיש. ווי אין די ווייטע לאַגערן קוקן מענער אויף אַ פרוי ווי אויף אַ באַשעפעניש פון אַן אַנדערער וועלט, אַזוי קוקן דאָ פרויען אויף אַ מאַן, ווי אויף אַ באַשעפעניש פון אַן אַנדער פּלאַנעט. זיי ווערן פאַרקריפּלט פון האָמאָסעקסואַליזם, אָנאַניזם, סאַדיזם און אַלע מיני קראַנקייטן, וואָס דאָקטוירים האָבן און האָבן ניט קיין נעמען פאַר זיי.

אין געוויסע לאַגערן אין סיביר זיינען פאַראַן באַזונדערע פרויען און מענער־לאַגערן, אָפּט, וויפל זיי זאָלן ניט היטן, ווערן געבוירן קינדער פון אַרעסטאַנטן, בריגאַדירן און אַפילו נאַטשאַלסטווע. ס'זיינען פאַראַן ספּעציעלע „יאַסלעס״, וווּ אַן אַלטע אַרעסטאַנטקע היט אָפּ די קינדער. די מוטער ווערט געטריבן צו דער אַרבעט, און נאָך דער אַרבעט קומט זי אָנזויגן ס'קינד און גייט צוריק אין באַראַק. געוויינט אַ צייט, ווען ס'איז דערשינען אַ געזעץ פון קאַלינין, דעם פּרעזידענט פון ס.ס.ס.ר., אַז שוואַנגערע פרויען זאָלן באַפרייט ווערן. ערגעץ ווו גיט אַ בליץ אויף אַ שיין, וואַרפן זיך דערויף טויזנטער קרבנות. „אַז איינער טרינקט זיך, כאַפּט ער זיך אַן אַ שטרוי״.

*

געגנוג אַ בליץ, אַז ערגעץ האָט עמעצער געשריבן און געהאָלפן

געוואָרן... און פּאָסט־קעסלעך זיינען פאַראַן אין יעדן לאַגער. שרייב, שריי חי וקים! אין 1941, ווען כ'בין געווען אין נאַרילסק, איז פּלוצעם געקומען די אַמנעסטיע אויף פּוילישע בירגער — „שיקאָרסקיס אַמנעס־טיע". איך האָב געזען עשאַלאָנען מיט טויזנטער צוריקפּאָרנדיקע, אַפילו מיינער אַ חבר, פון דער זעלבער „דיעלאָ", איז צוריקגעפאָרן. מיך האָט מען ערגעץ פאַרפּלאָנטערט און איבערגעלאָזט. האָב איך גענומען שרייבן אין אַלע זייטן, צו אַלע פּראָקוראָרן, אין „ווערכאָווני סאָוויעט" און ווו נאָר איך האָב געטראָפן אַן אַדרעס, און קיין מאָל קיין ענטפער ניט באַקומען.

פּלוצעם האָט זיך געפונען אַ נייער אַדרעס: מען שרייבט צו קאַלי־נינען. דעם אַלטיטשקן האָט מען געהאַלטן פאַר אַ „גוטינקן פאָטערל" וואָס קען אַ מאָל אַ טובה טאָן. האָט מען גענומען שרייבן צו אים.

מער ווי דריי פערטל פון די אַרעסטאַנטן האָבן זיך צו קיין שום זינד ניט באַקענט בשעת פּראָצעסן. אָבער ווער דאַרף זיי זאָלן זיך באַ־קענען? איצט אָבער, ביים שרייבן צו קאַלינינען, גייט דער נוסח שוין אַן איינגעשטעלטער: „טייערער קאַלינין! איך אָנערקען זיך פאַר שולדיק אינעם פאַרברעכן, וואָס מען האָט מיך געמשפּט, איך בעט אָבער מיר מוחל זיין און זאָג צו אויף ווייטער מער ניט צו פאַרשולדיקן זיך קעגן מיין פאָטערלאַנד. איך בעט מיך צו באַפרייען און מיך לאָזן צוריק זיין אַ נוצלעכער סאָוויעטישער בירגער...".

און אַזוי האָבן גענומען פליסן הונדערטער און טויזנטער בריוו.

איין מאָל האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק אין לאַגער. איך האָב שוין ניט קיין כוח געהאַט צו גיין ביזן באַראַק. (זיצט נעבן מיר אַ יונגער שוסטער, וואָס איך האָב אים געקענט פון לאַגער. אַלע נאַטשאַל־ניקעס האָבן גערן אים געבעטן, צו מאַכן פאַר זיי „סאַפּאָזשקיס" (שטי־וועלעך) פאַר זייערע ווייבער און פאַר זיך, ווייל אַזאַ פאַר שטיוועלעך, ווי ער, קען קיינער ניט מאַכן. ער מאַכט זיך אַליין אַ קאַפּיטע לויט דער מאָס וואָס ער נעמט און זיין שטיוועלע ליגט אויפן פוס, ווי געבוירן. זיצט ער איצט אַזוי אַ פאַרקלערטער און קוקט אין הימל אַריין. קומט צו אַ יונגער „נאַטשאַלניק" אַ קאָמסאָמאָליעץ, נאָך מיט פּוכיקע וואָנצעלעך

אונטער דער נאָז, און נעמט צו אים טענהן, אַז מען דאַרף העלפן דער „ראָדינאַ״, מען דאַרף אַרבעטן און ניט זיצן ליידיק.

— דו, נאַטשאַלניק... לאָז מיך צו רו! גיי אין קאָמסאָמאָל, רעד מיט זיי דאָרט. און מיך לאָז צו רו, און דריי מיר ניט אַ קאָפּ — האָט ער זיך אָנגערופן צום „נאַטשאַלניק״, וואָס איז אפשר 18 יאָר אַלט געווען.

אין איינעם אַ טאָג האָט דער שוסטער, אַהיימקומענדיק פון דער אַרבעט, אַ נעם געטאָן אַ שטיקל פּאַפּיר און אָנגעשריבן דערויף אַ פּאָר ווערטער: „טייערער קאַלינין! ס׳האָט שוין דערעסן צו זיצן. העלף מיר באַפרייען זיך, און איך וועל זיך סטאַרען צו זיין אַ גוטער בירגער״. ער האָט אונטערגעשריבן זיין נאָמען און אָוועקגעשיקט דעם בריוו.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום קומט דער קאָמענדאַנט און רופט אים אין „אורטש״. ער איז באַפרייט געוואָרן. זיינען געשטאַנען צענדליקער זיינע פריינד און מיט קנאה געזען אים אַרויסגיין דורכן טויער.

— צום ווידערזען אין גיכן... — האָט ער פון דער וויטן געבאָכ׳עט מיט דער האַנט צו זיי — ס׳וועט זיכער קיין סך ניט געדויערן...

סטאַלין האָט אָפּגעשאַפט די אַלע חלומות און די זעלטנקייטן, וואָס האָבן אַ מאָל געקענט טרעפן, אויפמונטערן די האָפענונגען, די מינדסטע שפּאַרע, דורך וואַנען מען קען צוריק דערזען די פרייע וועלט.

פרויען פלעגן זיך פאַרבינדן מיט וועמען ס׳האָט זיך נאָר געטראָפן, אַבי צו פאַרשוואַנגערן, כדי זיך צו באַפרייען. האָט סטאַלין מיט זיינע חברותה־לייט זיך אַרומגעזועען אַז ס׳האָט זיך געשאַפן אַ לעכל, דורך וואַנען די אַרעסטאַנטן נעמען אויסרינען. האָבן זיי דאָס געזעץ אָפּגע־שאַפט און געמאַכט אַרטיקע „יאַסלעס״. ווערן קינדער געבוירן אין די תפיסות. ווערן געבוירן קינדער, וואָס קענען ניט זייערע עלטערן, וואַקסן אויס אין די לאַגערן, ווערן גלייך דערצויגן און געפאָרעמט, ווי אַ „פרייער דור״, פאַר וועלכן אַלץ איז אַ מיטל, וואָס פירט צום ציל, און ווי באַקאַנט „דער ציל הייליקט די מיטלען״.

די רעזשימנע״ וווייטע לאַגערן זיינען די אויסנאַגער פון דער ערשטער מדרגה. זיי פאַרמאָגן „געהילף־לאַגערן״, וווהין זיי שיקן אַרויס די, וואָס דאַרפן אַ ביסל איבערכאַפּן דעם אָטעם. ווען מען קומט אַ ביסל צו זיך,

ווערט מען צוריקגעשיקט קיין נאַרילסק, און אַזוי דרייט זיך דאָס רעדל, ביז דער אָרגאַניזם קען זיך שוין ניט אַנטקעגנשטעלן דער צינגאַ. וואָס איז דער ערשטער צום אַוועקהרגענען טויזנטער מענטשן. זיי מוזן אַקטירט ווערן פונקט ווי די אָפּגעטראָגענע שמאַטעס, וואָס צעפאַלן זיך אין די „קאַפּטיאָרקעס" און מוזן אַרויסגעוואָרפן ווערן.

ווער עס אַרבעט — עסט ניט

אַ מעדיציניִשע קאָמיסיע פון דאָקטוירים, אַלע אַרעסטאַנטן, מיט אַן אויפזעער, אַ מאָל אַ דאָקטאָר פון דער „פּאַרטיי", קוקט איבער ס'אָפּפּאַל אַ פּאָר מאָל, און אויב ס'איז שוין ניטאָ מער וואָס אויסצונאָגן, ווערט ער אַרויסגעשיקט „נאַ מאַטעריק" אין „מאַמעלאַנד" אַריין. דער „גולאַג" האָט אים שוין „איבערפאַרקויפט" צו אַן אַנדער לאַגער, „קראַסלאַג" — קראַסנאָיאַרסקער לאַגערן אָדער „סיבלאַג" — סיבירער לאַגערן. די וואָס ווערן אָפּגעקליבן צום אַרויסשיקן, זיינען די גליקלעכסטע אין לעבן, כאָטש זעלטן איז זיי נאָך פאַרבליבן לאַנג צו לעבן.

אין די פרויען־לאַגערן אין סיביר, ווי „יאיא", האָבן די פרויען גענוג צום עסן, ווייל מערסטנס האָבן זיי עמעצן, וואָס שיקט זיי עפּעס צו פון צייט צו צייט פון דער פריי. ס'איינציקע, וואָס פעלט זיי, איז מענער.

אין גאַנצן לאַגער, מיט אַרום אַ צענדליק טויזנט פרויען, זיינען פאַראַן אַ 15־20 מענער צו דער שווערערער אַרבעט. האָט שוין יעדער זיין „ווייב". גייט אַדורך אַ שטיקל צייט, ער איז אַ ביסל צו זיך געקומען, שיקט מען אים אַוועק צו שווערערער אַרבעט, און ס'קומען נייע „דאָכאָדיאַגעס", ד"ה אַזעלכע, וואָס האַלטן שוין אין „דערגיין"...

ביים ברענגען די „נייע" פירט מען זיי אין באָד אַריין, און ביים אַרויסגיין שטייען שוין די ווייבער, מערסטנס די „בריגאַדירשעס", וואָס זיינען די שטאַרקסטע, זיי זיינען פעיִק אַריינצוזעצן אַ מעסער אויך, און אַלע האָבן פאַר זיי מורא. די מענער גייען אַרויס פון באָד, און שטייענדיק נאָך אויף דער שוועל, ווען ווער פון די ווייבער זאָגט די ערשטע „עטאָט מאָי" — ביי דער בלייבט ער.

פון זיין „ווייב" באַקומט ער שוין עסן גענוג, ביז ער באַקומט אַ ביסל מער כוח, און קומט צו זיך. די מענער און פרויען זיינען נאָר מענטשן, און אָפט געשעען טראַגעדיעס פאַרן צעטיילן זיך. טייל באַפרייען זיך צוזאַמען און גייען אין איינעם לעבן אויף דער „פריי". טייל

מאָל וואַרטן איינע אויף די אַנדערע, ביז מען באַפרייט זיך און טייל, אַרויסקומענדיק אויף דער פריי, פאַרגעסן זיי אַ בריוול צו שרייבן.

די באַשפייזונג פון די לאַגערן קומט פון די „קאָלכאָזנע" שטייערן ביי די אָרעמע פויערים, וואָס באַקומען דערפאַר באַצאָלט גראָשנס. די שפייז ווערט ווידער „פּאָ פּלאַנו" צעשיקט אין די לאַגער־אָפּטיילונגען אויסגערעכנט „פּאָ נאָרמיע", אַלץ נאָרמירט. אַלץ שטייט אין אין די מלוכישע הענט פון דער „נאַטשאַלסטווע", וואָס איז אַליין ניט צו זאַט און מוז אַ ביסעלע צוגנבענען. דער „זאַוו" פון יעדער אָפּטיילונג וויל אויך ניט הונגערן. די באַאַמטע, וואָס שטייען ביי אַלץ, די „קאַפּטיאָרן", וואָס נעמען איבער און דאַרפן צושטעלן צו די קיכן, די קיכערס ווילן אויך ניט הונגערן, די נאַריאַדטשיקעס און קאָמענדאַנטן טרייבן אַרויס די בריגאַדע צו שווערער אַרבעט, און דערנאָך גייט מען אין קיך, און מען גיסט צו נאָך אַ פּעסל וואַסער. די שווער־אַרבעטנדיקע קומען פון דער אַרבעט אויסגעהונגערט ווי די וועלף. קריגן זיי אַ טאָפּ וואַסער, וואָס ווערט גערופן „באַלאַנדע". דער וואָס אַרבעט צום שווערסטן, באַקומט צום ווייניקסטן און אַלע אַנטרייבערס, וואָס טוען גאָרניט, פרעסן אויף ס'בעסטע.

טאָ ווער האָט אינטערעס צו אַרבעטן? פאַר וואָס זאָל מען וועלן אַרבעטן? זיי זאָגן, אַז ווער ס'אַרבעט ניט, דער עסט ניט. אַלע ווייסן זיי דעם גרויסן ליגן, אַז עסן, וואָס דאָס איז די גרעסטע דערגרייכונג אין „אַרבעטער־גן־עדן", עסן די, וואָס טרייבן אַנדערע צו דער אַרבעט.

באַוויזן זיך עפּעס אַ נייער ייִד. קלמן ליס הייסט ער. איך האָב אַ מאָל געהערט וועגן אַ יידישן פּאָעט קלמן ליס, אָבער דאָס איז מסתמא ניט דער. ער רעדט ניט מיט קיינעם, וויל ניט ענטפערן אויף פראַגן, היט זיך צו רעדן יידיש. מילא, מסתמא אַן אַנגעשראָקענער.

(פון אַנדערע בין איך אַ ביסל געוווּיר געוואָרן וועגן אים. זיין „סטאַטיאַ" האָט ער קיינעם ניט געזאָגט. אַ צענערל האָט ער, האָט מען געוווּסט. איז עס ניט קיין „ביטאָוואַיאַ סטאַטיאַ", גיכער אַן „58", מסתמא אַ „יאַזיטשניק", האָט זיך עפּעס אויסגערעדט. געקענט זאָגן אַ פּאָר ווערטער אמת.

ער איז פון קישעניעוו, דער הויפּטשטאָט פון בעסאַראַביע. אַ מאָל איז די שטאָט געווען רומעניש, היינט זיינען זיי שוין אויך „באַפרייט" און באַפרייטע מוזן אַהערקומען.

דאָ גייט אָן אַ העצע, אַז יידן ווילן ניט אַרבעטן. וויפל אַ ייד זאָל ניט אַרבעטן, איז דער ייד אַלץ אַ שלעכטער אַרבעטער. איין מאָל בין איך אָנגעקומען אין אַ נייער בריגאַדע. דער בריגאַדיר, אַן אוקראַינער, אַפילו ניט קיין שלעכטער, איז ניט קיין איבעריקער פריינד די „באַ־פרייערס".

איך האָב געאַרבעט, און דווקא גוט געאַרבעט, ווען פּלוצעם איז אָנגעקומען דער בריגאַדיר, און געזען מיין ערלעך אַרבעטן. איז ער אוועק־געגאַנגען גאָרניט זאָגנדיק, אָבער אַן עלטערער דייטש, וואָס האָט דאָ ניט ווייט „געאַרבעט" אַרומשפּאַצירנדיק מיט די הענט הינטער זיך, און האָט געוווּסט, אַז איך בין אַ ייד, האָט אַ זאָג געטאָן צום בריגאַדיר:

— נו, האָסט אַ נייעם אַרבעטער?

— דאַכט זיך, אַ גוטער אַרבעטער — ענטפערט דער בריגאַדיר.

— ווי קען אַ ייד זיין אַ גוטער אַרבעטער?

איך האָב שמייכלענדיק גאָרניט געענטפערט.

קלמן ליס האָט אָבער געוואָלט ווייזן אַז ער איז טאַקע אַ גוטער אַרבעטער. ער איז אַ שטיקל צייט געווען אויפן טאָוול פון די „אודאַר־ניקעס", געגאַנגען אין דער ערשטער ריי מיט די אַלע אונטערוועלט־ניקעס, וואָס האָבן באמת ניט געאַרבעט, נאָר פאַרשטאַנען ווי אַזוי צו געווינען דעם בריגאַדיר מיטן דעסיאַטניק, אונטערטרייבנדיק אַנדערע צו אַרבעטן, אָבער קלמן האָט טאַקע געמוזט שווער אַרבעטן, אַז ער, אַ ייד, זאָל זיין אויפן „אודאַרנע" טאָוול. פאַרן „אודאַרנע טרוד", אַ לעפל האָבערנע קאַשע אַ טאָג, האָט ער ניט געקענט צוריקגעבן די טעגלעך־אויסגעבאַגטע כוחות. ער איז געוואָרן אויסגעדאַרט, ווי אַ שטעקן, קיין יונגערמאַן איז ער שוין אויך ניט געווען. אין גיכן האָט ער שוין ניט געקענט שלעפן די פיס, מען האָט אים גענומען אין שפּיטאָל אַריין, פון וואַנען ער איז אַרויס שוין אַן דעם „שלאָגלערישן" ענטוזיאַזם. אין שפּיטאָל איז אַפילו קיינער ניט געקומען אים אָנקוקן. „ראַבאָטאַ דוראַקאַ ליוביט"

(די אַרבעט האָט ליב דעם טיפּש) ; „ראַבאָטאַ ניע וואָלק, וו׳ליעס ניע אוביעזשיט״. די אַרבעט איז ניט קיין וואָלף, זי וועט אין וואַלד אַריין ניט אַנטלויפן, און נאָך אַזעלכע „פּיקאַנטע״ ווערטלעך, וואָס זיינען ניט צענזוראַבל, קאָן מען דאָ הערן. קלמן ליס האָט ניט געוווסט, וואָס יעדעס פערד אין סיביר ווייסט, אַז אַ פויל פערד לעבט לענגער.

נאָכן אַרויסקומען פון שפּיטאָל, האָט קלמן געלעבט מיטן הונגער „פּאַיאָק״ און מיט ווייטיק פאַר ניט אַנערקענען זיינע „פּאַרדינסטן״ אַלס געוועזענער „אודאַרניק״. ער האָט עס ניט געקענט איבערטראָגן, און איין מאָל, אין אַ פּראָסטיקן ווינטערטאָג, האָט מען אים געפונען אַן אויפגע־האַנגענעם. ס׳האָט וועמען ווי־געטאָן ? קיינעם האָט עס ניט גערירט, אַוודאי ניט זיינע געוועזענע „נאַטשאַלניקעס״, וואָס האָבן אויסגענאָגט זיינע לעצטע כוחות.

„קירפּיטשני זאַוואָד" (ציגל־פֿאַבריק)

ווי נאָר די עלעקטרע צינדט זיך אָן, טאָר קיין רגע ניט נעמען, און אַלץ מוז קלאַפּן און אַרבעטן אין ריטמישן גאַנג פֿון דער מאַשין, וואָס איז אָנגעשטעלט צום העכסטן פּונקט פֿון אויסנאָגן אייער קראַפֿט, אין איינקלאַנג מיטן מענטשלעכן לעצטן אָטעם. אַרום שטייען שוין אין יעדן ווינקל אָנגעשטעלט די אונטערטרייבערס, וואָס באַקומען אויפֿן חשבון פֿון אונטערטרייבן אַ גרעסער שטיקל ברויט, אָדער אַ „צוגאָב" — אַ לעפֿל האָבערנע קאַשע. דאָס איז די מאָס פֿון באַלוינונג, לויטן סאָוויעטישן „סאָציאַליסטישן געוועט" פֿון העכערן אונטערטרייבער, וואָס ווערט דער „סטאַכאַנאָוועץ" איבער דיין ביסל כּוח, און באַקומט פֿאַר אַ באַלוינונג נאָך אַ ביסן ברויט.

ווען די עלעקטרע האָט זיך אויף אַ מינוט פֿאַרלאָשן, בין איך שטייענדיק, ניט ווייסנדיק ווען, איינגעשלאָפֿן און ניט געזען ווען זי האָט זיך צוריק אָנגעצונדן. פּלוצעם האָב איך דערפֿילט אַ קנאַק איבערן קאָפּ. איבער מיר איז געשטאַנען אַ געזונטער אונטערטרייבער און צופֿרידן געשמייכלט, זעענדיק אַז איך באַנעם ניט, ווו איך בין און וואָס דאָ איז געשען.

— דאַוואַי ראַבאָטאַט, אין דיין מאַמען אַריין !...

איך האָב נאָך דאָס מאָל גוט אָפּגעשניטן, ווייל דער מערדערישער אונטערטרייבער, וואָס האָט זיך געפֿילט מלך איבער די אומגליקלעכע שקלאַפֿן, און איז אויסגעפּרעסן פֿון אונדזער אָנגעגנבעט בלוט, האָט אַ סאַדיסטיש פֿאַרגעניגן פֿון שלאָגן אַ שוואַכערן און דערביי שמייכלען. איך האָב עס אָפּט געזען.

אין אַ יאָר אַרום בין איך געלעגן אין 2טן לאַג־פּונקט, אין שפּיטאָל. די דאָקטוירים, צום מייסטן לעטישע, עסטאָנישע און ליטווישע, האָבן דאָ אויסגעקעמפֿט אַ פֿרייערן אָטעם, און די פֿאַרהאַסטע אונטערטריי־

בערס, צוטראַגערס, קאָמענדאַנטן און אַלערליי אונטערקוקערס האָבן דאָ אַ קליינע שליטה. איך האָב פלוצעם דערהערט געוואַלדן און געשרייען פון אַ ווייטער אָפּטיילונג. איך בין איבערגעגאַנגען אויף יענער זייט, און דערזען דעם „קאָמענדאַנט" פון „קירפּ־זאַוואָד", פון דער ציגל־פאַבריק, וואָס האָט דאָרט אַזוי געשניטן שטיקער פון אַלע. איך האָב זיך צעלאַכט אים אין די אויגן:

— האַ, קאָמענדאַנט? ס'איז ניט גוט, אַז ס'טוט וויי? בעסער צו קנאַקן אַנדערע מיטן קולאַק איבערן קאָפּ, האַ? שריי! שריי, אין דיין מאַמען אַריין! אויסגעפּרעסן זיך אַ מאָרדע פון אונטערטרייבן און שלאָגן אַנדערע, האָסטו איצט כוח צו שרייען... שריי פון דיר אויס אונדזערע בלוטן!

ס'זיינען אונטערגעקומען אַנדערע קראַנקע אויף זיינע געוואַלדן. אַלע האָבן אַנגעקוואָלן פון מיינע רייד צו אים און געלאַכט. ער האָט זיך געוואָלט אויף מיר וואַרפן מיט רציחה.

— עטאָ טעביאָ ניע „קירפּ־זאַוואָד"! דאָ איז דיר ניט דער ציגל־זאַוואָד! — האָבן אים אויך אַנדערע געגעבן צו פאַרשטיין. איך האָב בעת מעשה געטראַכט, אַז אַך און וויי וועט זיין צו מיר, טאָמער פאַל איך ווידער דאָרט אַריין, נאָר גוט איז אַ מינוט פון נקמה.

ס'איז צוגעקומען צו מיר אַ יונגער אינטעליגענטער בחור, מיך אָוועקגערופן און געפרעגט מיך צי איך קען דעם קאָמענדאַנט. האָב איך אים דערציילט, ווי ער שניידט שטיקער פון די מענטשן דאָרט. ער איז אַוועקגעגאַנגען און צוריקגעקומען שוין מיט אונדזער הויפּטדאָקטאָר, האָבן ביידע געשמייכלט צו מיר.

— אַ קאָמענדאַנט? — פרעגט מיך דער דאָקטאָר מיט אַ ווונק אויפן שרייענדיקן קאָמענדאַנט, וואָס האַלט זיך ביים בויך — צו פיל געפרעסן און ס'האָבן אים זיך איבערגעקערט די קישקעס אין בויך...

— ער מעג נאָך אַזוי שרייען אַ פּאָר טעג, דאָקטאָר — האָט דער יונגער בחור געזאָגט — ער האָט כוח.

„אומזיסטע מעדיצינישע באַדינונג“

איין טאָג האָב איך דערזען אַ מרה־שחורה אויף אַלעמענס פּנימער, אָנהויבנדיק פון די דאָקטוירים ביז אַלע שוועסטער און אָנגעשטעלטע. אין דעם זוניקן טאָג איז ווי אַ שוואַרצע כמאַרע געהאַנגען אין אַלע הדרים אין שפּיטאָל. טייל שוועסטערס גייען אַרום מיט טיכלעך און ווישן זיך די אויגן, אַלע זיינען פאַרזאָרגט מער ווי תמיד. יעדן טאָג דאָ איז דאָך מרה־שחורהדיק, אָבער היינט איז עפּעס אַן אויסנאַם.

— וואָס איז געשען? — פרעג איך אַ באַקאַנטער שוועסטער, וואָס שטאַמט אַליין פון פּוילן און האָט באַקומען ס׳מזל דאָ זיך אַריינצו־דרייען. זי איז אויך דערשלאָגן.

— אַ שווערער טאָג היינט — דערציילט זי מיר — אַ יונגער דאָקטאָר, וואָס איז „געזעסן“ און געאַרבעט אין אַ ווייטן שפּיטאָל ערגעץ, אַן אַרעסטאַנט, האָט דאָרט געטראָפן אַ יונגע אינטעליגענטע שוועסטער און ביידע האָבן זיך פאַרליבט. אין דער „נאַטשאַלניק“ געוווּר געוואָרן און זי אַוועקגעשיקט אין אַן אַנדערן שפּיטאָל. ער האָט שטאַרק געליטן דער־פון און אויך זי. ער האָט אָבער אַלץ געקלערט ווי אַזוי זיך מיט איר ווידער צו טרעפן, און כדי אַנצוקומען אַהער אין שפּיטאָל, האָט ער זיך אַליין געמאַכט אַן אינפעקציע אין אַ פוס, און ביז ער האָט אויסגעפועלט צו קומען אין גרויסן שפּיטאָל אַריין איז די אינפעקציע אַ פאַרשפּעטיקטע און היינט מוז מען אים אַמפּוטירן אַ פוס, און דערנאָך — ווער ווייסט?

אַרום אַ שעה שפּעטער האָט וואַנקאַ דער סאַניטאַר אַרויסגעטראָגן אַן אָפּגעשניטענעם פוס, האַלטנדיק אים ביים גראָבן פינגער, און שפּילנ־דיק זיך מיט דער מתנה...

— ווען מען קען באַקומען פּעניצילין — זאָגט די שוועסטער — דער הויפּטדאָקטאָר איז שוין געפאָרן צו „נאַטשאַלסטווע“ אין שטאָט אַריין.

אפשר וועט ער באַקומען, צו ראַטעווען כאָטש זיין לעבן... זאָל זיין אָן אַ פוס, אָבער ס'לעבן דאַרף מען דאָך ראַטעווען.

אַ טאָג שפּעטער איז דער דאָקטאָר צוריקגעקומען מיט אַ פאַר־פינצטערטן פּנים. ער האָט גאָרניט געפועלט. דאָס איז ניט אַזוי וואַזשנע פאַר „זיי". דער דאָקטאָר איז שטיל אויסגעגאַנגען. פאַר זייגעטוועגן איז קיין פעניצילין ניט געווען. וואָלט ער געווען עפּעס אַ „פּאַרטייִיש קנעפּל", וואָלט מען אים געראַטעוועט, אָבער סתּם דאַרט אַ דאָקטאָר? די „סאָציאַליסטישע פּאָסטראָיקע" וועט זיך צוליב אים ניט אָפּשטעלן...

פאַרן פּשוטן פאָלק זיינען פאַראַן „אומזיסטיקע" דאָקטוירים, וואָס קענען שטעלן גוטע דיאַגנאָזן און פאַרשרייבן אַן אַספּירין, אַן אַנדערע גראָשנדיקע פּיל, אָבער פעניצילין צי סטרעפּטאָמיצין? דאָס איז פאַר די ספּעציעלע שפּיטאָלן מיט די פּאַרטייִישע גדולים. דאָרטן ווו אַהין ס'קומען אויסלענדישע דעלעגאַציעס צום באַוווּנדערן דעם „פאַרשריט" פון דער סאָוויעטישער מעדיצין. אָבער פאַר וועמען? דאָס דערציילט מען זיי ניט, און די וואָס קומען שוין יאָ „באַוווּנדערן", זעען דאָך נאָר, וואָס מען ווייזט זיי, און ווו מען פירט זיי. פירט מען זיי דען דאָרט, ווו זיי קענען עפּעס דערזען? מאָסקווע, לענינגראַד, קיִעוו, כאַרקאָוו, לוואָוו... פאַר וואָס ניט פירן זיי אַ מאָל אין די סיבירער טרערן־אינדזלען? פאַר וואָס ניט אין די זאַפּאָלאָרנע „סטאַציאָנאַרן" מיט די אויסגעטריקנטע „דאָכאָדיאַגעס"?

*

נעכטן האָט מען אָפּערירט דעם אַלטיטשקן, וואָס האָט זיך געריכט פאַר מיר, אַז ער האָט געגעבן דער רויטער אַרמיי דריי זין, יונגע אָפיצירן, וואָס זיינען אַלע אומגעקומען אין דער מלחמה. דריי זין... האָט ער ייִאוש־דיק געקוקט אויף מיר מיט רויטע פאַרוויינטע אויגן. און איצט... ער האָט געמיינט, אַז דער זכות פון זיינע דריי אומגעקומענע זין וועט אים באַשיצן, אָבער אויך אים האָט מען אַהער געבראַכט. אויפן לעבן האָט ער שוין ניט געקענט מער פאַרדינען אין קאָלכאָז. ער מיט זיין אַלטיטש־קער האָבן זיך פאַרלוירענע אַרומגעדרייט נאָכן אומגליק זייערן, און דער „זאַוו־קאָלכאָז" האָט געמאָנט „נאָרמעס" און אויף זייער שטייגער: „דאָ־

וואַי...! דאַוואַי...!״ זיי אונטערגעטריבן, און זיי האָבן זיך געשלעפּט, ווי פאַרלוירענע, אָן אַן אָנהאַלט אין לעבן... אַלץ האָט מען זיי שוין צוגענומען — זאָגט ער מיט שנאה. ווינטער זיינען זיי געקומען אין די קאַל־כאָזן און „געמעלקט״, וואָס זיי האָבן געקענט. קיין קאָרמע פאַר די הינער איז שוין ניט געווען, פלעגן די הינער אויספגרן, ווייל דאָס ביסל, וואָס מען האָט פאַר זיי געגעבן, האָבן די מענטשן געהאָלפן אויפעסן, לעבנדיק אין שטענדיקן הונגער.

אַפילו די געפּגרטע הינדלעך האָט מען איינגעטיילט די אַלערליי „נאַטשאַלניקעס״. זיי האָבן געשריבן „אַקטירונג־אַקטן״, צוגענומען די געפּגרטע הינדלעך, און אין פרילינג האָבן זיי צוגעשטעלט פון „זאַהאָד״ (פאַרגרייט) צו שיקן זיי אייער פון די געפּגרטע און לאַנג אויפגעגעסענע הינער, און איין „נאַטשאַלניק״ האָט געזעצט דעם אַנדערן אין תפיסה אַריין, כדי אַליין צו ווערן בעלי־בתים. די שפּעטערע נאָך זיי האָבן געטאָן דאָס זעלבע, און זיי געשיקט אַהער אויף „פּערעוואָספּיטאַניע״.

אַ טאָג שפּעטער האָט מען אים גענומען צו אַן אָפּעראַציע. עפּעס האָט ער געהאַט אַ האַלדז, וואָס פלעגט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק, ווען מען האָט אים געוואַלט אַרויסשיקן פון שפּיטאָל, געשוואָלן ווערן. אַלע שרעקן זיך פאַר די „אָבשטשיע״ אַרבעטן, ווו מען נאָגט אויס די לעצטע טראָפּנס בלוט פאַר אַ שטיקל ברויט מיט אַ טשערפּאַק באַלאַנדע. טוט מען וואָס מען קען צו בלייבן אין שפּיטאָל. יעדע פאָר וואָכן פלעגט דער אַלטער באַקומען אַ געשוואָלענעם האַלדז, און ער איז ווידער פאַרשריבן געוואָרן צו אַן אָפּעראַציע. פלעגט מען אויפשניידן אונטן ביי אים דעם האַלדז, פאַרבאַנדאַזשירן, און ווידער האָט ער באַקומען אַ פאָר וואָכן רו...

נאָך מיטאָג, אין איינעם אַ טאָג, האָט מען אים ווידער גענומען צו דער אָפּעראַציע. ער איז שוין געגאַנגען, ווי אויף אַ גוט־באַקאַנטן וועג. צוריק האָט מען אים געבראַכט, אַ שלאָפנדיקן, איינגעבונדן אין די אויסגעוואַשענע באַנדאַזשן, וואָס מען פלעגט דאָ איבערקאָכן, ביז זיי זיינען זיך צעפאַלן. נייע באַנדאַזשן פלעגט מען שיקן צו די „אָקטאָבער־פייערונגען״ — ניט יעדעס יאָר. מען פלעגט דאַן ברענגען אַזאַ גרויסן „גאַזע־פאַרהאַנג״, וואָס מען פלעגט צעשניידן אין פאַסן, איינראָלן און באַהאַלטן.

צו אים האָט מען צוגעשטעלט דעם זעלבן וואַנקע, וואָס האָט אַזוי געטאַנצט מיטן אָפּגעשניטענעם פוס פונעם דאָקטאָר, ער זאָל אַכטונג געבן אַ ביסל.

וואַנקע איז געווען אַ יונגער בחור, געבוירן און „דערצויגן" אין קאַמסאָמאָל, קיין פילבאַרקייט צו מענטשלעכן לעבן האָט ער ניט געהאַט. אַפּהיטן דעם קראַנקן איז ביי אים געווען אַן איבעריקע לאַסט. נאָך דער אָפּעראַציע האָט דער אַלטער געכראַפּעט, און אַזוי, מיטן כראַפּען, אונדז אַלע איינגעשלעפּט. אין מיטן נאַכט וועקט מיך איבער די פּלוצעמדיקע שטילקייט. איך גיב מיך אַ זעץ אויף, זע איך ווי דער „סאַניטאַר" שטייט איבערן קראַנקן און שטיקט אים.

— וואָס טוסטו? — האָב איך אַ געשריי געטאָן.

— ער כראָפּעט אַזוי שטאַרק, אַז איך קען ניט הערן — האָט ער זיך פאַרענטפערט, דער אַלטער האָט מער ניט געכראַפּעט. נאָך אַ וואַרעמען, האָט מען פון אים אַראָפּגעצויגן ס'העמד, אים „דערוווייל" אַרונטערגע־רוקט אונטערן בעט, אַ נאַקעטן, ביז דער אַנדערער שיכט וועט קומען אין דער פרי און אים אַוועקטראָגן אין „מאָרג" (טויטן־הויז). פון שטרוי־זאַק האָט מען שוין אַראָפּגעצויגן ס'ליילעך, אַרויפגעצויגן אַן אַנדערס, און פון אויבן שלאָפט שוין אַן אַנדערער, כראָפּענדיק מיד, און ווייסט ניט, וואָסער „אוצר" ס'געפינט זיך אונטער אים.

איך דערמאָן זיך אַ מעשהלע פון תלמוד, ווי אַן אָרעמאַן איז געזעסן אויפן אַלטן דאַך פון זיין אָרעמען הייזל און פאַרריכט דעם צעבראָכענעם דאַך, ניט זעענדיק, אַז אונטער זיין אָרעמען שטיבל ליגט אַן אוצר...

און דערויף קומט אַן אין זכרון אַ רוסיש מעשהלע פונעם „פּאַלקס־מויל".

ערגעץ אין אַ שפּיטאָל איז געשטאָרבן אַ מענטש. דער דאָקטאָר טאַפּט דעם פּולס: שטיל. טויט. און ער שרייבט אַזוי איין אין דער „דיעלאָ": „געשטאָרבן".

שפּעטער קומען צוויי סאַניטאַרן, לייגן אַרויף דעם „טויטן" אויפן טראָגבעט, און מען טראָגט אים אין „מאָרג". אין מיטן וועג, זעצט זיך דער „טויטער" אויף און נעמט זיך אויסרייבן די אויגן...

— העי, וואַנקאַ — גיט אַ געשריי דער פון אונטן טראַגנדיק — „פּאָסטוי!״ וואַרט אַ מינוט! ער לעבט דאָך.

— ווי קען עס זיין? — קוקט ער אַרונטער. ער דערזעט דעם זיצנ־דיקן „טויטן״, שטעלט ער אַוועק די נאָשע אויף דער ערד, און גייט צו אים צו האַלטנדיק די אַקטן אין האַנט.

— ווי רופט מען דיך? — קוקט דער סאַניטאַר אין די אַקטן אַריין.

— איוואַן וואַסיליעוויטש פּעטראָוו — ענטפערט דער „טויטער״.

— טאַטשנאַ! ריכטיק! — זאָגט דער סאַניטאַר קוקנדיק אין די אַקטן — אַזוי איז דאָ געשריבן... „איוואַן וואַסיליעוויטש פּעטראָוו, געשטאָרבן״. וואָס גייט מיך אָן? דאָקטאָר לוטשע זנאַיעט. דער דאָקטאָר ווייסט בעסער! לאָזשיס! לייג זיך! — האָט ער אַ געשריי געטאָן צום „טויטן״, אים אַנידערגעלייגט און אָפּגעטראָגן אין מאַרג...

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען מיך אויסגעשריבן פון שפּיטאָל. דער קאָמענדאַנט האָט אַלץ נאָך געשריגן. קיין קראַנקע פעלן ניט אין שפּיטאָל, אַרבעט איז דאָ גענוג, און קיינער האָט זיי ניט ליב. זאָל ער שרייען.

— נו, „קאָמענדאַנט״? פאַרגעס ניט צו שרייען! — האָב איך זיך געזעגנט מיט אים — און מיר וועלן דערווייל גיין אויף עטאַפּ, דיין פּרצוף מער ניט זען... נאָר עפּעס שרייסטו צו שוואַך שוין...

„אָטדיך" (אָפּרו)

אָנגעקומען מיטן עטאַפּ קיין דודינקאַ. זיינען מיר אָנגעצייכנט גע־וואָרן אויף צוויי וואָכן רו אין אַ קאַלטן גרויסן באַראַק, מיט „ספּלאשניִע" נאַרעס, וואָס האָבן זיך געצויגן פון איין עק באַראַק צום אַנדערן, אָן שטרויזעק, צו ליגן אויף די הוילע ברעטער. אָבער אויך דאָס איז אַ גליק. מער עסן גיט מען ניט, אָבער קיינער טאָר אונדז פאַר די צוויי וואָכן ניט טרייבן צו דער אַרבעט. נאָך 4 יאָר אַרבעט אָן אַן אָפּרו־טאָג, אין שטענדיקן הונגער און אויסמאַטערונג — וואָס פאַר אַ גליק איז צו וויסן, אַז צוויי וואָכן מעגסטו ליגן און שלאָפן!

און דאָ הויבט זיך ווידער אָן די סאָוויעטישע חכמה פון אויסנוצן דעם מענטש. פאַר די צוויי וואָכן רו צאָלט דער „גולאַג" די אויסהאַלטונג פאַר אונדז: די 12 קאָפּיקעס טעגלעך פאַרן ביסל באַלאַנדע מיט דער פּייקע ברויט. פאַראַן אינגערלעכע וואַרשטאַטן וואָס אַרבעטן אין דער זאָנע. די אַרבעטערס ווערן ניט געטריבן ווייט צו דער אַרבעט, נאָר אַרבעטן דאָ אין וואַרשטאַטן שניידעריי און שוסטעריי — אַלץ פאַרן אייגענעם גע־ברויך. דאָס זיינען די אַזוי גערופענע „פּרידורקעס" און באַאמטע פון לאַגער, אַלע אַרעסטאַנטן. זיי זיינען זאַטער געפּלעגט אין קיך, ווייל די קוכערס קענען זיי שוין, און אַז מען האָט געבראַכט אַן עטאַפּ פון נאָרילסק, ווייסט מען שוין, אַז דאָס זיינען „דאָכאָדיאַגעס", וואָס וועלן גערן אַרבעטן פאַר אַ ביסל זופּ, און פאַר זיי דאַרף מען די צוויי וואָכן ניט צאָלן דעם „פּראיִזוואָדסטוויענגי" אפּצאל, האט די „פּראיִזוואָדסטוואָ" אומזיסטיקע אַרבעטערס און אומזיסטיקן ריווח מיט „נאָרמעס", וואָס מען קען זיך צושרייבן. שיקט מען אין די באַראַקן פון די נייע עטאַפּן זוכן צוהעל־פערס. אין אונדזער באַראַק ברענט אַפילו ניט קיין לעמפּל. ניט כדאי פאַר די „דאָכאָדיאַגעס" אַפילו אַן עלעקטריש לעמפּל אַנצוצינדן, צי אפשר

האָט מען שוין די לעמפּלעך אַרויסגעגנבעט און פאַרקויפט פאַר אַ שטיקל ברויט.

מיר ליגן אַלע אין דער פינצטער און קוקן אין דער אומענדלעכער פינצטערניש. מאָרגן זיינען די צוויי וואָכן אַדורך, און וואָס ווייטער?

*

מיין מוטער האָט געהאַט אין שטוב אַ ניימאַשינדל מיט אַ שיפעלע און איך האָב ליב געהאַט צו דרייען ס׳רעדל מיט די פיס. ווי נאָר זי פלעגט אַרויסגיין פון שטוב, האָב איך גענומען דרייען ס׳רעדל אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, ביז ס׳פלעגט געבן אַ קנאַק. דעמאָלט פלעג איך אויפהערן און איך האָב געמאַכט זיך ניט וויסנדיק.

איין מאָל, ווען די מאַמע איז אַרויסגעגאַנגען און איך בין גלייך צו צו דער מאַשין און גענומען דרייען ס׳רעדל, עפנט זיך די טיר און די מאַמע קומט צוריק. איך נעם מיך אָפּטראָגן פון מאַשין, אָבער די מאַמע האָט שוין איצט אַלץ געוווּסט.

— קום אַהער, קום אַהער! — האָט זי מיך צוריקגערופן — אַנטלויף ניט! איך וועל דיך בעסער אויסלערנען שטעפּן אויף דער מאַשין, וועסטו פאַרשפּאָרן מיר יעדן טאָג אָפּצוברעכן די נאָדל.

זי האָט זיך אַנידערגעזעצט מיט מיר, געוויזן ווי מען פאַרסילעט די אונטערלאַגע, די מאַשין, און פון דעם טאָג אָן האָב איך מער קיין נאָדל ניט צעבראָכן. מיין טייערע קלוגע מוטער! צי האָט זי געוווּסט, וואָס זי האָט דערמיט מיר מיטגעגעבן אין לעבן אַריין?

ליגנדיק אַזוי אין באַראַק אין דער פינצטער, דערהער איך פּלוצעם אַ קול אין דער פינצטערניש: „אפשר איז עמעצער פון אייך דאָ אַ שניידער?״ — קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן.

— אפשר קען עמעצער פון אייך נייען אויף אַ מאַשין? —איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך קען נייען אויף אַ מאַשין. בלייבן אין דודינקאָ אַרבעטן, איז איינס פון די גרעסטע גליקן, וואָס קען טרעפן אַ „זעקאַ״.

מאָרגן ענדיקן זיך די צוויי וואָכן. ווער ווייס, אפשר קען איך דאָ אויך ווערן אַ „פרידוראַק״?

אלע דאַ לאַכן, ווען זיי באַגעגענען אַ ייד אויף „אַבשטשיע" (אַלגע־מיינע) אַרבעטן. כאָטש איך האָב זיי געטראָפן אומעטום, און זיי האָבן ניט ווייניקער „אוקאַליוועט" (פאַרשוואַרצט געוואָרן) ווי אַנדערע, אָבער פון יידן דאַרף מען דאָך חוזק מאַכן און זיי האָסן. יידן זיינען אויפן פראָנט געפאַלן אין די טויזנטער, אָבער געשפּעט האָבן זיי פון יידישן זעלנער, וואָס בעט זיך אַ „קריוואַיאַ ווינטאָווקאַ" אַ קרום ביקסל, וואָס זאָל שיסן פון אַ ווינקל, ווו ער זאָל זיך קענען באַהאַלטן... און אַנדערע אַזעלכע געמיינע ליגנס האָבן זיי אויסגעטראַכט.

מיליאָנען זייערע „פרידורקעס" זעען זיי ניט, אָבער אַ ייד דערפילן זיי אויף מיילן ווייט און ס׳קריכן זיי אַרויס די אויגן.

— נו טשטאָ זשע? ניטאָ צווישן אייך אַזאַ, וואָס קען נייען אויף אַ ניימאַשין? — שרייט ווידער דאָס קול אין דער פינצטערניש.

— איך קען נייען אויף אַ מאַשין! — האָב איך זיך אָנגערופן.

— קום אַהער! לאָמיר דיך זען... — נאָך עטלעכע האָבן זיך אָנגע־רופן, אַז זיי קענען נייען אויף אַ מאַשין. מיר זיינען גלייך מיט אים מיט־געגאַנגען, ער האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ „פאַרטניאַזשסקאַיאַ", אַ שניידעריי. דאָרט שטייען מאַשינען, גרויסע, גולמדיקע שטיקער אייזן, און מען ווייזט אונדז אָן אויפן „זאַוו".

— דו קענסט נייען? — פרעגט ער, פלאַנטערנדיק דערוויל אַ קלאָמב פאָדעם. איך קוק אָן די מאַשינען: — יאָ, — ענטפער איך — אָבער אונדזער מאַשין איז געווען אַנדערש צו פאַרסילען. איך קוק אויף דער מאַשין, איך האָב אַ מאָל געזען ביי אַ שניידער, ווי ער האָט פון זיין מאַשין אונטנאַרום אַרויסגענומען עפּעס אַ פעסעלע אַנשטאָט אונדזער היימישן שיפעלע.

— איך ווע׳ל דיך באַלד ווייזן, ווי מען פאַרסילעט — זאָגט דער פאַרהאַוועטער „זאַוו" פלאָנטערנדיק זיין קלאָמב פאָדעם. איך בין דער־וויל צוגעגאַנגען צו דער מאַשין, אַרונטערגעבויגן, זיך גענומען זוכן מיט די הענט, און אַרויסגעשלעפּט אַ פעסעלע. ס׳פאַרסילען איז געווען ווי ביים שיפעלע, איך האָב זיך אַוועקגעזעצט צו דער מאַשין, און גע־נומען נייען.

— קענסטו דאָך יאָ נייען — האָט דער „זאַוו" אַ פאַרחידושטער זיך אויסגעדרייט צו מיר.

— אַוודאי קען איך...

— ביסטו דאָך אַ שניידער...

— אַוודאי בין איך — האָב איך געענטפערט.

— פון מאָרגן קומסטו צו דער אַרבעט אַהער.

סאָוויעטישע קינדער

ס׳מזל פון סאָוויעטישן קינד איז אויך ניט אומעטום גלייך. קינדער פון די סאָוויעטישע פּריצים ווערן אַנדערש דערצויגן און לעבן איבער אַן אַנדערע קינדהייט ווי די קינדער פון סאָוויעטישער אָרעמקייט צי מיטלקלאַס. זיי דערציילן אייך טאַקע, אַז „נישטאָ מער קיין קלאַסן״, אָבער זיי ווייסן אַליין, אַז זיי זאָגן ליגן.

קינדער פון סאָוויעטישע פּריצים קומען אומעטום צו לייכטער און ווערן דערהויבן שנעלער אויף העכערע מדרגות, אַזוי לאַנג ווי זיי לעבן אין זכות פון טאַטנס יחוס, (און נעמען ניט זעלבשטענדיק קלערן, אַריינקוקן אין די בעבעכעס פון דער „קלאַסנלאָזער״ נייער געזעלשאַפט.

דער בילדונגס־שטאַנד פון היינטיקן סאָוויעטישן מענטש איז אָן שום צווייפל העכער, ווי אין צאַרס צייטן, אָבער דערמיט וואַקסט די טראַגעדיע פון פאָלק, וואָס דערקענט גיכער און באַגרייפט טיפער דעם גרויסן שקר פון דער אַפיציעלער אַגיטאַציע.

דער נידעריקערער קלאַס ווייסט דעם ריזיקן אונטערשיד צווישן זיין שטייגער לעבן און דעם לעבן פון זיין שול־חבר, לויטן אַלטן פאָלקס־ווערטל: „קוקסטו אַרויף, זעסטו שענערס און בעסערס, קוקסטו אַראָפּ, זעסטו ערגערס און אָרעמערס״. אַפילו די קינסטלעריש־ליטעראַרישע שאַפונגען פון די יונגע שרייבערס דערציילן אייך — פאַרשטייט זיך אויף וויפל מען לאָזט עס צו — יעדער פון אַן אַנדערער סביבה, מיט אַן אַנדערן לעבנס־שטאַנד, קולטורעל ווי מאַטעריעל.

זומער צייט אין דודינקאַ. די מלחמה איז שוין אַוועק. ווידער זינגען די קאָמוניסטישע „פייגל״ די אַלטע לידער: „ראַבאָטאַט נאַדאַ, אָודאַרני טרוד, פּאַסטרויקי, ראַדינאַ, פּאָביעדאַ״ און נאָך טויזנטער אַזעלכע אויס־געדרשענע „אַגיטקעס״, וואָס קיינער וויל שוין ניט הערן.

די מלחמה האָט זיך געענדיקט. אַלע האָפענונגען אויף אַן ענדערונג

צו בעסערן זײנען אויסגעלאָשן געוואָרן, די אַלטע בעלי־בתים האָבן װײטער די ביקסלעך און טרײבן אויפן אַלטן שטײגער: „דאַוואַי, דאַוואַי! ראַבאָטאַט נאַדאָ", אָבער זײ זאָלן אַלײן נעמען די לאָפּאַטע — זײנען זײ ניט משוגע...

איך בין אין דודינקאָ און אַרבעט בײ שנײדערײ. געלויבט צו גאָט פאַר דעם, איך בין שוין אַ שטיקל „פּרידוראַק". פּלוצעם קומט מען פון „אורטש" און מען טוט אונדז צו װיסן, אַז ס'איז געקומען אַ שיף מיט פּראָדוקטן, און די „זאָנע" (די „פּרידורקעס") מוזן זי אויסלאָדן. מען האָט צונויפגעשטעלט אַ בריגאַדע אויך פון אונדזער אָפּטײלונג און מיר גײען אויסלאָדן. איך האָב צװישן די שמאַטעס געפונען אַן אַרבעטס־קאָסטיום מיט קנעפּ פון אויבן ביז אַראָפּ. כאָטש מיר זײנען „פּרידורקעס", זײנען מיר גוט הונגעריק. איז װאָס קען זײן? אפשר װעט מען געפינען אַ פּאָר מײערלעך, אַ בוראַקל, אַלץ װאָס מען קען עסן רױ... און װאָס קען מען דאָ ניט עסן רױ?

מיר קומען נענטער און נעמען קריכן טיפער אין „טריום" אַרײן. כל מיני פּראָדוקטן. מיר דאַרפן דאָס אַנשיטן אין זעק, און אַרויסטראָגן. די אַרבעט איז שוין אָרגאַניזירט, טײל לאָדן אָן די זעק און די אַנדערע, מיט מיר אין אײנעם, טראָגן די זעק איבער אויסגעלײגטע ברעטער, פון שיף צום פּאָרט אַרויס, צו אַ לײדיקן פּלאַץ אין אַ גרויסן גאַראַזש. אין דרויסן און אינעװײניק שטײען קינדער פון בעסערן סאָװיעטישן קלאַס, זינדלעך פון „נאַטשאַלניקעס", פּריװילעגירטע בנימלעך. „דאַוואַי, דאַוואַי"! — טרײבן זײ אונטער און היטן די שיף.

טראָגנדיק אין דער פינצטערניש אַ פולן זאַק אָנגעלאָדן אויף די פּלײצעס, דערפיל איך פּלוצעם, װי עמעצער שטופּט זיך אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, אונטער מײנע קניעס. איך דרײ אויס דעם קאָפּ און זע:

8־10־12־יאָריקע קינדער, אָנגעטאָן אין גרויסע בושלאַטן, װוּ די קעשענעס זײנען אַרויסגעריסן און לײדיק אַרום, אַנצושיטן װאָס מען קען, גנבענען זיך אַרײן הינטער אונדזערע שאָטנס און שיטן אָן אין די טיפע בושלאַטן־קעשענעס אַ פּאָר קאַרטאָפל, אַ ציבעלע, אַבי צו פאַרשטאָפּן די הונגעריקע מאָגנס.

דער הויפּט־פּחד קומט ערשטביים אַרויסגיין. זיי באַהאַלטן זיך אין די זייטן פון דער שיף־טיר, כאַפּן בגניבה אַ קוק פון ווינקל צום וועכטער אין דרויסן אַרויס. קוים דרייט ער זיך אַוועק, לויפט חברה אַרויס איינציקווייז. כאַפּט זיך דער וועכטער און לויפט איינעם נאָך, לויפן דערווייל די אַנדערע אַוועק אין דער אַנדערער זייט...

דאָס „סאָציאַליסטישע געזעץ" משפּט זיי און שיקט זיי אין לאַגערן אויף יאָרן. איך האָב געזען אין נאָרילסק אַ קינדער־לאַגער, נאָענט צום צווייטן „לאַג־פּונקט", און אַנדערע, ווו די קינדער גייען ביי נאַכט שלאָפן, און ביי טאָג געפינען זיי זיך אין די לאַגערן ביי די אַלטע לאַגערניקעס. פאַר אַ שטיקל ברויט דינען זיי מיט זייערע יונגע קינדערישע קערפּערלעך די אַלטע סעקסועל־צעקאַליעטשעטע לאַגערניקעס פאַר האָמאָסעקסועלן געברויך. אַ סך קינדערלעך ווערן פון די דאָקטוירים גענומען צו העלפן זיי אונטער'טראָגן פאַרשידענע זאַכן פאַר די קראַנקע. דאָס רוב דאָקטוירים זיינען ליטווישן, ליטווינער, עסטאָניער. געווען אַ יונגער פּראָפעסאָר, הויך געוויקסיק, מיט אַ לאַנגער באָרד. מען דערציילט, אַז ער האָט געהאַט אין פּאַריז זיינעם אַ מעדיצינישן אַנשטאַלט, איז ער ערב דער מלחמה אַ ביסל אַהיימגעפאָרן צו די אייגענע, האָבן די סאָוויעטן אים געכאַפּט און „דערווייל" אַהערגעבראַכט אויף אַ צענדליק יאָר....

— אפשר ווייסט איר, פאַר וואָס זיי פאַרשיקן אַלע אַהער? און אַזוי ווייט? — פרעגן מענטשן.

— פאַר וואָס זאָלסטו ניט פאַרשטיין? — ענטפערן אַנדערע — דאָ זיינען פאַראַן אוצרות, וויל עס די מלוכה אויסנוצן. אַרבעטערס דאַרף מען דאָך צאָלן, אָבער שקלאַפן? און ווער וויל עס דערציילן דער וועלט וועגן אייגענער שקלאַפעריי, אַז מען גייט גאָר „אויסלייזן די וועלט פון אונטערדריקונג"? אין אייראָפּעישן רוסלאַנד האָט מען אַ ביסל צוגערוימט פאַר פרעמדע אויגן. האָבן זיי אונדז, ס'מיסט, אַרויסגערוימט אַהער. קען מען פריי נאַרן אַ גאַנצע וועלט. ווער וועט קומען אַהער? „ס'געוויסן פון דער וועלט"? די פאַרפירטע „פילאָזאָפן" און בלינדע נאָכלויפנדיקע אינטעליגענטן פון די אוניווערסיטעטן? זיי דאַרפן די קאָמוניסטן פאַר דער פינפטער קאָלומנע, כדי מיט „הויכע אידעאַלן" צו פאַרדעקן די פינצטער־

ניש פון דאַנען. אַהער וועט מען קיינעם פון דער בלינדער טשערעדע, אינטעליגענטן ניט אַריינלאָזן פאַר אַ „גוט־אויג".

אַ גאַנצע וועלט דערציילט מען שקרים, קאָרמעט מען מיט בלינדן אָפּנאַרערישן אידעאַליזם, און טעמפּע קעפּ, וואָס חלשן נאָך אַ שטיקל האָפענונג פאַר זייערע הלומות, גיבן די סאָוויעטן שיין געמאָלענע פּאַפּי־רענע בילדלעך, גלאַנצנדיקע ליגנערישע פילמען, און טשערעדעס בהמות מיינען אַז דאָס איזווירקלעכקייט — און זיי קענען אַנגיין מיטן גרויסן שקר.

*

דאָ בין איך געבליבן אַ יאָר און אַ ביסל צו זיך געקומען, ביז מען האָט ווידער צונויפגעשטעלט אַ קאָמיסיע פון דאָקטוירים, און — צוריק קיין נאָרילסק, ס'הייבט זיך אָן ס'נייע רעדל. „אוקאָליוואָט", שוויצן הייסט עס.

יענעם קאָמענדאַנט האָב איך שוין מער ניט באַגעגנט, אָבער דאָרט פעלן ניט קיין אַנדערע הינט.

צוריק נאָרילסק

ס׳איז איצט זאַפּאָליאַרנער זומער. ווי שיין און אָן חשבונות, מיט שטענדיקער פּרעציזקייט, גאָט פירט זיין וועלטל, און ווי שיין און רייך ס׳איז אומעטום. יעדעס ווינקל פון דעם היפּשן שטיקל וועלט, וואָס איך האָב שוין געזען, האָט זיינע פּרעכטיקע זייטן, און קען אויך צייטנווייז ווייזן אַ טריק, וואָס די גאַנצע „פּאַרטיאַ אי פּראַוויטעלסטוואַ״ קען זיך מיט דעם קיין עצה ניט געבן.

איך האָב זיך באַגעגנט מיט אַלטע „זעקאַ״, וואָס ציילן שוין דאָ דעם צווייטן צענדליק יאָר אויף פאַרשיקונג. זיי ווייסן ניט צי לעבט נאָך עמעצער פון דער משפּחה, דערצו ווילן זיי ניט שרייבן ערגעץ און געבן דער ק.ג.ב. אַדרעסן אָנצוטאָן צרות דער משפּחה.

— ווי שיין און גרויזאַם דאָ איז געווען דער אָנהייב, מיט יאָרן צוריק, ווען מען האָט אונדז אַהער געבראַכט! אַרום — הויכע ווילדע בערג, ווו קיין מענטשלעכער פוס איז נאָך ניט געשטאַנען. ערגעץ, זאָגט מען, גע־פינען זיך דאָ ישובים פון טונגוסן. מיר זעען זיי אָבער קיין מאָל ניט. אַרום — הויכע בערג און טאָלן, כמעט אַ גאַנץ יאָר באַדעקטע מיט שניי. טויזנטער מענטשן גראָבן זיך איין אינעם ערדישן אינגעווייד און זוכן, גראָבן.

ערגעץ איז פאַראַן אַ וועלט, אַן אָפּהילך אינעם זכרון. אינעם קורצן זומער באַדעקט זיך אַלץ אַרום מיט גרינעם — אַ פילפאַרביקער צודעק, וואָס דערמאָנט און ווייטיקט. היימישע ווינקלען, ווו מען האָט אַזעלכע שיינע יאָרן פאַרבראַכט און פלוצעם געוואָרן אַרויסגעריסן גרויזאַם מיטן שורש און פאַרשיקט אַהער. אַ ריזיקע, ליידיקע וועלט. אַ האַלב יאָר זומער. גייסט צו דער אַרבעט, איז די זון איבערן קאָפּ; פון דער אַרבעט — די זון איבערן קאָפּ. וואָסער טאָג איז? וואָסע... ש? ווער ווייסט?

דער גרויזאַמער ווינטער — אַ האַלב יאָר ווינטער, אַ האַלב יאָר

נאַכט. דערנאָך נעמט ביסלעכווייז ליכטיקער ווערן. איין מאָל איז אויפן שפּיץ באַרג שטיין געבליבן אַ הירש מיט גרויסע, לאַנגע הערנער, אַראָפּ־געקוקט אַ פאַרחידושטער אין טאָל צו אונדזער ניי אויפגעשטעלטער „קאַפּטיאַרקע" אויפן שליטן, געשלעפּט פון אַ קנאַקנדיקן טראַקטאָר צו אונדזער באַראַק, געקוקט, געקוקט, און אַוועק.

מיר מוזן זיך דאָ איינגעוווינען, איינלעבן. אַזוי מוז עס זיין, אַזוי וועט עס זיין. צי דו ווילסט, צי ניט — אפשר פאַרן גאַנצן לעבן...

מיט דער שיף האָט מען געבראַכט אַהער אַ „קוקושקע", אַ קליין לאָקאָ־מאָטיוול, געטריבן מיט קוילן איבער שטאָלענע שינעס. בריגאַדעס אַרבעטן שוין ביים לייגן אַ באַנליניע. די „שמיטיכאַ" דער באַרג, פאַרמאָגט אַן אוצר מיט קוילן... דער ערשטער יישוב מוז דאָ געלייגט ווערן. שוין פאַראַן אַ פּלאַן. דאָ וועט אַ מאָל זיין אַ מעכטיקער „קאָמבינאַט", אַ פּערל אין דער קאָמוניסטישער קרוין... אַ וויכטיקער שפּאַן צום מעכטיקן קאָמו־ניסטישן גליק.

ס'קומען שוין גאַנצע שיפן מיט מענטשן, וואָס זיינען צופרידן צו לעבן אין דער פרייער ווייסטעניש, איידער אין די גרויליקע אויסמאַ־טערנדיקע תּפיסות פון ג.פּ.או. טאַקע אַ גרויזאַמער קלימאַט, אָבער די פאַרהערן אין ג.פּ.או. זיינען טויזנטער מאָל גרויזאַמער.

ס'פייפט שוין די „קוקושקע" — אַ סימן פון לעבן אין דער פאַר־וואָרפענער „טונדרע". אַרום אַ 150 קילאָמעטער איז פון איין סטאַנציע צו אַן אַנדערער, פון „דודינקאַ" דעם פּאָרט צום צענטער פון קומענדיקן צענטער „נאָרילסק", און איבערן גאַנצן וועג איז קיין נפש ניט צו זען. שפּעטער האָט מען שוין געמאַכט צווישן־סטאַנציעס מיט גרויסע נעמען פון דער סאָוויעטישער הפטורה: „אָקטיאַבערסקאַיאַ" לכבוד דער אָקטאָ־בער־רעוואָלוציע; „פּאַפּאַנינסקאַיאַ" — נאָך דער ווייסנשאַפטלעכער „פּאַ־פּאַנין־עקספּעדיציע" א"אַ. א באַזונדערע וועלט דאָ, און מען קען אַהער פאַרשיקן צענדליקער מיליאָנען מענטשן, וואָס קיינער זאָל ניט וויסן ווו זייער לעבן איז אַהינגעקומען.

איין מאָל, ערב וינטער, דערציילט מיר דער „אַלטער" דאָ, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שוואַרצע „פּורגאַ". דאָס איז אַ שטורעמדיק־יאָגנדיקער שניי

וואָס פאַרשיט און פאַרשטעלט די ישובים אַרום, אַז קיין אויג קען גאָרניט זען. איז פון דער „שמיטיכא" געקומען אַ „סאָסטאָוו" קוילן פאַר דער קיך און פאַרן לאַגער. די צוויי פירער פון דער „קוקושקע" האָבן ניט געקענט דורכרייסן זיך צום לאַגער, ווייל די שנייען האָבן פאַרשיט די שינעס פון דער באַן.

איינער פון די באַן־פירערס איז אַוועק צו פוס אָפזוכן דעם לאַגער מען זאָל קומען העלפן אַרויסשלעפן דעם „סאָסטאַוו" מיט די קוילן, וואָס שטייט אין מיטן וועג און קען זיך אַהער ניט דורכרייסן און דערפאַר קען אויך די קיך ניט קאָכן ס'עסן.

ענדלעך האָט ער זיך דערשלאָגן און איבערגעגעבן וועגן אַלץ. מען האָט אָנגעצייכנט אַ בריגאַדע פאַר „סניעגאָ־באָרבאַ" — מלחמה מיט שניי, הייסט עס. מען האָט גענומען אויסשטעלן יעדע 5 שפּאַן אַ מענטש מיט אַ גרויסער לאָפּאַטע צו רייניקן 5 שפּאַן רעכטס און 5 לינקס. ביז מען האָט אָפּגערייניקט מיט שווערער אַרבעט רעכטס, איז שוין לינקס געווען פאַרשיט; אָפּגערייניקט לינקס, איז רעכטס געווען פאַרשיט. דאָס ערגסטע איז צו שטיין, ניט אַרבעטנדיק. קענסט בלייבן אַ פאַרפרוירענער אויפן אָרט.

ווי לאַנג ס'האָט געדויערט, ווייס קיינער ניט, ניטאָ קיין זייגערס דאָ און קיינער מעסט ניט און ציילט ניט די צייט, נאָר ביז מען איז געקומען צום אָרט פון דער „קוקושקע", איז געווען בלויז אַ באַרג מיט שניי און אונטן איז געלעגן אַ דערשטיקטער דער פירער פון „קוקושקע".

זינט דעמאָלט האָט מען אַריינגעקלאַפּט אייזערנע דראָנגעס און הילצערנע סלופּעס אין דער ערד און געצויגן שטריק אַרום דער „זאָנע": שטריק צו דער קיך, צו די באַראַקן, צו דער פאַראַשע — אַז מען זאָל ניט פאַרשווינדן.

— ווען, באַטיושקאַ, קלערסטו זיך צו באַפרייען? — האָב איך געפרעגט דעם אַלטיטשקן וואָס איז אַ מאָל געווען אַ מיטגליד פון אַ רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און אַן אָפיציר אין דער רויטער אַרמיי אינעם ווייטן צפון.

— סינאָק — האָט ער מיר געמיטלעך געענטפערט — „פּרידיאָט

וורעמיאַ, זאַקאַנטשים סראַק, בודיעט טיאַלקאַ דאַ סוויסטאַק״. (ס׳וועט קומען אַ צייט, מירן ענדיקן דעם אורטייל, וועט זיין אַ קעלבעלע מיט אַ פייפל). ס׳איז אַזאַ סאוויעטיש זמרל. בסך הכל, זיצט ער נאר עטלעכע און צוואַנציק יאָר, די לעצטע 5 יאָר הייצט ער די „קיפּיאַטילקע״ אין „לאַג־פּונקט״. (אַ שטענדיק קעכל מיט אַ געקאָכטן וואַסער צוצוגיסן צו דער וואַסערדיקער זופּ. די אַרעסטאַנטן חכמען זיך: „10 וויאַדרעס קיפּיאַטאָק איז גלייך צו אַ געפּרעגלטער גאַנדז״).

קאַ — וועַ — טשע

שיער ניט פאַרגעסן אין מיין איבערבליק איבערן סאָוויעטישן „גן־עדן" אָפּצוגעבן דעם פאַרדינטן פּלאַץ דער „קאַ־ווע־טשע" ד"ה „קולטורנאַ־וואָספּיטאַטעלנאַ טשאַסט" — די „קולטור־דערציִערישע אָפּטיילונג".

אָן „קולטוראַ" רירט מען זיך דאָ ניט. אַלץ האָט אַ צוועק צו פאַר־דעקן דעם אמת און העלפן געוויסע „פּרידורקעס" צו געפינען אַ באַשעפ־טיקונג. אַרבעט פעלט טאַקע ניט, אָבער צום ביטערן בייזן אויסנאַגעניש מוז מען מאַכן אַ שפּיל, פאַרשטעלן די אויגן, און אפשר — צו האָבן וואָס צו פאַרשרייבן אין די נאָרמעס? ווייל פאַר יעדן שטיקל ברויט מוז פאַרשריבן ווערן, וואָס ער האָט געגעבן דערפאַר.

איין מאָל בין איך געקומען פון דער אַרבעט קוים אָטעמענדיק, אונ־טערגעטריבן פון די שטאָלענע שטיקעס פון די אָנטרייבערס — אויסגע־קאָרמעטע יונגע זעלנערס, וואָס ווערן געהאַלטן אין באַזונדערע אָפּטיי־לונגען ביי די לאַגערן, צו פירן די קרבנות צו און פון דער אַרבעט. זיי זיינען ביים היטן אונדז אַליין אויך הונגעריק געוואָרן און זיך גע־איילט גיכער אַהיימגיין עסן — זיכער ניט אונדזער „באַלאַנדע" — האָבן זיי, שטורקענדיק מיט די שטאָלענע שטיקעס אין אונדזערע אויס־געטריקנטע ריפּן, אונדז אונטערגעטריבן גיכער צו גיין. מיר האָבן קוים געשלעפּט דעם גוף אויף די אויסגעטריקנטע שטעקענעס, וואָס הייסן נאָך פיס. איך בין אָנגעקומען אין „זאָנע" און אַ פאַרחלשטער אַנידער־געפאַלן נעבן טויער אין שניי אַריין. ווי לאַנג איך בין געלעגן ווייס איך ניט, אָבער דורכגעוועקט האָב איך זיך אין „קאַ־ווע־טשע", ווו עס זיינען אויך געווען „ספּלאָשניִע נאַרעס"; אַן אָפּגעקראָכענע שמוציקע פינצטער־ניש אַרום און אַ ריי מיט אויסגעדאַרטע און אַרויסשטאַרצנדיקע אויגן און אויסגעטריקנטע קעפּ קוקן אויף מיר.

דעמאָלט, 4 יאָר נאָכן אָנקומען אַהער, בין איך געוואָרן

אַז מיר האָבן אַ „קולטורנאַ־וואָספּיטאַטעלנאַיאַ טשאַסט״, וואָס דאַרף אונדז „איבערדערציִען״. כ׳האָב קיין מאָל פון זיי ניט געהערט. און ווער קען הערן אָדער וויל הערן, אַז ווען דו קומסט פון אַזאַ טאָג שווערער אַרבעט, ווערסטו „אָנגעקאָרמעט״ מיט אַ טשערפּאַק „סאָציאַליסטישער״ באַלאַנדע, פּאַלסט אַוועק אַ האַלב־טויטער און באַלד קלינגט שוין ווידער „פּאָדיאָם״.

איין מאָל האָבן מיר געהאַט אַ „פּראָריוו״ נעבן אַ זאַוואָד. אַרויסגיין אין דרויסן האָט מען ניט געקענט ווייל דער פראָסט האָט געשניטן פּאַסן לעבעדיקערהייט. האָט מען געבראַכט אַהער אַ גרופּע דאָקטוירים מיט באַנדאַזשן, זיי אויסגעזעצט אין אַ ווינקל פון עפּעס אַ שטיבל, זיי זיינען דאָך אויך אַרעסטאַנטן, און אונדז האָט מען איינגעטיילט צו צען מאַן. אַ האַלבע שעה האָט יעדע בריגאַדע געדאַרפט אַרבעטן אין דרויסן און דערנאָך — אַן אַנדערע בריגאַדע פון צען דאָקטוירים האָבן ביים צוריק אַריינקומען יעדן איינעם באַטראַכט, ווייל מען קען זיך אָפּפרירן און אַפילו ניט וויסן דערפון. איך האָב אָפּגעפרוירןביידע גראָבע פינגער פון די פיס און ניט געוווסט, ערשט ווען דער רומענישער פעלדשער האָט אַראָפּגענומען די וואַלינקעס, האָב איך דערזען ווייסע טויטע פינגער און ער האָט זיי מיר אַ ביסל אָפּגעראַטעוועט. איך האָב געזען ווי אַ קיִעווער בחור איז געקומען פון דער אַרבעט מיט אָפּגעפרוירענע פינגער פון דער האַנט, האָט דער יונגער דאָקטער אים צוגעפירט צום מיסטקאַסטן, גע־הייסן אים אַוועקדרייען דעם קאָפּ, און מיט אַן אָפּצענגע, וואָס מען שלעפּט אַרויס נעגל פון האָלץ, אים איינס נאָך איינס אָפּגעצוויקט די פינגער, וואָס זיינען גלייך געפאַלן אין מיסטקאַסטן אַריין. דער בחור האָט אַפילו גאָרניט געפילט. ער האָט אים אַרומבאַנדאַזשירט, און געשיקט אין באַראַק אַריין. איך האָב עס געזען מיט מיינע אויגן, און געוווסט אַז איצט איז ער שוין אַ גליקלעכער — מען קען אים שוין צו דער אַרבעט ניט טרייבן. מען וועט אים צובינדן אַ בעזעם צום ביין און ער וועט פאַרדינען זיין „פּאַיאַק״ לאַכנדיק פון די געזונטע, וואָס מוזן נאָך „אוקאַלעוועז״.

ס׳צווייטע מאָל האָב איך באַגעגנט „קאַ.ווע.טשע.״ אין סיביר. ווי ציטנווייז פלעגן זיי אין מיטן לאַגער מאַכן אַ פאַרויילונגס־אָוונט, מיט

שיינע גערעטענע יינגלעך און מיידלעך, נאָך יונגע, 18־19־יעריקע, וואָס האָבן שיין געטאַנצט און געזונגען, אַפילו לידעלעך צוגעפּאַסט צו אונ־דזערע לאַגער־באַדינגונגען. איינעם אַ סטראָף פון אַזאַ לידל האָב איך פאַרגעדענקט, און עס זינגט זיך:

פילי יעלי טשעקאַליאַדי,
אַ טעפער באַלאַנדי ראַדי,
וואַ...
אי באַליע ניטשעוואַ...

— — —

געפרעסן, געטרונקען טשעקאַלאַדע,
און איצט צופרידן מיט באַלאַנדי,
וואַ...
און ווייטער גאָרניטאַ...

אָנגעפירט דעם „קרוזשאָק" (קרייז) האָט אַ געוועזענער דייטש, מילער, אַ קליינער ווילער בחור, וואָס האָט, דאַכט זיך, געשטאַמט פון דער „וואָלגע־דייטשער רעפּובליק" און איז אָפּגעקומען אַ „סראָק" דאָ אַרבעטנ־דיק אינעם היגן אַמט.

אויך דאָ האָבן זיי געקענט זען און הערן נאָר די „פּרידורקעס", נאָך אַ פּאָר יאָר קעסט פון די „איספּראַוויטעלניע טרודאָווע לאַגעריאַ". גליק־לעך איז דער, וואָס איז שוין אַ קאַליקע און נאַטשאַלסטווע האָט שוין ניט קיין גרויסע השפּעה אויף זיי.

בוכהאַלטעריע

א

ווידער אין שפּיטאָל. אַ צעבראָכענעם טאָפּ וועלן קיין לאַטעס ניט העלפן. די דאָקטוירים זאָגן: פּאַרפאַלן, דאָ, אין דעם קלימאַט, קען מען אים ניט העלפן און ער קען זיצן אין לאַגערנע „סטאַציאָנאַר״, אַזאַ שפּיטאַלעכל. פון דאַנען פירט דער וועג צום „מאַטעריק״ — אויב די נ.ק.וו.ד. וועט ניט אַרויפלייגן איר „זיגעלע״.

איך בין דער 39סטער צום „אַקטירן״. דער אַלטער דאָקטאָר אונדזערער, עטלעכע און זיבעציק יאָר אַלט, איז אַ פּאַרליטווישטער פּאָליאַק. ער הייסט יאַלאָוויעצקי, און איז דאָ אַן אַרעסטאַנט זינט זיי האָבן „באַפרייט״ ליטע, ווו ער האָט אַלס ליטווינער געדאַרפט הייסן יאַלאָוויעצקאַס. ער אַרבעט אינעם „סטאַציאָנאַר״ ווי דער הויפּט־דאָקטאָר איבער אַלע אָפּטיילונגען ביי טאָג און ביי נאַכט, אָן אַ הילף. יעדן טאָג דאַרף ער אויספילן די פּאַפּירלעך פון אַלע קראַנקע, געבן זיי דיאַגנאָז, אַליין שרייבן, אויסשטעלן „אָפיציעלע״ פּאַפּירלעך געשריבן אויף צעמענט־פּאַפּיר, טעגלעכע פּאַראָרדענונגען, מעדיציניש, פּערסאָנעלע, שפּייז־פּאַרטיילונגען...

איך האָב גענומען אים העלפן צו ביסלעך. ער האָט זיך זייער דערפרייט מיט מיר און מיין הילף. די חשבונות זיינען אַלע שטרענג מעדיציניש, צוגעפּאַסט צו אונדזערע באַדינגונגען, מיט אַ באַגרענעצונג פון אַזוי פיל קען ער העלפן, און ווייטער — ניט אַ שפּאַן. סיי ווי זיינען דאָ לויטער פּוסטע פּרעסערס. איז גענוג צו געבן זיי 600 גראַם ברויט. דער הונגער און די אויסמאַטערונג קוקט אַראָפּ פון יעדנס גוף מיט אַלגעמיינער דיסטראָפיע.

ווו אַמאָל זיינען געווען מוסקולן הענגען ליידיקע בייטעלעך; פּיס, ווי ביי סקעלעטן, ביינער בלויז מיט איבערגעצויגענע בייטעלעך. פון די הינטנס הענגען נאָך ליידיקע הויט־בייטעלעך. די פּיס בייגן זיך אַליין, ווילן זיך איבערקערן און קוים זיי קענען אָנציִען זיך.

בלויז די אויגן דערציילן, אַז די קרבנות פֿאַרשטייען זייער טראַגעדיע, און דער דאָקטאָר קען נאָך פֿאַרשרייבן, אָבער גאָרניט העלפֿן. ער אַליין קריגט אויך נאָר אַ פּייקע ברויט און אַ מאָל אַ טשערפּאַק באַלאַנדע, אָנגעשעפּט אַ ביסל טיפֿער.

צום מערסטן זיינען דאָ נאָך פֿאַראַן געבוג יונגע און מיטל־יאָריקע מענטשן, וואָס וואָלטן, אין אַ לעבנס־שטייגער מיט אַן אייגענעם אינטע־רעס, געקענט נאָך יאָרן אַרבעטן פּראָדוקטיוו. אָבער ווער האָט אַן אינטע־רעס צו אַרבעטן אין אייביקן הונגער, אַז נאַטשאַלסטווע זאָל קריגן אַלערליי ליגנערישע אויסצייכענונגען, אויפֿן חשבון פֿון אויסנאָגן די לעצטע כּוחות פֿון די קרבנות? די גאַנצע „בוכהאַלטעריע" גייט דאָ אויף צונויפֿגעניייטע פּאַפּירן פֿון צעמענט־זעק, וואָס ווערן דאָ געמאַכט דורך די, וואָס קענען שוין מער גאָרניט טאָן. דערביי זיינען די פֿאָרמעלע אַקטן אַזוי אומגעלומפּערט און ניט פּראַקטיש, צונויפֿגעשטעלט מיט אַזאַ עם־הארצות, אַז איך, אַ ניט דאָ געבוירענער, קען עס גיט ליידן. איין טאָג האָב איך זיך אַוועקגעזעצט און אויסגעשריבן אַן אַנדערן טעקסט, וואָס האָט איינגעשלאָסן אַלע זייערע נויטיקע אָנווייזונגען, געמאַכט אַ ראָל פֿון פֿאַרטיקע צעטלען אַזעלכע, וואָס האָבן פֿאַרנומען אַ פֿערטל פּאַפּיר, און דערביי האָט עס גענומען העלפֿט צייט אויסצופֿילן.

דעם ערשטן פֿאָרמולאַר האָט מיר פֿון דער „צענטראַלע" געבראַכט דער דאָקטאָר, אויף אַ גרויסן שטיק פּאַפּיר, ווען איך האָב אים געוויזן מיין איבערגעאַרבעטן פֿאָרמולאַר, האָט ער זיך דערשראָקן:

— וואָס ווילסטו? מען זאָל מיר צושפּיליען נאָך אַן אורטייל? ווייסט דאָך, אַז ביי זיי טאָר מען גאָרניט ענדערן!

— ווייסטו וואָס, דאָקטאָר? איך גיב דיר מיט אויסגעפֿילטע אויך זייערע פֿאָרמולאַרן, אָבער ווייז זיי מיין פֿאָרמולאַר דאָרט אין דער צענטראַלע... וועלן מיר זען — האָב איך אים געענטפֿערט.

ער איז אַוועק אַהין, זיי געוויזן מיין פֿאָרמולאַר, מיט וואָס זיי האָבן זיך זייער פֿאַראינטערעסירט, און מיין פֿאָרמולאַר איז אָנגענומען געוואָרן פֿאַר סטאַביל. קען זיין, אַז ער גייט דאָרט ביזן היינטיקן טאָג. וואָלטן זיי כאָטש דערפֿאַר מיר געגעבן אַן איבעריקע פּייקע ברויט! אָבער דער־

נאָך האָט מיר שוין באַנג געטאָן אויף מיין „חכמה”; ביי זיי איז ניט גוט צו ווייזן, אַז דו קענסט.

ס'איז אונטערגעקומען די צייט, ווען די אַקטירונג־קאָמיסיע איז געקומען. אויף דעם האָט מען שוין יאָרן געוואַרט מיט אַזוי פיל האַרץ־ציטערניש. אַ קלייניקייט, אַ האָפענונג צו זיין צוריק אויפן „מאַטעריק”, וואָס דאָס הייסט — נענטער צום לעבעדיקן ישוב, ווייל דאָ איז אַן אָפּגעשניטענע וועלט. אַהער און אַהין קומט מען אין די פינצטערע איינגעשלאָסענע באַרזשעס נאָר איין חודש אין יאָר ווען די נאַוויגאַציע איז פריי און דער יעניסיי איז ניט פאַרפרוירן. דעמאָלט שיקן זיי אַהער נייע קרבנות און עסן פאַרן גאַנצן יאָר. צוריק נעמט מען ס'אָפּפאַל פון אויסגעגאַנגענע ביינער מיט שטיקלעך צעקאַליעטשעטע לעבנס.

די „אַקטירונג־קאָמיסיע” האָט אַרויסגערופן איינציקווייז 38 מענטשן, און איך האָב אַלץ מיט האַרץ־ציטערניש געוואַרט מען זאָל אויסרופן מיין נאָמען. אָבער ס'האָט זיך געעפנט די טיר, די קאָמיסיע איז אַוועק, און אַ לאָך איז מיר געוואָרן אין האַרץ. שוין... אַלץ פאַרלוירן... זיכער אַ צושריפטל פון נ.ק.וו.ד. מיך ניט צו שיקן צוריק... איך האָב זיך אַנידערגעלייגט אויף מיין בעטל, זיך איבערגעדעקט איבערן קאָפּ. די טרערן זיינען געראָונען אַליין. אַלע האָפענונגען זיינען אויסגעראָונען. אַ טעמפּ אָפּשטאַרבנדיק לעבן אָן אַ מאָרגן, אָן האָפענונג.

איך האָב מער ניט געקענט זיך אויפהייבן, ניט געהאַט מער קיין אינטערעס צו מיין אַרבעט. די אַרבעט שטייט. אַלע קוקן און פאַרשטייען גוט מיין וויי. איך דאַרף פאַרטיילן די רפואות. דערצו בין איך דער פאַרטיילער פונעם „צוגאָב”, וואָס דאָס שפּיטאָל באַקומט אויף 39 קראַנקע, יעדן טאָג 15 לעפל רויִ קרויט. עפּעס אַ קלייניקייט? נאָך אַ לעפל קרויט, איין מאָל אין דריי טעג.

דער דאָקטאָר קומט צולויפן, קומט־צו צו מיין בעט, דעקט מיך אויף, קוקט אויף מיר פול מיט רחמנות.

ר ע ז י ג נ אַ צ י ע

— וואָס איז מיט דיר? — האָט ער פאַרזאָרגט געקוקט אויף מיר.

איך בין געלעגן, געהערט אים, אָבער ניט ארויסגעוויזן קיין אינ־טערעס צו גאָרניט. סיידוי שוין אַלץ פאַרלוירן.

— זיי ניט קיין קינד — האָט דער דאָקטאָר אָנגעהויבן רעדן צו מיר מיט גוטן — ס'איז נאָך ניט דער סוף. אין צוויי וואָכן ארום וועט ווידער זיין אַ קאָמיסיע, און איך זאָג דיר צו, אַז דעמאָלס וועט מען דיך אַרויסרופן... אָבער שטיי אויף און העלף מיר. ווייסט דאָך, אַז איך דאַרף דיך האָבן. מוזט נאָר זען דערווייל דאָ צו געפינען עמעצן צווישן די קראַנקע, אים אויסלערנען די אַלע זאַכן, ער זאָל מיר קענען העלפן, און איך וועל דיך שוין צושטעלן צו דער קאָמיסיע. וואָלט איך אַזוי געקענט מיר העלפן. איך בין שוין 72, האָב ערגעץ אַ ווייב מיט קינדער, אייניקלעך. צי וועל איך זיי נאָך זען? — און זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן.

מעגלעך ווען איך זאָל ניט געווען העלפן אים, וואָלט איך שוין איצט געווען אָקטירט געוואָרן. ניט אומזיסט פאַרשרייבן זיך אַ סך פאַר „מאַלאָ־גראַמאָטנע". בעסער אַזוי, כאָטש מען כאַפּט אַ גרעסערן שוויץ, אָבער אַ מאָל איז עס בעסער.

איך האָב זיך אויפגעהויבן, פאַרטיילט די מעדיציינען, און דער עיקר — די 15 לעפל קרויט. איך וואָלט אויך געוואָלט איין לעפל, אָבער אַלע וועלן קוקן אויף מיר, ווי איך עס זייערס. איך האָב צווישן די קראַנקע געפונען אַ יונגן אינטעליגענטן אוקראַינער, וואָס איז שוין געווען קראַנק אויף צינגאַ, כאָטש ער איז דאָ ערשט אַ יאָר. איך האָב אים אויסגעלערנט דעם גאַנג פון דער בוכהאַלטעריע יעדן טאָג אַ ביסל.

ניט אַזוי לייכט בין איך די נאַכט איינגעשלאָפן. אָבער פאַר טאָג האָב איך געהאַט אַ חלום: איך שווים אין וואַסער, יאָג אָן אַ שיף מיט

מענשן, די וואָס זענען היינט אַקטירט געוואָרן, איך שווים אַריבער די שיף, און קום נאָך פאַר זיי צום ברעג.

איך בין אין צוויי וואָכן אַרום געשטאַנען פאַר דער קאָמיסיע, „אַקטירט“ געוואָרן, און געפאָרן מיט דער „קוקושקע“ קיין דודינקאַ, צום „פערעסילני“ פונקט, וווהין איך בין מיט יאָרן צוריק געקומען, אַ געזונטער מיט באַוווּנדערונג פאַר דער שיינקייט אַרום. איצט, צוריקצוועגנס, בין איך אַן אויסגענאָגטער שאָלעכץ, אפילו אויף דער גלאַנצנדיקער זון האָב איך בלויז רחמנות. פאַר וועמען לייכט זי דאָ?

אינעם „איבערשיקונגס“־קעמפ האָב איך ווידער געטראָפן דעם טשערבאָוויצער זייגערמאַכער. אויך אַן אַקטירטן, אָבער מיט אַ האַרץ־ציטערניש. ער ווייסט ניט צי דער „נאַטשאַלניק“ וועט אים אַרויסלאָזן. ער האָט געוויזן, אַז ער קען אויסקלערן פאַרשידענע זאַכן; ער האָט דערפונדן אַ מאַשינדל, וואָס בראָקט הילצערנע פלעקלעך פאַר שוסטערס צו פאַרריכטן שיך און קלאַפּן זוילן. דערצו איז ער אַ גוטער זייגערמאַכער. „אוי, האָב איך מורא“ — האָט ער מיט אַ ציטערנדיקער שטים זיך פאַרטרויט פאַר מיר.

X

יעזוס

— און וואָס הערט זיך עפּעס מיט שאַפּענהויערן, העגלען, יעזוסן? — ס׳לעצטע מאָל האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער איז געוואָרן רעליגיעז. ער מיינט אַז קריסטנטום איז גוט.

— ווייסטו? — האָט ער גענומען מיר דערציילן — איך בין שוין געווען נאָענט צו ווערן אַ קריסט. איז אַ נאַכט פריער מיר געקומען צו חלום קריסטוס, יאָסעלע אַליין, אין זיין אָרעמען מלבוש, און מיר געזאָגט, איך זאָל עס ניט טאָן, איך זאָל בלייבן אַ ייד, ווייל ניט דאָס האָב איך געמיינט — האָט ער מיר געזאָגט. בעסער בלייב אַ ייד... און איך בין ערשט איצט אַ ייד געוואָרן... זיי האָבן מיך געלערנט זיין אַ ייד!...

דעם לעצטן טאָג, איידער מען האָט אונז אַנגעלאָדן אויף דער שיף, האָט מען מיך אַריינגערופן אין דער מעדיצינישער אָפּטיילונג, איך זאָל זיי העלפן צונויפלייגן די „מעד־צייגנישן״ און דערפאַר וועלן זיי מיר געבן עסן. איך האָב געטראָפן פאַרשידענע איבערגעדרייטע אַקטן, פרעמדע היסטאָריעס מיט אַרויפגעקלעפּטע נעמען. למשל, אַ מענעריש צעטל אויפגעקלעפּט פון אויבן און אינעווייניק איז גאָר פאַרצייכנט: באַפרייט צוליב אַ שווערער מענסטרואַציע... איך האָב אָפּגעאַרבעט אַ טאָג, און געגעבן האָט מען גאָרניט. דערפאַר האָט מען צוגעגרייט אַ „געזעגענונגס־נאַכטמאָל״ און יעדן געגעבן אַ שטיקל „פלייש״. — אַ ביין מיט שטיקלעך הייטלעך אַרום — פון לאַגערנע פערד, אָדער ווער ווייס וואָס. מ׳האָט אויסגענאָגט דעם ביין, אַרומגעגריזשעט אים, וויפל מען האָט געקענט און אוועקגעוואָרפן, זענען צוגעגאַנגען אַנדערע, צונויפגענומען די ביינער אין טאָרבעס אַריין, באַהאַלטן אויפן וועג, און געגריזשעט דעם גאַנצן וועג אויף דער שיף.

פאַרן אַרויספירן אונדז צו דער שיף איז געקומען אַ קאָמענדאַנט און

פון דער ריי אַרויסגערופן צעלטערן צוריק אין לאַגער אַריין. ער איז געבליבן מיט האַרצווייטאָג און פאַרלוירנקייט, וואָס איך האָב גוט דערקענט אין זיינע אויגן, זיינע ליפּן האָבן געציטערט.

— איך האָב געוווסט, ער וועט מיך ניט אַרויסלאָזן... — האָט ער געמורמלט און אין די אויגן האָבן געגלאַנצט טרערן...

מיר זענען ווידער אין „באַרזשע". שטיקלעך צעבראָכענע לעבנס. אַ פּאָר לעטישע „געוועזענע", אַ „גענעראַל" קויפּמאַנעס מיט זיין געוועזענעם אַדיוטאַנט. דער „גענעראַל" איז געשוואָלן. דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט דעם „אַדיוטאַנט" ניט צו געבן דעם „גענעראַל" קיין וואַסער, ער האָט שטענדיק ברענונג אינעווייניק, ער קען ניט עסן און בעט נאָר וואַסער, וואָס גיסט זיך ביי אים אַרויס מיט בלוט.

— וואָדיטשקי... — בעט זיך דער „גענעראַל" דער „אַדיוטאַנט" גנבעט וואַסער, דערלאַנגט אים, און עסט אויף זיין פּייקע ברויט, אַרומקוקנדיק זיך צי קיינער פאַרשטייט ניט, ווי ער שלאָגט כפּרות מיט זיין „גענעראַל".

ווידער פירט מען אונדז צו צען מאַן צו דער „פּאַראַשע" אויף דער שיף. מיר ליידיקן זיך אויס דאָ, און אַ ביסל וויטער שעפּט מען וואַסער מיט אַ וויאַדרע, צוגעבונדן מיט אַ שטריק, צו קאָכן פאַר אונדזער קיך. אויפן דעק פון באַרזשע האָב איך דערזען לאַנגע קאַסטנס, אַרויפגעלייגט, איינעם אויפן אַנדערן. די אונטערשטע קאַסטנס מיט עפּעס גרויסע באַלעמס, אָנגעבלאָזענע. די אייבערשטע קאַסטענס דריקן אַראָפּ די אונטערשטע צודעקן. וואָס איז עס? ערשט דערנאָך האָב איך דערקענט. צו פיר טויטע מענשן אין אַ קאַסטן. די בייכער געשוואָלן, שטופּן אַרויף די צודעקן, לייגט מען פון אויבן נאָך קאַסטנס טויטע, צו דריי, פיר, קאַסטנס אין דער הויך, אַ צוויי־דריי רייען. ביי נאַכט בלייבט מען שטיין ביי אַ ברעג, מען קלויבט אויס אַ פּאָר יונגע וואָס באַקומען אַ פּייקע ברויט פאַר אויסגראָבן גריבער און מען פאַרשיט זיי. ביז קראַסנאָיאַרסק זענען אויסגעשטאָרבן צוויי הונדערט און צוואַנציק מענטשן.

די שיינקייט פון דער אַרומיקער נאַטור, וואָס האָט אַזוי אָנטציקט אַהינצוועגס, האָט פאַרלוירן איר גאַנצע פּראַכט. די זון דאָ איז שוין אויך

א פאַרגעלטע זונה, וואָס לייכט, שיינט און שווייגט. פון מענטש ביזן ני־דעריקסטן באַשעפעניש זענען אַלע געבוירן צו באַדינען דעם רויען, גרוי־זאַמען נייעם קלאַס באַצווינגער און אונטערדריקער.

אין אַ מזלדיקער שעה... צוריק אין קראַסנאַיאַרסק! מען דאַרף נאָך לעבן. מיליאָנען האָבן דאָס אויך ניט דערלעבט. ווי גרויס ס׳איז געווען דער טרויער און שרעק אַהינצוועגס, איז פיל גרעסער די פרייד צוריק־צוועגס. אַהינצוועגס איז נאָך געווען אַ ביסל פון דער מאַמעס קעסט, און אַ יונגער נייגיריקער קאָפּ צו דערקענען די וועלט. איצט קומען מיר צוריק מיט אַזאַ גרויליקער דערפאַרונג פון מענטשלעכער גרויזאַמקייט און טפשות פון בעלי־חלומות...

איצט זענען מיר שוין דאָ צוריק, האַלב „איבערדערצויגענע״. אונדזערע טריט זענען ציטערנדיקע, שוואַכע, גלייך די גאַנצע וועלט וואָלט זיך געשאָקלט. אונדזערע גופים זענען קויבערס מיט ביינער, וואָס שלעפּן זיך נאָך אויף צווי שטעקענעס, וואָס זענען אַ מאָל געווען פיס. די פּנימער מיט אַ געלער פאַרמעטענער, אויסגעמאָגערטער, צעקנייטשטער הויט.

מיר, די אַראָפּגעקומענע פון דער „טויטן־שיף״, זענען אין וועג ניט איינגעשלונגען געוואָרן, נאָר מיט אונדזער עקשנות אויסגעהאַלטן ניט צו ווערן ערגעץ באַגראָבן ביי אַ ברעג פון יעניסיי, ווי הונדערטער אַנדערע, באַהאַלטענע און פאַרשיטע אין די גריבער, וואָס האָבן ניט איבערגעלאָזן אַ סימן נאָך זיך און זייערע נאָענטע און ליבסטע ווייסן אפילו ניט ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען. זיי וועלן קיין מאָל מער ניט ווייסן פון זיי און ניט וואָגן צו פרעגן אויף זיי...

פירט מען אונדז מיט באַוואָפנטע וועכטערס אַרום, כאָטש קיינער קען ניט אַ הויב טון אַ ביסל גיכער די פיס, אפילו ווען זיי וואָלטן אונדז געטריבן, נאָר ווער ווייסט? סטאַלינס שדים האָפן נאָך אפשר אַ ביסל עפּעס אויסצוקוועטשן פון אונדז. „וו׳באַניו,״ אין באָד אַריין. דאָנטע, שרייבנ־דיק זיין גיהינום, האָט זיכער אַזעלכע וויזיעס ניט געזען, ווי מיר זעען איצט, קוקנדיק איינער אויפן אַנדערן. בלויז אונדזערע גלעזערנע קוקערס גלאַנצן אַרויס פון די טיפע אויגן־לעכער, און די איינגעשפּאַרטע מוחות

באַפֿעלן: ניט רעזיגנירן, ניט אונטערגיין! נאָד האָפֿן צו זען נאָך פֿריינד, משפּחה. און נאָך עפּעס, וואָס מען טאָר קיינעם ניט אָנפֿאַרטרויען...

אַלץ איז אוממענטשלעך, פֿאַרלוירן, קיין קלענסטן צוטרוי צו קיינעם... דיין איז נאָר דו און מער קיינער, ניט אַ וואָרט, אַ געשפּרעך. אומגליקן לויערן פֿון יעדן וואָרט, וואָס מען קען דאָ טויזנט מאָל איבערדרייען, איבערטייטשן. ביז דו זאָגסט אַ וואָרט, איז עס דיינס, אַרויסגעזאָגט, איז עס שוין ניט דיינס. אפֿילו ניט צו די נאָענטסטע. ליבע צו אייגן בלוט? הוזק און געלעכטער... מאַרטיראָלאָגיע פֿון דורות, מאָראַלישער אָנהאַלט? אַלץ איז „קאָנטעררעוואָלוציע” פֿאַר וואָס די טרוימער און ערלעכע בויער פֿון דער רעוואָלוציע האָבן מאַסנוויז באַצאָלט מיט זייערע לעבנס. פֿאַר העלפֿן צעברעכן דעם צאַריזם האָט סטאַלין נקמה גענומען אין זיי, אויס־געמאָרדעט זיי אַלע, נאָך בעסער געמאַכט די צאַרישע אַרבעט, ווי זיי וואָלטן זי געמאַכט...

מיט מיר אין ריי אין באָד אַריין גייט אַן עלטערער רוסישער מאַן און איינער מאַליק, מיט אַ בערדל, קוים וואָס ער רירט מיט די פֿיס, ער האָט די „פּאַרקינסאָן”־קראַנקייט און די היגע „הויכע מעדיצין” קען אים מיט אַספּירין אָדער סטרעפּטאָציט ניט אויסהיילן. די צוויי מעדיצינען זענען דאָ די איינציקע גאַנגבאַרע צו אַלע קראַנקייטן, אַחוץ אַ ביסל פֿערדישע מעדיקאַמענטן, וואָס די דאָקטוירים באַקומען דאָ פֿון די וועטע־רינאַרן.

אין באָד ערשט האָט מיר דער אַלטער רוסישער מאַן דערציילט וועגן דעם מאַליק. אַליין האָט ער אַ גרויסן פֿאַרדינסט פֿאַר דער רעוואָלוציע פֿון 1917 און שפּעטער נאָך קערענסקין — ביים פֿאַרכאַפּן די מאַכט דורך די באָלשעוויקעס. חוץ דעם האָט ער אַ זון וואָס לויכט אויפֿן סטאַלינישן הימל און איז איצט אַ „דרענגל” אין קרעמל. האָט טאַקע זיין זון, יעקב מאַליק, אויסגעפּועלט ביי סטאַלינען צו אַקטירן זיין פֿאָטער, וואָס קען שוין קיינעם גאָרניט שאַטן. ער, מאַליק, אַרבעט שוין סיווי ניט, זינט לאַנגע יאָרן האַלט ער זיך מיוחסדיק אָנטקעגן אַנדערע, וואָס האָסן אים דערפֿאַר מער. דערצו האָט ער אַ שיינע „טיעלאָגרייקע” מיט ריינע וואַטענע הויזן,

אַ פּאָר גוטע שטיוועלעך און אַ שיין היטל, און האַלט זיך זייער ריין. ווייל וואָס האָט ער מער צו טאָן?

מיר זענען אַריין אין באָד אַריין. אויך מאַליק קריכט, שפּאַן ביי שפּאַן, מיטן שטעקעלע אין האַנט, אויסגעטריקנט גלייך מיט אַלע, און היט זיך, קיינער זאָל אים ניט אַ שטורקע טאָן, ער זאָל זיך ניט איבערקערן. אויסזען, זעט ער אויס ווי אַ ייד, אָבער דאָ לייקנט מען צו זיין אַ ייד. ס'פּאַסט זיי ניט אין דער „קאָמוניסטישער" געזעלשאַפט צו זיין יידן. איז מילא, איך דאַרף אים אין מיין באַרשט ניט האָבן. זאָל ער זיין אַ טערק, אַ ציגיינער, אַ נאַצמען. איך האָב אָבער רחמנות אויף זיינע חלומות פון אַ מענטשלעכער געזעלשאַפט, פאַר וועלכער ער האָט געגעבן זיינע יוגנטלעכע כוחות.

איך האָב זיך פריער אָפּגעוואַשן מיטן שעפל וואַסער און בין אַרויס זיך אָנטון, אָבער פּלוצעם האָט מען געבראַכט צו טראָגן אַ שיין היטל, אַן אַנדערער טראָגט שוין אַרויס די שטיוועלעך, אַ דריטער די טיעלאָגריי־קע. ס'האָרץ האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן. איך האָב מיט אים קיין נעענטערע חברשאַפט ניט געהאַט, אָבער יעדער מענטש וויל דערלעבן דעם חלום צוריק צו זיין מיט זיינע נאָענטע. ביז אַהער איז געווען דער שווערסטער וועג און איצט... דער עלטערער רוסישער מאַן, וואָס האָט זיך געפונען צוזאַמען מיט אים אינעווייניק, איז אַרויסגעקומען אַ בלאַסער, אַ דער־שראָקענער, ציטערנדיק און שוייגנדיק. ער האָט קיין מאָל ניט געוואָלט רעדן מיט מיר, און זיך אויסגעהיט פאַר מיר.

אפילו דעם טויטן קערפּער פון אַלטן מאַליק האָב איך מער ניט געזען.

יאָ, דו, גרויסער זון פון דער מערדערישער סטאַלין־באַנדע! דיין פאָטער שיקט דיר אַ גרוס — דורך מיר...

סיביר

איך בין שוין אין סיביר, מיט אַ פּאָר טויזנט קילאָמעטער נענטער אַהיים. ווי לייכט אַ מענטש פאַרגעסט... ס׳צינדן זיך ווידער חלומות. אין דער געגנט איז מיין פאָטער געווען אַן עסטרייכישער געפאַנגענער אין דער ערשטער וועלט-מלחמה. דערמאָנונגען. דער טאַטע איז אַהיים געקומען. אַ פרייד. שכנים קומען מיט פריידיקע פּנימער: „ליב און געזונט אייך אייער גאַסט". די מאַמע וויינט פאַר פרייד...

שוין דריי פערטל פון „סראָק" באַלד אָפּגעקומען... די מאַמע וועט אַ דערפרייטע און וויינענדיקע אַנטקעגנלויפן. ווידער פריינד, חברים, שכנים...

פון דאַנען קען מען שוין שרייבן אין מיין היימשטאָט. יעדע פאָר טאָג שרייב איך. קיינער ענטפערט ניט. איך דערמאָן זיך אָן ניט יידישע שכנים. גאָרניט. איך שרייב אין שטאָטפאַרוואַלטונג. אין אַ פאָר וואָכן אָדער חדשים באַקום איך אַן ענטפער: „אַלע, אויף וועמען דו פרעגסט, זענען אומגעבראַכט געוואָרן פון די היטלעריסטישע באַנדעס".

שוין... אויסגעלאָשן זיך אַלע חלומות... סטאַלינס שותף; היטלער, האָט אַלץ אָפּגעמעקט.

אַהער קומען אָן נענטערע גרוסן. באַקומען אפילו אַ בריוו פון אַ חבר, וואָס האָט געפונען מיין אַדרעס אין שטאָטראָט. ס׳פילט זיך דער ווײ, דער וואָרעמער טרויער, צו געפינען נאָך אַ לעבעדיקן פון אונדזער דור און סביבה. אויך דריי אַנדערע, וואָס זענען מיט מיר אין איינעם אַרעסטירט געוואָרן, האָבן ערגעץ באַקומען מיין אַדרעס. זענען דאָך נאָך ניט אַלע געשטאָרבן, לעבט נאָך עמעצער, און זיי שרייבן מיר וועגן אַנדערע חברים, וואָס לעבן ערגעץ אינעם פאַרוואָרפענעם רוסלאַנד און ווער ווייסט ווו? ערגעץ האָט עמעצער עמעצן באַגעגנט... צוויי זענען נאָך דער מלחמה

גלייך אַהיימגעפאָרן און זענען דאָרט פון די אוקראַינישע מערדער־באַנדעס דערהרגעט געוואָרן. פון דער שטאָט יידן איז קיין זכר ניט געבליבן. דער מאָל, ווו יונגוואַרג פלעגט אין די שבתים לייענען ביכער אָדער שפּילן פוטבאָל, איז איצט פאַרשיט מיט די גופים פון אונדזערע משפחות... אייג־ציקוויין האָט מען זיי אויסגעשאָסן, פון אַ הענגענדיקן ברעט, אין דער ריי שפּאַנענדיק; דערשאָסן זיי, און גלייך, טייל האַלב לעבנדיק נאָך, זיינען אין גרוב אַריינגעפאַלן, און די שכורע אוקראַינישע און דייטשע מערדער־באַנדעס האָבן פאַרשיט די קברים מיט טויזנטער יידן.

פונקט אַנטקעגן שטייט דער גרויסער אייזערנער צלם, וואָס האָט אלע יאָרן אַראָפּגעקוקט אַ פרעמדער אין דער יידישער שטאָט אַריין. די יידן האָבן ניט געפילט זיך קיין מחותנים מיט אים. טאַקע ניט געוועזן מיט וועמען זיך צו חברן. טויזנטער יאָרן פון הערשאַפט זיינער האָט פון זיי קיין שום סימן פון חיהשקייט ניט אויסגעראָטן...

אין נאָוואָסיבירסק איז מיין פאָטער געוועזן אין געפאַנגענשאַפט ביים צאַר. איצט איז פון נאָוואָסיבירסקער „גובערניע" געוואָרן צוויי באַזונדערע „אָבלאַסטן" — נאָוואָסיבירסק און קעמערָאווא. ניט אומזיסט האָט מען אַזוי געהאָפט אויף די סיבירער לאַגערן. אין נאָרילסק האָט מען געקענט געפינען אַ שטיין, אָדער אפילו אַ גרודע טייער מעטאַל, אָבער אַראָפּשלינגען און אַ ביסל זאַטער מאַכן דעם הונגעריקן מאָגן, האָט מען מיט דעם ניט געקענט. דאָ אָבער זענען פאַראַן „סיעלסקאָ־כאָזיאַיסטווענניע לאַגעריאַ", דאָרפישעווירטשאַפטן, באַאַרבעט פון „ניטאַרבעטסלאָזע" סאָוויעטישע קרבנות, וואָס באַקומען אַ שטיק ברויט. קענסט שוין דאָ טרעפן אַ שטיק קאַרטאָפל אין זופּ, אָדער אַ שטיק „טורנעפּס", וואָס איז אויך גוט צום עסן...

נו און אַ זופּ פון קראָפּיווע איז דען שלעכט? און לעבעדאַ, און אַנדערע גראָזן, און אַ מאָל קענסטו דאָ געפונען אַ בוראַק, אַ רעטעך צי אַ ציבעלע. טאַקע נאָר אויפן אָרט אַראָפּצושלינגען, קיינער זאָל ניט זען, אָבער נאָ־טשאַלסטווא ווייסט, אַז מען שלינגט אַלץ, וואָס ס׳קומט אונטער די הענט. קיין צו גרויסן נחת קענען זיי שוין פון אונדז, די צוריקגעקומענע פון

באַרימטן נאָרילסק, ניט האָבן. די וואָס קענען נאָך גיין אויף די פיס, האָט מען שוין איינגעטיילט אין בריגאַדעס, און זיי שפּאַנען שוין אין די רייען אויף די סיבירער פעלדער. זיי „שאָקלען״ זיך און שלינגען וואָס ס׳קומט אונטער די הענט. ווער דאַרף קאָכן? דער מאָגן האָט שטאָלענע קיכן אינעווייניק און פּראָטעסטירט קיין מאָל ניט. אַלץ שלינגט ער, אפילו „זשמיך״ (טרוקענע פלעץ פון קערנער, וואָס מ׳האָט אויסגעקוועטשט דערפון דעם אייל, און מען גיט עס די בהמות).

ערגעץ זענען דאָ פאַראַן בהמות, פערד. זיי ווערן באַזאָרגט פון דער מלוכה אויף „פאָ נאָרמיע״, אָבער זיי קענען ניט דערציילן ווען מען באַגנבעט זיי. פגרן זיי — איז דאָ אַ שטיקל פלייש.

„שירפּאַטרעב"

מיך האָט מען דערווייל צוגעטיילט אַרבעטן אין „שירפּאַטרעב", דאָס הייסט די אַרטיקע אויסאַרבעטונג פון „שיראָקאָיע אופּאָטרעבליעניע", פון ברייטן געברויך. וואָס מען קען, מאַכט מען דאָ. דער נאַטשאַלניק פון „שירפּאַטרעב" האַלט זיך אין באַפרייען און ס'דאַרף קומען אַ נייער נאַטשאַלניק.

דער דערווייליקער נאַטשאַלניק לעבט זיך גוט מיט די „פרייע" נאַטשאַלניקעס. אַז זיי דאַרפן עפּעס, קומט מען צו אים. מיר האָט ער דערווייל געבראַכט צוויי שטיקלעך האָלץ, אָפּגעקליבענע אויף ציגייער־שפּיצלעך פאַר די „נאַטשאַלניקעס" און ער בעט מיך, אפשר קען איך מאַכן לעכלעך אַדורך. ער האָט געהערט, אַז איך בין אַ „מייסטער נאַ וסיע רוקי", אַ מייסטער צו אַלעמען. איך האָב געפונען אַ דרעטל, אויסגעשליפן מיר אַ בויערל, און די לעכלעך זענען געווען ערשטקלאַסיק. ער האָט שוין פאַרטיילט פאַר אַלע „נאַטשאַלניקעס" ציגייער־שפּיצלעך אַ מתנה, און איך באַקום שוין דערפאַר אויסגעשריבן אַן „אַרבעטנדיקע פּייקע".

ס'זענען דאָ פאַראַן צוויי „זאָנעס". אין דער ערשטער האַלטן אַלע „קוואַרטיר". אַהער ברענגט מען און אַהער קומט מען יעדע נאַכט שלאָפן. אויף יענער זייט פון דער ברעטערנער וואַנט איז די „פּראָיזוואָדסטווענאַיאַ זאָנאַ", די אָפּטיילונג פון אַלע אָמטן און וואַרשטאַטן. ווער ס'גייט צו דער אַרבעט, באַקומט אַ גרעסערע „פּייקע" — אַרום 800 גראַם ברויט טעגלעך. ביים היגן שווערן אַרבעטן און ביי דער אויסגעמאַגערקייט, איז עס ניט גענוג צו שטילן דעם הונגער אַ גאַנצן טאָג, ווייל די פּייקע עסט מען תיכף אויף... די דריטע זאָנע איז שוין פון יענער זייט פון לאַגער — ווייטע, אומענדלעכע פעלדער. פעטע שוואַרץ־קלעפּיקע ערד, וואָס גיט אַרויס יעדעס יאָר אַזאַ געדעטעניש, אַז מען איז ניט אימשטאַנד, ביים קורצן

זומער, אַלץ צעראַפּצונעמען פון די פעלדער. און וואַקסן וואַקסט דאָ! איך קען קוים פאַרשטיין, פאַר וואָס מענטשן דאַרפן אַזוי אייביק הונגערן...

געקומען שוין דער נייער נאַטשאַלניק. ער הייסט גאַלאַכאָוו. מען זאָגט: אַ געוועזענער ענקאַוועדיסט. טייל זאָגן, אַז ער איז אַ ייד. ער חברט זיך טאַקע מיט מיינע באַקאַנטע יידן, אָבער אַז ער זאָגט ניין איז ניין. איך דאַרף אים ניט האָבן. קיין גליקן קען מען פון אים ניט דערוואַרטן. ער פליט אַרום אויף צוויי שטאָלצן, אַן אינוואַליד, אָבער אַ קאָפּ צו אָרגאַניזירן, האָב איך שפּעטער געזען, האָט ער אַ געזונטן.

אין מיין לעבן האָב איך קיין שלאָסעריי ניט געאַרבעט, אָבער אַז דאָרט האָט מען געדאַרפט אַ שניידער, בין איך געווען אַ שניידער, און אַז דאָ דאַרף מען אַ שלאָסער, בין איך אַ שלאָסער, אַבי איבערהאַלטן. אין שלאָסעריי אַרבעטן צוויי רוסישע בחורים. פאַראַן אויך אַן אָפּטיילונג פון סטאָליאַרעס, וואָס מאַכן שאַפעס, טירן, און מען שניידט דאָ די ברעטער. דאָס איז שוין גאַלאַכאָווס אָרגאַניזירונג; ער וואַרט שוין ניט מען זאָל אים ברענגען ברעטער.

איין מאָל ברענגט מען אַ שלאָס, צי אַ שאַפע, אַ שטיקל אַרבעט פון עפּעס אַ קאָוואַל פון מיט אַ 200 יאָר צוריק.

— אָט דאָס מוזטו קענען מאַכן — זאָגט צו מיר דער בריגאַדיר, וואָס האַלט שוין אויך אין אַוועקגיין פון דאַנען. ער איז אַ קולינאַר, אַ קוכער, הייסט ער, וואָס קען קאָכן באָרשט מיט קאַרטאָפל, מיט זויערע אוגערקעס און אַ פּאָמידאָרן־זופּ. איז וואָס זשע דאַרף ער הונגערן און זיין אַ שלאָסער, אַז ער קען זיין זאַט ווי אַ קוכער?

סאָוויעטישע קייסאָרים

די קייסאָרים פון די לאַגערן זענען די ברוויטשניידערס און די קוכערס. אין נאַרילסק איז אונדזער ברוויטשניידער געווען דער שפּעטערער באַרימט־געוואָרענער מאַרשאַל ראָקאָסאָווסקי, נאָך וועמען סטאַלין האָט בעת דער מלחמה געשיקט אַ ספּעציעלן עראָפּלאַן, אַרויסגענומען אים פון לאַגער, וווּ ער איז געזעסן און געשניטן ברויט פאַר אונדזערטוועגן, און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָבן מיר געהערט, אַז אונדזער ראָקאָסאָווסקי, דער ברוויטשניידער, איז גאָר דער מאַרשאַל, וואָס טרייבט די דייטשן פון רוסלאַנד...

די פּרויען, וואָס פאַלן אַריין אין די לאַגערן, אַרבעטן אויך זייער שווער און אַ מאָל — שווערער ווי די מענער. זיי זענען הונגעריק, ווי די וועלף, איז אויב זי האָט נאָך אַ ביסל יונגן חן, זוכט זי זיך אָפּ אַ קוכער, אָדער אַ ברוויטשניידער, און זי וועט שוין הונגעריק ניט זיין. הונגער איז שטאַרקער פון מאָראַל, איבערהויפּט, ווען ס'לעבן איז גאָרניט אַזאַ מציאה. קומען עטאַפּן, גייען עטאַפּן, קומען ווייבער, גייען ווייבער. אַריינגעפאַלן אַ פּרוי אין לאַגער, וועט זי שוין גיין פון האַנט צו האַנט, און גליקלעך זיין צו האָבן אַ קוכער אָדער אַ „כליעבאַריעז" — אַ ברוויטשנידער, און טויזנטער אַנדערע ווייבער וועלן זי מקנא זיין.

איצט איז גאַלאָכאָוו מיין בעל־הבית. דער קוכער איז אַוועק אין קיך, דער אַנדערער, אין „סיעלסקאָ־כאָז" צעך, און איך בין געבליבן אַליין. די נאָרמע פון יענע שלעסער, וואָס מען האָט מיר געבראַכט אַ מוסטער, איז אַנדערטהאַלבן טאָג אַ שלאָס. איך האָב געמאַכט אויף אַ פּאַפּיר אַ מוסטער פון אַן אויסגעבעסערטן שלאָס. דער ערשטער פון מיין מוסטער האָט געדויערט אַ האַלבן טאָג און איז ניט געווען אַזוי גוט. דער צווייטער — שוין בעסער.

איצט קען איך שוין מאַכן 5—6 שלעסער אַ טאָג, נאָר ווער דאַרף עס? וואָס וועל איך האָבן פון מיין אַרבעט? און צו באַפרייונג איז נאָך וויט... וויפל פאַרענדיקן די אורטיילן, און מען שיקט צו אַ „בריוול" „נאָך ניט צו איילן זיך, ביז מען וועט שוין צוויסן טאָן". איך האָב געקענט אַזאַ בוכאַלטער וואָס האָט פאַרענדיקט דעם „סראָק", אַן אַלטיטשקער, מיט ווייסע האָר. האָט מען אַ טאָג פאַרן באַפרייען צוגעשיקט אַ בריוול, אַז דערוויל מעג ער נאָך אַרבעטן אין לאַגער, און צו באַפרייען אים וועט מען אים צושיקן אַ באַזונדער בריוול... ער האָט באַקומען אַ האַרצאַטאַק, און זיך באַפרייט פון זיי מיטן טויט.... איז ווייניקער אַ־יבער! אַ גרויסע זאַך — אַ מענטש! מען קען אים אפילו ניט אויפעסן... איך האָב שוין געגעסן פערד־פלייש, הינט און קעץ־פלייש, אַ פאַרפרוירענע וואַרגנע... און אפילו, איך האָב עס ערשט דערנאָך זיך דערוווּסט — אַ שטיקל פון אַ קינד...

אין נאָרילסק זיינען געזעסן פינען, אַרעסטאַנטן, וואָס זיינען געגאַנגען מיט אַ „סטראָיטעלנע בריגאַדע" אין שטאָט אַריין אַרבעטן. אין שטאָט האָבן געלעבט אַלע וואָלניאַשקעס. די לאַגערניקעס האָבן באַקומען צו אַרבעטן אין אַ גאַס, וואָס איז געווען אָרום אָפּגעשלאָסן, און אינעווייניק האָבן זיי געהאַט בריגאַדירן, וואָס האָבן צעטיילט די אַרבעט. ווי נאָר דער בריגאַדיר איז אַוועק, האָבן זיי גענומען זוכן אין די מיסטקאַסטנס. איין מאָל האָט מען געבראַכט אין אַ באַראַק אַריין פלייש. זיי האָבן אויפגעשטעלט קעסלען וואַסער, געקאָכט און געקאָכט, דער גאַנצער באַראַק האָט גענומען שרעקלעך שטינקען. דער בריגאַדיר איז צוגעלאָפן, געכאַפּט די קאָכנדיקע קעסלען און זיי אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער. אַלע זיינען אַרויס, כאַפּן שטיקער, אויך איך האָב געכאַפּט אַ שטיק רוי פלייש און מיט די ציין געריסן און געשלונגען. דערנאָך האָט מען דערציילט אַז עמעצער האָט געפונען אין אַ פּאַפּיר אַ ניי־געבוירן קינד, האָט ער אַרום־געשניטן שטיקער, און געבראַכט צום קאָכן.

נישטאָ אַן אַרבעטספלאַץ, ס'זאָלן ניט זיין קיין גניבות. די לאַגערן באַקומען צוגעשטעלט זאַכן, וואָס זענען ניט צו באַקומען אויף דער פריי. גנבעט מען פון אַלע זייטן, און די וואָס גייען אַרבעטן אויסער דער זאָנע

און קומען זיך צונויף מיט „פרייע", נעמען אַלץ מיט און פאַרקויפן עס דאָרט צו די „פרייע".

ס'איז גאָרניט שטאַרק מקנא צו זיין די „פרייע". זיי כאַפּן אויך אַ ביטערן שוויץ זייענדיק שטענדיק אונטערן פּחד צו גיין אין לאַגער אַריין אויף יאָרן און פאַרלירן די משפּחה מיט אַלץ און אַלעמען.

אין אונדזער זאָגע זיינען פאַראַן הונדערטער באַאַמטע, וואָס באַקומען פון צייט צו צייט פּעקלעך פון דער היים און לײַדן ניט אַזאַ הונגער, ווי די „אויסגעלייזטע" פון די דורך די סאָוויעטן טעריטאָריעס, נאָכן פאַרגלייכן זיך מיטן „חבר היטלער". טייל אַרבעטן דאָ אין די סטאָלעריי־אָפּטיילונגען, מאַכן פון באַהאַלטענע שטיקלעך ברעטלעך, וואָס זיי לייגן צונויף בסוד, הילצערנע טשעמאָדאַנעס, קלאַפּן צו שטיקלעך לעדער פּאָר זאַוויאַסעס און פאַרדינען צו אַן איבעריקע פּייקע ברויט. די גנבים אָבער אין די באַראַקן שניידן איבער די לעדערלעך מיט אַ מעסער און גנבענען אַרויס אַלץ. יעדער אַרעסטאַנט, וואָס פאַרמאָגט עפּעס, האָט אַזאַ „טשעמאָדאַן".

די אַלערליי שאַפּעס פון „שירפּאָטרעב" האָבן ניט קיין זאַוויאַסעס. ניטאָ קיין פּיילן, קיין האַנט־שערן צו שניידן די בלעכן, וואָס מען קען געפינען ביים „סעלכאָז־צעך" אַנגעוואָרפן, זשאַווערנדיק אין דרויסן. גאַ־לאַכאָוו האָט שוין געבראַכט אַ שמיד, וואָס האָט זיך אַליין געמאַכט אַ שמיד־אויוון מיט אַ בלאָזער. איך בין אַוועק אויפן „סעלכאָז" בית־עולם און געפונען שטיקער שטאָלענע ספּרוזשינעס, וואָס איך האָב געבראַכט צום שמיד, און ער האָט געמאַכט אַ פאָרעם, אַרויסצושמידן גלייכע שטיקער שטאָל, פון וואָס איך האָב געמאַכט פּיילן. געקומען דאָ איינער און מיך אויסגעלערנט אַליין צו מאַכן פּיילן, דערנאָך צעמענטירן זיי. דאָס איז געווען די הויפּט־אַרבעט.

אונדזערע „צעכן" זענען לאַנגע באַראַקן, האַלב אין דער ערד, מיט אַריינגעגראָבענע סלופּעס און הילצערנע ווענט און דעכער. אין איין ווינקל מאַכן סטעלמאַכעס רעדער צו וועגן, אין אַנדערע וועגן. דאָרט אַרבעט אַ יונגער טאָקער, וואָס מאַכט שפּינרעדלעך און הילצערנע שפּינעריי־מאַ־שינדלעך.

סיביר איז גרויס, און גאָלאָכאָוו האָט ווו צו בויען נייע ריזיקע „צעכן". אין דער זאַנע זיצן טויזנטער מענטשן, יונג און אַלט, און עסן באַקומען זיי נאָר די 600־גראַמיקע פּייקעס ברויט, ווי ניט אַרבעטנדיקע. די ייִנגערע טרייבט מען אַרבעטן אין די פעלדער, אָבער די עלטערע, וואָס שלעפּן קוים די פיס, פון יאָרן לאַגערנער און סאָוויעטישער קעסט, זיצן אין די זאָנעס און טוען גאָרניט, נאָר לעשן זיך ביסלעכווייז אויס, ווי די ליכטלעך.

גאָלאָכאָוו בויט אויס גרויסע צעכן. אַרבעטער וועלן אים ניט פעלן און „נאַטשאַלסטווע" וועט גערן זיין צו האָבן גרעסערע נאָרמעס צו זאָנעס און טוען גאָרניט, נאָר לעשן זיך ביסלעכווייז אויס, ווי די ליכטלעך. אויפטוען.

אונדזערע צעכן אַרבעטן מיט דער פולער פּאַרע. ס'וואַקסן צו אָפּטיילונגען. איך האָב שוין איין צוהעלפער, אַן עלטערער מענטש. אַ מאָל האָט ער געאַרבעט ערגעץ אין גרויסע מעטאַל־גיסערייען. ער קען אַ ביסל קלאַפּן מיט אַ העמערל, איז ער אַ שלאָסער... אַ נייער עטאַפּ איז געקומען. לויטער פּאָליאַקן. די היגע רוסישע באַאַמטע איז שווער צו רעדן מיט זיי און פאַרשרייבן זייערע פוילישע נעמען, האָט מען מיך געשיקט זיי אײַ־בערנעמען און פאַרשרייבן זיי.

זיי זענען זיך מחיה צו געפינען איינעם, וואָס רעדט מיט זיי פויליש. צווישן זיי זענען דאָ גרויסע פוילישע פּריצים, מיניסטאָרן. די גרויסע גייען אַרום שווייגנדיק, האָבן צו קיינעם קיין צוטרוי נישט. טייל זענען נאָך אין פוילישע מיליטערישע מונדירן און שינעלן. פאַראַן אויך פּשוטע אַרבעטער און פּויערים. דאָ זענען אַלע „פּאַנעס"...

די גרויסע לייט חברן זיך ניט אפילו מיט די אייגענע פּאָליאַקן־ברידער. איך קום נאָך דער אַרבעט אין זייער באַראַק אַריין, גיב זיי אונטער אַ ביסל מוט... „דאָ צו זיין איז שוין אַ גליק. מען מוז איבערהאַלטן. איך בין געווען אַ ביסל ווייטער... דאָ קען מען שוין לעבן". זיי מיינען, אַז איך בין שוין דאָ עפּעס אַ „קנעפּל". איך דערצייל זיי, אַז איך בין אַ קרבן, גלייך מיט זיי. זיי האָבן אַ באַזונדערן גרויסן באַראַק. יעדער האָט זיין

קאָפּדרייעניש מיט אויסגעפּינען צו פאַרדינען נאָך אַ ביסן ברויט. אין אַ ווינקל צווישן די נאַרעס זיצט אַ יונגער בחור, וואָס וורוזשעט מיט אַ נאָדל, וואָס ער הענגט אָן דערויף אַ שטיקל ברויט־קיילעכל. וורוזשען קאָסט אַ ביסן ברויט, וואָס ער בייסט טאַקע גלייך אײַן, איבערלאָזנדיק אַ קליין פּיצל פאַרן קיילעכל.

גאַלאַכאָוו האָט מיר געהייסן אויסגעפינען, אפשר זענען דאָ עפּעס שלאָסערס, וואָס זאָלן מיר העלפן אין צעך צו דער אַרבעט. פרעג איך שוין דאָ, צי עמעצער פון זיי איז אַ שלאָסער, רופט זיך גלייך אָן דער „וורוזש־ביט״, אַז ער איז אַ שלאָסער פון דער היים. איך פאַרשרייב אַלע זיינע פּערסאָנאַליען, און צו מאָרגנס האָט אים שוין גאַלאַכאָוו אויסגעשריבן צו אַרבעטן מיט מיר. אַרבעט פעלט ניט. יאַנעק, הייסט דער פוילישער בחור. הויך און דין, מיט אַ ריזיקן הונגער. איך פאַרשטיי אים זייער גוט: אַ פּאָר יאָר אין די סאָוויעטישע תפיסות געזעסן און זייערע „קעסט״ געגעסן...

אין „סעלכאָז״־צעך האָב איך געטראָפן אַ לעמבערגער יידישן בלעכער — אַ יונגער מענטש און זעט ניט שלעכט אויס. ער האָט זיך דאָ זיין צעך און אַרבעט שוין דאָ יאָרן נאָך זיין „באַפרייונג״. בין איך געוואָר געוואָרן, אַז אויף מאַכן זאַוויסעס (שאַרנירן) צו די שאַפעס, איז די „נאָרמע״ 3 אַ האַלב פּאָר אַ טאָג. אַלץ איז דאָ אין בוך פאַרשריבן. איך האָב זיך געמאַכט אַזעלכע אויסהילף־מעכאַניזמען און מיט זיי קען איך אויסאַרבעטן אפילו 20 פּאָר אַ טאָג. אָבער איך ווייס שוין וואָס ס'הייסט ביי זיי. אויב דו וויזט נאָר, אַז מען קאָן מאַכן מער, איז עס שוין מאָרגן אַ „נאָרמע״. איז בעסער אַ ביסל אָפּרוען זיך. איך האָב גענומען אויסאַרבעטן פּרעציזע שלעסלעך צו טשעמאָדאַנעס און זאַוויסעס, וואָס זענען געוואָרן אין גיכן אַ שם־דבר אין דער זאָנע און מען האָט מיר גוט באַצאָלט פאַר מיינע שלעסלעך.

איינער גיט אָן איבריקע פּייקע ברויט, אַן אַנדערער אַ פּאָר רובל. צייטנווייז, ברענגט מען עפּעס צו פאַרקויפן אינעם „לאַריאָק״ — מילך, וואָס כ'האָב ניט געזען פּאָר מיינע אויגן, זינט איך בין „באַפרייט געוואָרן״,

קעז אַ מאָל, און זעלטן אַ פּיצל פּוטער, וואָס מען כאַפּט אויס. איך האָב שוין אַ פּאָר רובל, און קויף עפּעס צו. איין מאָל האָט מען געבראַכט אַ פּולע לאַסטמאַשין מיט ליידיקע קאָנסערוון־פּושקעס. מיר שניידן אָפּ די דעקלעך פון ביידע זייטן און אין דער מיט, אויסלייגנדיק שטויסן בלעכלעך. גאַלאָכאָוו האָט איינגעפירט אַ מאַגאַזינער, וואָס נעמט אַלץ איבער. איך קלייב אָפּ די בעסטע בלעכלעך און באַהאַלט זיי. זיי וועלן צו נוץ קומען.

מיט יאַנעקן לעב איך זייער גוט און ער האַלט זיך נעבן מיר. וואָס איך זאָג, איז גוט. פאַרדינט מען צו אין דער זייט אַ שטיקל ברויט מער, ווערט עס איינגעטיילט פאַר אונדזער גאַנצן צעך. איינעם אַ טאָג, קומט צו גייך דער „זאַוויעדושטשי" פון דער קיך. ער דערקענט מיך פון שפּיטאַל אין פאַרשאָלטענעם נאָרילסק. ער דערפרייט זיך מיט מיר, און האַלטנדיק אין דער האַנט אַ פּאָר מעסערס, דערציילט ער מיר, אַז ער איז דער בעל־הבית פון דער קיך און מוז האָבן שאַרפע מעסערס. גוט, וואָס ער האָט מיך געטראָפן. ער וועט שוין האָבן שאַרפע מעסערס, און פאַר מיר וועט מען שוין אָנגיסן יעדן טאָג אַ קעסל זופּ... אַ ישועה! אין איין וועגס, זאָגט ער, שיק איצט מיט דיינעם אַן אַרבעטער מיט אַ קעסעלע, און איך וועל אָנווייזן דעם קוכער צו געבן איך אַלע מאָל...

יאַנעק האָט גלייך געפונען אַ „קעסעלע", אַז איך האָב מיך פאַרשעמט פאַר דער מאָס: אַ קעסל פון אַ וויאַדרע די גרויס. ער קוקט אויף מיר מיט אַ שמייכל, צי זאָל ער נעמען דעם קעסל. איך האָב זיך צעלאַכט און דער קוכער אויך.

— נעם עס! — האָט דער „קוך־זאַוו" לאַכנדיק אַ זאָג געטאָן, זעענדיק מיין פאַרלעגנהייט. און יאַנעק איז גלייך מיט אים אַוועק, און צוריק־געבראַכט אַ פולן קעסל גוטע זופּ. איך האָב אָפּגעגאָסן מיר אַ שיסעלע זופּ, דעם אַנדערן אַ שיסעלע, און ס'רעשט געגעבן יאַנעקן.

יאַנעק האָט זיך אַנידערגעזעצט, איבערגעקערט דעם קעסל אין מויל אַריין און גלייך גענומען גיסן אין גאָרגל אַריין, קוים איבעררייסנדיק אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. דריי מאָל אין טאָג איז יאַנעק געלאָפן אין קיך

נאָך זופּ מיט זיין געבענטשטן קעסעלע און תמיד עס צוריקגעבראַכט אַ פולס. איך אַרבעט אויס פון די בלעכלעך, פון די קאָנסערוון, וואָס איך האָב אַראָפּבאַהאַלטן, אַזעלכע „מענאַשקעס" — דריי שיסעלעך אין איינעם, מיט אַ הענטל צום האַלטן, און פאַרדין צו אַ פּאָר גולדן אין דער זייט.

אַרויספּאָרן האָט זי אים געפּרעגט, וואָס זי זאָל אים נאָך שיקן. ער האָט געבעטן שיקן וואָס זיי קענען, און אַ סידורל מיט תהלים. אין אַ שטיקל צייט אַרום איז יאָסל געקומען אויף דער פּאָסט אָפּנעמען ס׳לעצטע פּעקל. דער אַלטיטשקער, וואָס האָט מיך גערופן צו אים, האָט אויך באַקומען אַ פּעקל. דער אַלטיטשקער האָט באַקומען אין פּעקל עסנוואַרג, טאַבאַק צום רויכערן, וואָס איז דאָ, די גרעסטע מציאה, און אַן עוואַנגעליע...

— מאָליטסאַ כאַטשעש, דיעדושקאַ? (ווילסט דאַוונען זיידעשי?) — האָבן זיי אים גוטמוטיק געפּרעגט, און אים אַלץ איבערגעלאָזט.

יאָסל האָט געעפנט ס׳פּעקל, איז דערין געלעגן עסנוואַרג און דאָס סידורל...

— טי זשידאָווסקאַ מאָרדאַ — האָט זיך די רויטע, פּעטלורישע יוכע צעקאָכט אינעם נאַטשאַלניק — מאָדליען זיך, ביסטו אַהער געקומען, רעליגיע דאָ פאַרשפּרייטן? אין דיין זשידאָווסקער מאַמען אַריין! — ער האָט אַ כאַפּ געטון ס׳סידורל, עס איבערגעריסן, און אַריינגעוואָרפן אין מיסטקאַסטן. ביי יאָסלען זענען טרערן געשטאַנען אין די אויגן ביים דערציילן עס מיר.

אַ ביסל שפּעטער קומט צו מיר יאָסל, אַ נאָכגעלאָזענער, אַ פאַר־טרויערטער.

— צוליב דיר באַקום איך ניט קיין פּעקלעך מער — האָט ער גענומען וויינענדיק זאָגן מיר — כ׳האָב פאַרלוירן מיין גאַנצע משפחה... איצט בין איך געבליבן ווי אַן אלמן.

ס׳האָט מיר פאַרדראָסן זיין וואָרפן אויף מיר די שולד. האָב איך דען געמיינט אים שלעכטס צו טאָן? איך האָב געעפנט די טיר פון צעך און אים אַ זאָג געטאָן אַ ברוגזער:

— גיי אַרויס, יאָסל, און קום ניט מער צו מיר! — ער האָט זיך צעוויינט ווי אַ קינד.

— כ״האָב אַלע פאַרלוירן... איצט ווילסטו מיך נאָך אויך פאַרטרייבן! — ס׳האָט מיך וויי־געטאָן זיין זאָג און ער איז געבליבן און זיך באַרויִקט.

אין אַ צייט אַרום האָט מען יאָסלען אַוועקגענומען ערגעץ אין אַ ווייטער קאָלאָניע אויף עטאַפּ, און איך האָב פון אים מער ניט געהערט. שפּעטער, זייענדיק אין שפּיטאָל, האָט מיר איינער דערציילט, אַז ער איז געווען מיט יאָסלען אין איינעם אינעם שפּעטערן לאַגער. יאָסל פלעגט דאָרט אַרומטראָגן „כוואָיע" צו טרינקען (אַזאַ וואַסער, איבערגעקאָכט מיט אַלער־ליי בלעטער, וואָס ס'רייסן די „סלאַבאָסילע" בריגאַדעס) און איז דאָרט דאָס איינציקע רפואה־געטראַנק קעגן צינגאַ, אָבער שפּעטער אַ ביסל, דערציילט מיר דער זעלבער, האָט מען אים אַרויסגערופן אין „נאַטשאַלסט־ווע" און אים אין גאַנצן באַפרייט און ער איז אַרויסגעפאָרן קיין פּוילן. האָב איך איצט געהאַט אַן אמתע פרייד: איך האָב אים גוט געראָטן.

איין מאָל קומט גאַלאַכאָוו צו רייטן אויף זיינע שטאָלצן אין צעד אַריין, צו מיר, און מיט זיך פירט ער אַ הויכן עלטערן מענטש מיט אַ בערדל. ער הייסט מיך געפינען פאַר אים עפּעס אַן אַרבעט דאָ. דער מענטש האָט זיך צוגעדרייט נעבן מיר און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— יהודי, העלפט!

איך האָב געהייסן גאַלאַכאָוון אים איבערלאָזן ביי מיר.

שטיינער — פאַר ברויט

ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז אַן אַדוואָקאַט פון מאָסקווע. און אַריינגעפאַלן „נאָר" אויף 10 יאָר. ער ליידט אַ שרעקלעכן הונגער.

די לעצטע צייט האָט גאַלאַכאָוו געבראַכט אַ מאַשין, אַזאַ גרויסע שטאָלענע שער צו שניידן טשוועקעס. פון אַן אַנדער צעך האָט מיר גאַלאַכאָוו צוגעשיקט אַ יונגן געזונטן אונטערוועלטניק צו העלפן מיר. איך האָב אים אַנידערגעשטעלט צו דער שניידמאַשין צו שניידן טשוועקעס. קיין טשוועקעס זענען דאָ נישטאָ, האָט מען געבראַכט אַ וואָגן מיט אייזערנע פאַסן פון פאַרשידענע לענגען און ברייטן און איך האָב אָפּגעקליבן אַ טייל פאַר טשוועקעס. דער אַלטער מיטן בערדל האָלט די אייזערנע פאַסן, ס'זאָל אויסקומען מיט אַ שפּיץ פון איין זייט און דער יונגער שניידט. די נאָרמע האָב איך געדאַרפט פאַרשרייבן יעדן, און לויט דעם האָט יעדער באַקומען זיין ברויט. איך האָב יעדן געשריבן, צו האָבן ס'גרעסטע שטיק, וואָס מען גיט דאָ. האָבן אויסגעפּעלט טשוועקעס לויט דער וואָג צו דער נאָרמע, האָב איך זיי געהייסן אויסגלייכן די אָנגעשניטענע נעגל, און צוגעשריבן צו דער נאָרמע.

איין מאָל דערציילט מיר דער אַדוואָקאַט, וואָלינסקי האָט ער געהייסן, אַז ער האָט אין באַנק דאָ אַ היפּשע פאַר הונדערט רובל. ער וואָלט זיך געקענט צוקויפן ברויט, צו שטילן זיין הונגער, כאָטש זינט ער איז מיט אונדז דאָ, איז אים פיל לייכטער. ס'איז אָבער ניט גענוג. איך האָב דאָס דערציילט מיינעם אַ באַקאַנטן, וואָס האָט געאַרבעט אין באַנק, האָט ער געהייסן אָנשרייבן אַ „זאַיאַווליעניע" צום נאַטשאַלניק און בעטן אַרויסגעבן אים פון זיין קאָנטע אַ ביסל געלט יעדן חודש, און ער וועט שוין שמועסן מיטן באַנק־דירעקטאָר. איך האָב אַזוי געטאָן און וואָלינסקי האָט אָפּגעטראָגן די „זאַיאַווקע" אין באַנק.

דעם אַנדערן טאָג באַגעגנט מיך דער סעקרעטאַר פון באַנק מיט אַ געלעכטער. די „זאַיאַווקע", וואָס וואָלינסקי האָט אָנגעשריבן צום באַטשאַלניק, האָט יענער קוים פאַרשטאַנען, און אים אַריינגערופן עס איבערצוליייענען, און דערנאָך האָבן אַלע געלאַכט. ער האָט געשריבן „צום בירגער נאַטשאַלניק פון באַנק: (אַלץ פאַרשטייט זיך אין רוסיש) אז מעניאַ באָליִע צרות (ס׳וואָרט „צרות" מיט רוסישע אותיות) איך שטאַרב ממש פון הונגער. בין 72 יאָר אַלט, און בעט מיר אַרויסגעבן אַ ביסל געלט הודשלעך, איך זאָל קענען מיר צוקויפן צום עסן".

— וואָס הייסט דאָס „צרות"? — האָט דער נאַטשאַלניק געפרעגט דעם סעקרעטאַר. און אַז ער האָט עס אים אויסגעטייטשט, האָט ער זיך שטאַרק צעלאַכט און באַפוילן יעדן חודש אויסצאָלן אים אַ געוויסן סכום געלט, גענוג אויף צו קויפן זיך ניט צו זיין שטאַרק הונגעריק.

יאַנעק האָט באַקומען אַזעלכע אויסגעפּרעסענע פּיסקעס, אַז ער האָט אויסגעזען ווי געשוואָלן. די אַנדערע זענען אויך ניט אַזוי שטאַרק הונגעריק געווען. אין איין טאָג מאַך איך אַזוי פיל זאַוויעסעס מיט שלעסלעך, אַפּצוגעבן פאַר דער „באַרמע", אַז ס׳איז גענוג אויף אַ גאַנצער וואָך, און איך קען זיך אַ ביסל מער אויסרוען און מאַכן עפּעס פאַר מיינעטוועגן, צו פאַרדינען אַ פּאָר רובל.

אַ קרבן ביי 75 יאָר

אַן עטאָפּ געקומען. נייע קרבנות, ווי זיי זאָגן דאָ. די לאַגערן זענען אַ לאַנגער רייער. ווייניק דערלעבן אַרויסצוקריכן, שטופּט מען שוין פון אונטן טויזנטער און טויזנטער אַגדערע... איינער דאָ איז אַן אַלטיטשקער, אפשר איבער זיבעציק. ער זעט אויס אַ ייד. כדאי צו וויסן פאַר וואָס מען פאַרשיקט אַזאַ אַלטיטשקן אַהער. איך פּרווו אַ שמועס טאָן מיט אים, ער האָט אָבער מורא צו רעדן.

— האָט ניט מורא פאַר מיר... איך בין ניט קיין היגער... איך בין אַ פּוילישער און האָף אין גיכן שוין צו באַפרייען זיך און פאָרן צוריק קיין פּוילן... איך וועל אין היגן „גן־עדן" ניט בלייבן...

ס'איז פון אומצוטרוי אויף זיין פּנים צעגייט אַ ביסל. ער נעמט דערציילן און קוקט זיך אַלץ אַרום אין פּחד.

— 25 יאָר... פאַר גנבענען מלוכיש פאַרמעגן, וואָס איך האָב אַפילו קיין מאָל ניט געזען און קיין מאָל ניט פאַרזוכט... דורכן „אָטדיעל קאַדראָוו" בין איך געשיקט געוואָרן איינפירן אַ ביסל אָרדענונג אינעם גרויסן זאַוואָד, וואָס האָט געמאַכט פּראָדוקציע און סוף יאָר אַלץ געבליבן מיט היזק. איך האָב גענוג געליטן, ביז ס'איז מיר געלונגען נאָכצוגיין און באַגרענעצן אַלערליי גניבות, פונעם העכסטן ביזן נידעריקסטן. איך האָב זיך געהיט עמעצן אַריינצופּאַקן אין תּפיסה. האָב איינצלווייז גערופן זיי און אויף אַלץ אָנגעוויזן און געבעטן זיי אויפהערן מיט די זאַכן, ווייל אַז ס'וועט האַלטן ביים באַשולדיקן מיך, וועל איך זיין געצוווּנגען צו דערציילן.

ס'האָבן זיך אָפּגעשטעלט די גרויסע גניבות. פיל מאָל האָט מיך געדראָט צו פאַלן אַ טויטער ערגעץ אין אַ פינצטערן ווינקל. אַלע יאָרן האָב איך זיך געסטאַרעט גוט צו לעבן מיט אַלע, און דערביי אָפּהיטן מיין לעבן, און די רו פון מיין משפּחה. 25 יאָר האָט געדויערט, איך האָב געמיינט, אַז די שרעק

איז שוין אַוועק און זיך געפּרייט צו לעבן מיט אַלע, ווי אַ גלייכער מיט גלייכע. כ׳האָב אָפּט געמוזט אַוועקקוקן, אָפּהיטן מיין פּעל און אָפּט, ניט דערלאָזן, מיט אַ דראָענדיקן אָנגעשריי. אַזוי 25 יאָר... געהיט זיך, זיי זאָלן מיך ניט כאַפּן ביים קאָפּ, וואָס איך האָב די גאַנצע צייט פּאַרויסגעפילט מיט שרעק.

דער זאַוואָד האָט זיך גוט אַנטוויקלט, געמאַכט נאָרמעס מיט ניט שלעכטער פּראָדוקציע, געהאַט אַ גוטן בודזשעט שוין היפּשע יאָרן. די אַרבעטער זענען דערפון ניט פעטער געוואָרן. מ׳האָט זיי צוגעוואָרפן קליי־ניקייטן. די פּאַרטיי־לייט האָבן מיר געקלאַפּט איבער דער פּלייצע, וויסנדיק וויפל מי ס׳האָט מיך געקאָסט איינצושטעלן אַ ביסל אָרדענונג. אין לעצטן יאָר האָט די פּאַרוואַלטונג פון זאַוואָד באַשלאָסן צו מאַכן אַ „גוליאַנקע״ צוליבן גוטן יערלעכן בודזשעט.

מען האָט מיר געבראַכט אַ צעטל אויף אַלערליי פּראָדוקטן פאַר דער הוליאַנקע. איך בין אַוועק צום נאַטשאַלניק, ער האָט אונטערגעשריבן דעם „נאַריאַד״, דערנאָך האָב איך אים אונטערגעשריבן און באַפוילן צרויסגעבן די פּראָדוקטן.

אַלע זענען געווען צופרידן מיטן שמחהלע פון זאַוואָד: מוזיק, טענץ, פריידיקע באַגריסונגען. וואָס דאַרף אַ מענטש מער? אָנגעגעסן זיך אַזוי פיל צרות ביז מען האָט געענדיקט מיט די דייטשן. געהאַט אַזוי פיל צרות איבערצוהאַלטן די צייט פון זייער שטורעמען מאָסקווע, ווען יעדער האָט געגעבן ס׳לעצטע וואָס מ׳האָט נאָר פאַרמאָגט. אין די נעכט בין איך געזעסן און געבראָכן זיך דעם קאָפּ, ווי אַזוי איבערצוהאַלטן און אָנהאַלטן די פּראָדוקציע מיט די נייע קאַדרען ווייבער, ווייל די ייִנגערע מענער האָט מען אַלע פאַרנומען אין פראָנט. אַן איינאייניציקן זון געהאַט, אַן אינזשעניר און אַ באַגאַבטער אָפיציר, (האָט מען אים אַוועקגענומען אין אַרמיי, און כ׳האָב אים שוין מער ניט געזען. אויך דאָס איבערגעהאַלטן... דערלעבט דעם סוף פון די דייטשן און זיך געפּרייט מיט די צוריקגעקומענע, אַלטע אַרבעטער פון זאַוואָד. טייל צעקאַליעטשעטע, האָט מען געמוזט העלפן, איבערשיקן אויף אַנדערע, פאַר זיי מעגלעכע פּראָדוקציע־צווייגן. ווידער האָט געקאָכט אין

זאַוואָד, ווידער פּלענער. „אודאַרני טרוד", „סטאַכאַנאָווסקיִע פּראָדוקציעס", קאָנטראָלערן און איבערקוקער, נאַטשאַלניקעס מיט פּאַרטיי־קנעפּלעך. און יעדער קריכט אין די געדערים, פאַר אַלע מוז מען מורא האָבן און צו זיי שמייכלען און זיך צוחנפענען. קען אָנטאָן צרות. דערביי פאַרגעסן זיי ניט אויסצונוצן זייערע בילעטן און קנעפּלעך פאַר אייגענעם נוצן. באַזונדערס לויפט זיי נאָך דער „נאַטשאַלניק זאַוואָדאַ". מאַרגן קען מען אים אויך איבערשיקן אויף אַן אַנדערן פּלאַץ. ער שטעלט זיך אומעטום פאַר מיט מיר און רימט מיך ביזן הימל. דערביי פאַרגעסט ער ניט צו טיילן מתנות, וואָס איך מוז אויסשניידן און אַריינפּאַסן אומעטום.

געקומען צוויי אַלטע אַרבעטער פון זאַוואָד צוריק פון פראָנט מיט אויס־צייכענונגען „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד" — דאַרף מען מאַכן אַ שמחהלע. מען שטעלט שוין צונויף צעטלען, וויפל מענטשן ס'וועלן זיין און וואָס מען וועט דאַרפן. דער נאַטשאַלניק שרייבט גלייך אונטער, קען איך זיך ניט אַנטקעגנ־שטעלן. מען גיט אַרויס פּראָדוקטן אויפן חשבון פון זאַוואָד. דער נאַטשאַלניק פּילט, אַז איך האָב מורא.

— וואָס איז? זיי לעבן צו גוט? זאָלן זיי כאָטש האָבן „וועטשערינקעס". דאָס מעג מען דאָך... — זאָגט מיר דער נאַטשאַלניק — ס'גייט דאָך אויפן חשבון פון זאַוואָד.

ער איז אַ „פאַרטיינע" שישקע, קען איך זיך ניט אַנטקעגנשטעלן. הוליאַנקעס? זאָל זיי אַזוי.

אין אַ וואָך אַרום, נאָך אַ צונויפקום אין זאַוואָדסקאָי מיטינג־לאָקאַל, קומט צו מיר דער „זאַמיעסטיטעל נאַטשאַלניקאַ" אַ צוריקגעקומענער פון פראָנט מיט אַ הינקענדיקן פוס און מיטן שטעקעלע אין האַנט, און זאָגט מיר:

— באַריס מאָיִסעיעוויטש, שוין צייט צו מאַכן עפּעס אַ פריילעכן אָוונט מיט אַ הוליאַנקע פאַרן זאַוואָד — און ער דערלאַנגט אַ צעטל אויף פאַר־שידענע פּראָדוקטן מיט משקהס צום אונטערשרייבן.

— איך קען אָן דעם נאַטשאַלניק ניט אונטערשרייבן — רוף איז זיך אָן — קודם גיי צו אים אונטערשרייבן און דערנאָך וועל איך אונטערשרייבן...

— דער נאַטשאַלניק איז נישטאָ — ענטפערט ער מיר — איך האָב

שוין גערעדט מיט אים. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז גרייט, און מיר דאַרפֿן עס טאָקע שוין האָבן. קענסט צוגיין צום טעלעפֿאָן, רוף אָפּ דעם נאַטשאַלניק, וועט ער עס דיר זאָגן...

איך האָב אַזוי געטאָן, איך וויל דאָך מיט אַלע גוט לעבן. כ׳האָב אָפּגערופֿן דעם נאַטשאַלניק און ער האָט מיר געהייסן אונטערשרייבן, זיי זאָלן שוין נעמען די פּראָדוקטן, ווייל ס׳איז ניט ווייט צו זונטיק, צו דער הוליאַנקע, ס׳מוז דאָך דויערן ס׳צוגרייטן. מאָרגן אין דער פֿרי וועט ער אין זאַוואָד אונטערשרייבן דעם „נאַריאַד" אויף די פּראָדוקטן.

איך האָב אונטערגעשריבן און זיי זענען גלייך אַוועק און אַרויסגענומען אַלץ לויט מיין אונטערשריפֿט. די זעלבע נאַכט איז געקומען אַ קאָנטראָל און געפֿונען אַ „ניעדאָסטאַטאָק" אין מאַגאַזין און מיין אונטערשריפֿט אויפֿן „נאַריאַד". איך האָב זיי געזאָגט, אַז דער נאַטשאַלניק האָט מיר געהייסן, דורכן טעלעפֿאָן, אונטערשרייבן און אַרויסגעבן. ער וועט אין דער פֿרי אונטערשרייבן דעם „נאַריאַד" אין זאַוואָד. זיי זענען מיט מיר אַוועק צום נאַטשאַלניק און ער האָט געזאָגט, אַז ער ווייסט פֿון גאָרניט; ער האָט מיט מיר ניט גערעדט און מיר ניט געהייסן אונטערשרייבן. איך האָב דערפֿילט, אַז ס׳איז געווען אַן אָנגעשטעלטע זאַך מיך אַריינצופֿליגן. ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט, און איך האָב גאָרניט געקענט באַווייזן. און אַזוי האָב איך באַקומען אַ „סראָק" פֿון 25 יאָר, פֿאַר גנבענען „גאָסודאַרסטוויענאַיע אימוּשטשעס־טוואָ" — מלוכיש פֿאַרמעגן. איצט מוזן זיי מאַכן מיך לעבן כאָטש הונדערט יאָר — איך בין 75 יאָר אַלט...

זיינע אויגן, אויסגעלאָשן־בלאַסע און גראָע, האָבן געקוקט אין דער אומענדלעכקייט, אין דער אייביקייט אַריין...

דערווייל האָט די שניידערישע „מאַסטערסקאַיאַ", אַן אַלט קליין הילצערן הייזל נאָך פֿון ניקאָלייקעס „פּאַסטראַיקעס", גענומען זיך לייגן אויף די קניִעס, ווי אַן אַלטער שיכור. נאַטשאַלסטווע האָט זיך אַרומגעזען אַז מען מוז שוין אויפֿשטעלן אַ נייע „פּאַרטניאַזשסקע" (אַ שניידעריי). דער לאַגער איז צו גרויס געוואָרן, קיין בייז־אויג זאָל זיי ניט פֿעלן, און ס׳איז

צייט אויפצובויען אַ נייע, גרעסערע שניידעריי. דערווייל וועט מען אַפּטיילן ביי גאַלאַכאָוון אַ ווינקל, ווו די שניידערס וועלן אַרבעטן ביז מען וועט אויפשטעלן די נייע „מאַסטערסקאַיאַ״. איז עס אויסגעפאַלן פּונקט אין אונדזער באַראַק, אַנטקעגן אונדזער שלאָסער־צעך. האָט מען איבערגעטיילט מיט אַ פּאָר ברעטער אין מיטן, ניט הויך, אַזוי, אַז מיר האָבן געקענט גאַנץ געמיטלעך זיך זען און שמועסן.

געווען דאָרט אַ פּאָר ווייבער, איינע נאָך אַ יונגע, אָבער אַ מיאוסע, מיט אַ געשטופּלט פּנים און אַ פּיסק, אַז אַלע האָבן פאַר איר מורא געהאַט. זי האָט געהאַט אַ בחור, וואָס האָט אויך ערגעץ געאַרבעט דאָ, אין דער זאָנע, זי פלעגט יעדע פרייע מינוט קוקן אין אַ שטיקל שפּיגעלע, וואָס זי האָט געהאַט אויסבאַהאַלטן. דערצו האָט זי געהאַט אַ באַהאַלטענעם אוצר, אַ שטיקל רויטן בוראַק, וואָס זי פלעגט האַלטן פאַרוויקלט אין אַ שמאַטקע, און אַלע מאָל, נאָכן אַריינקוקן אין שפּיגעלע, פלעגט זי אויפוויקלען ס׳שמאַטקעלע, און מיטן בוראַק אַריינרייבן די שטשאָקעס פון פּנים, און עס צוריק באַהאַלטן אין שמאַטקעלע.

אין „זאָנע״ איז געווען אַ מיל, וואָס האָט טאָג און נאַכט געמאָלן תבואה. אַרום מיל זיינען תמיד געשטאַנען וועכטערס, און זעלטן עמעצן אַריינגעלאָזט. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן דאָרט געהאַט באַקאַנטע, און פלעגן פון צייט צו צייט עפּעס פון דאָרט אַרויסבאַקומען. אָבער ס׳איז געווען אַ סכנה, ווייל ווען מען האָט געכאַפּט מיט געגנבעטע פּראָדוקטן, האָט מען אָפּגעוויגן. וויפל קילאָ ס׳איז געווען, אַזוי פיל יאָרן האָט מען געגעבן צום זיצן. אָבער ניט קוקנדיק דערויף האָט מען געגנבעט און איבערגעקליגט די שומרים.

צווישן אונדז און די שניידערס איז געווען אַ גרויסער ציגלנער אויוון, צו וואַרעמען אין די קאַלטע ווינטערטעג. אין אַלע צעכן אין זאָנע פלעגן קומען קאָמענדאַנטן און געזוכט אין די אויוונס, צי מען קאָכט ניט עפּעס. פּלוצעם באַווייזט זיך ביי אונדז אַ קאָמענדאַנט, נעמט זוכן אין אונדזער אויוון און שלעפּט אַרויס פון דאָרט צוויי גרויסע קעסלען מיט אָפּגעקאָכטן ווייץ, וואָס האָט געשמעקט — אַ פאַרגעניגן.

— וועמענס איז דער ווייץ אין די קעסלען? — פרעגט ער יעדן, אויף בײדע זייטן.

ווער איז משוגע זיך אנצורופן? אלע שווייגן. דער קאָמענדאַנט גייט אַריין צו גאַלאַכאָוון מיט די צוויי קעסלען קאַשע, און ווייזט אים, וואָס מען האָט געפונען אין זיין צעך. גאַלאַכאָוו קומט צו לויפן צו מיר, פרעגט מיך וועמענס די קעסלען ווייץ זיינען. איך ווייס פון גאָרניט. איך האָב טאַקע ניט געוווּסט.

איין קעסל קאַשע, דעם קלענערן, האָט ער איבערגעלאָזט ביי גאַלאַכאָוון, ער זאָל אויסגעפינען וועמענס ס'איז און דעם צווייטן, אַ גאַנצע וויאַדרע, שמעקנדיקן, פריש אָפּגעקאָכטן ווייץ, טראָגט ער מיט זיך אַוועק, אין דער קאָמענדאַנטורע אָדער צו זיך אַהיים. דערווייל איז ער צוגעקומען צו מיין ווינקל, געזען ווי איך מאַך פאַרשידענע זאַכן.

— איך האָב אַ גרויסע שיסל אין דער היים, רינט זי, קענסטו אויך מאַכן אַ דנאָ אין אַ שיסל? — פרעגט ער מיך.

— יאָ, פאַר וואָס ניט? איך מאַך אַלץ.

(— און אַ שליסל האָט זיך ביי מיר אָפּגעבראָכן פון דער טיר... קענסטו עס אפשר אויך מאַכן?

— יאָ... אַוודאי מאַך איך — ענטפער איך ווידער און דער ווייץ קיצלט די נאָזלעכער.

— איך וועל שוין מאָרגן זיי ברענגען צו דיר — זאָגט ער און קלייבט זיך אַוועקגיין מיטן קעסל ווייץ.

— אויב ווילסטו האָבן אַ דנאָ אין שיסל, מוזטו קודם האָבן אַזאַ שטיק בלעך. און אָן אַדערויף. דאַרפסט זיך ניט אַרומשלעפּן מיט אַ וויאַדרע ווייץ. שטעל אים בעסער אַנידער דאָ נעבן מיר... — ער האָט מיך גוט פאַרשטאַנען, אַ לאַכנדיקער אַוועקגעשטעלט די וויאַדרע מיט ווייצענער קאַשע אין מיין ווינקל און אַוועקגעגאַנגען.

געוווּסט האָב איך, אַז ס'איז די שניידערס קאַשע, אָבער זיי וועלן ניט וואַגן עפּעס צו זאָגן מיר, ווייל דער קאָמענדאַנט האָט עס מיר געגעבן, אַלע האָבן געזען און געהערט. און איך וועל דאַרפן אָפּאַרבעטן דערפאַר. איך

האָב צונויפגערופן מיין חברה פון צעך, יעדן געגעבן אַ גוטע פּאָרציע קאַשע, מיר אויך גענומען, און מיט מער ווי אַ האַלבער וויאַדרע קאַשע בין איך אַריבערגעגאַנגען צו די שניידערס, זיי עס געגעבן, און געהייסן זיי עס איינטיילן צווישן זיך. פון דעמאָלט אָן זענען מיר געוואָרן גוטע־פריינד.

גאַלאַכאָוו האָט געמאַכט פאַר זיך אַ ביוראָ מיט אַ וווינונג אין איינעם און געלעבט אין לאַגער גאַנץ באַקוועם, אָבער ער האָט עס זיכער פאַרדינט, זעענדיק וואָס ער האָט דאָ אויפגעבויט. אַריינקומענדיק דעם אַנדערן טאָג אין זיין ביוראָ עפּעס צו פרעגן אים, האָב איך אויף דער ערד געזען שטיין דעם קלענערן קעסל מיט ווייץ, וואָס דער קאָמענדאַנט האָט דאָ איבערגע־לאָזט. קיינער איז ניט געווען, און איך האָב ניט שטאַרק מורא געהאַט פאַר אים, ווייל איך האָב געוווּסט, אַז ער האַלט פון מיר. וואָס ער דאַרף, מאַך איך, און ער איז פון מיר צופרידן. געוווּסט האָב איך, אַז אים פעלט עס ניט אויס. האָב איך אַ נעם געטון די קאַשע, גלייך אַריין אין מיין צעך, און ווידער ווי נעכטן, איינגעטיילט מיינע לייט און ס׳רעשט אָפּגעטראָגן צו די שניידערס. זיי האָבן גאָרניט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט מיר פאַר דאַנקבאַרקייט. גאַלאַכאָוו האָט קיין מאָל ניט געפרעגט דערויף...

אין אַ שטיקל צייט אַרום, קומט צו מיר צו גיין אַ מענטשל מיט אַ שטרענגן פּנים און גיט מיר איבער אַ צעטל, געשריבן פון סאַמאַראָדגעם — דעם „פרייען" הויפּט־נאַטשאַלניק פון לאַגער, אַז מען מוז זען צו מאַכן און פאַרריכטן בעקעלעך אויף ברויט, פאַר דער בעקעריי.

— וואָס זשע גיסטו עס מיר? — איך האָב שוין דערקענט דעם פויגל און דערפילט, אַז ס׳שמעקט מיט ברויט.

— דער נאַטשאַלניק האָט מיך צו דיר געשיקט — זאָגט ער צו מיר.

— דער קען צו מיר ניט שיקן... איך האָב מיין נאַטשאַלניק, גאַלאַכאָוו, און גיי צו אים. אַז ער וועט מיר הייסן, וועל איך מאַכן!

ער איז אַוועק צו גאַלאַכאָוון. גאַלאַכאָוו האָט פאַר די אַלע „נאַטשאַל־ניקעס" קיין מורא ניט געהאַט. ער האָט שוין געהאַט זיין „פּלאַן" אויסצופילן

און קיינער האָט אים ניט געקענט באַפעלן איבערצורייסן די אַרבעט, סיידן מיט אַן אָפיציעלן באַפעל, און דער „פרייער" נאַטשאַלניק האָט אויך מורא געהאַט, ער וועט דאַרפן ענטפערן אין „פּאַרטיי־קאַבינעט" פאַר וואָס דער „פלאַן" איז ניט אויסגעפירט געוואָרן, און דעמאָלט מעג שוין גאַלאַכאָוו ניט אויספירן אַ סך פון פלאַן, האָבנדיק אויף וועמען אַלץ ארויפצולייגן.

— איך קען אים גאָרניט באַפעלן — האָט גאַלאַכאָוו געענטפערט דעם זאָוו פון דער בעקעריי — גיי צו אים, פאַרגלייך זיך מיט אים, אויף זיין צייט, ניט צו שאַדן מיין פלאַן. שמועס מיט אים...

ער איז ווידער אַוועק צום הויפּט־נאַטשאַלניק מיט אַן אָנקלאַגע קעגן גאַלאַכאָוון. דער נאַטשאַלניק האָט געשיקט רופן גאַלאַכאָוון, און ער האָט גלייך געענטפערט: „וועסט מיר געבן אַ שריפטלעכן באַפעל, וועל איך הייסן מאַכן בעקעלעך"...

דער נאַטשאַלניק האָט קיין באַפעל ניט געוואָלט געבן, גאַלאַכאָוון האָט שוין פאַרדראָסן דעם זאָווס קלאָגן זיך אויף אים. ער האָט געשיקט מיך רופן און מיר אַלץ דערציילט. איך האָב זיך שוין אָנגעשטויסן, אַז ער וועט מיר ניט שטערן, אָבער זיין נאָרמע זאָל אָפּגעהיט ווערן.

שפּעטער אַ טאָג קומט דער זאָוו פון דער בעקעריי ווידער צו מיר. איך גיב אים צו פאַרשטיין, אַז קיין פרייע אַרבעטער האָב איך ניט, און איך מוז קודם פאַרזאָרגן פאַר מיין נאַטשאַלניק די פולע נאָרמע. ער האָט גענומען ביסלעכוויַיז ווייכער ווערן.

— אפשר פאָרט קענסטו מאַכן פאַר מיר אַ ביסל?

— וועסט האָבן ברויט פאַר אונדז? — האָב איך שטיל אים אַ פרעג געטון, אַז קיינער זאָל ניט הערן.

— דו באַקומסט דאָך דיין „פּאַיאָק" פון נאַטשאַלניק...

— אַרבעט אַליין... מיר האָבן ניט קיין צייט, מיר מוזן אָנהאַלטן די נאָרמע.

די רציחה האָט געברענט אין אים, אָבער ער האָט גאָרניט געקענט טאָן. פון דעם פירעכטס ווייסט דער הויפּט־נאַטשאַלניק מיט אַלע נאַ־

טשאַלניקעס אין איינעם. באַצאָלסטו — מאַכט מען, אַז ניט — האָבן מיר ס׳געזעץ: „נאַרמאַ״... און אַלע וויסן וואָס דאָס איז „פּריפּיאַק״ אין ברויט, (ווייל אַלע גנבענען. ווערסטו גיסן נאָך אַ וויאַדרע וואַסער אין טייג... אומזיסט אַרבעט מען ניט...

— נו גוט — האָט ער צו לעצט זיך אונטערגעגעבן און שפּעטער אַריינגעשיקט עטלעכע צעבראָכענע בעקעלעך צום פאַרריכטן.

— יאַנעק, קלויב אָפּ אַ 20 בעקעלעך, „לייכטע״, מאַך זיי, און טראָג די אָפּ פאַרן אַהיימגיין.

פאַרן פרעס וואָלט ער טאַטע־מאַמע פאַרקויפט. און ער ווייסט שוין, אַז איך וויים וואָס צו טאָן. ער מעג זיך אויף מיר פאַרלאָזן. נאָך פאַרן אַהיימגיין האָב איך איבערגעגעבן יעדנס „נאָרמעס״ און יאַנעק איז שוין צוריקגעקומען מיט אַ גאַנצן לאָבן ברויט פון בעקעריי. אַ ליכטיקער טאָג היינט: דריי קעסלען זופּ און צוויי פּייקעס ברויט יעדן... ס׳ברויט פון בעקעריי, האָב איך צעשניטן גלייך און אַלע גלייך פאַרטיילט...

יאַנעק איז ווי אַ לידיק פאַס. ער קען אַריינגיסן אין בויך אַריין צוויי וויאַדרעס זופּ מיט אַ מאָל. אין דער היים איז ער געווען אין דער א. ק. און דערפאַר האָט מען אים אַרעסטירט. דאָרט איז עס געווען אַ מער ראָמאַנטישע העלדישקייט. איין מאָל איז געקומען יאַנעקס אַ נאָענטער חבר פון דער היים, הונגעריק ווי אַ וואָלף, און אַלע האָבן שוין געוווּסט, אַז יאַנעק איז גליקלעך מיט מיר. מען קוקט אים נאָר אָן, זעט מען אַז ער פאַסט ניט. יאַנעק איז געזעסן מיט אַ קעסל זופּ און געשלונגען בשעת דער חבר, אַן אויסגעמאָגערטער און הונגעריקער, האָט געשלונגען די סליונע, קוקנדיק מיט קנאה אויף יאַנעקן.

— גיב אַ ביסל דיין חבר, יאַנעק, האָב איך זיך אָנגערופן.

— ס׳איז שוין גאָרנישטאָ — ער האָט אויף גיך פאַרענדיקט אויס־טרינקען ביזן סוף די זופּ.

אויף צו מאָרגנס האָט יאַנעק ווידער געמאַכט 20 בעקעלעך, בשעת איך האָב געמאַכט זיין און מיין „נאָרמע״. קיין ברויט האָט מען אָבער היינט ניט געגעבן.

— נישטאָ מער קיין בעקעלעך — האָב איך אַ זאָג געטאָן צו יאַנעקן.
אויף צו מאָרגנס האָט מען פון דער בעקעריי ווידער געבראַכט צוויי זעק מיט בעקעלעך.

— נעמט זיי ביידע צוריק — האָב איך געזאָגט צו די ברענגערס — איך האָב דאָ ניט קיין „סקלאַדאָוואַניאַ", ניטאָ קיין פּלאַץ. מיר מוזן אונטעריאָגן די נאַרמעס — און זיי האָבן צוריקגעטראָגן די זעק מיט די בעקעלעך. (אין אַ פּאָר טאָג אַרום איז ער ווידער געקומען און געפּרוווט מיך שרעקן מיטן „נאַטשאַלניק".

— גיי ווו דו ווילסט, מיר האָבן קיין צייט ניט... מיר זענען שטאַרק פאַרנומען מיט אונדזערע אייגענע אַרבעטן, נאַרמאַ.

ער האָט מיך קוים איבערגעבעטן, און פון איצט אָן נאַרמאַל געצאָלט ברויט פאַר געבראַכטע בעקעלעך. אַ ביסל ווייניקער, יעדעס מאָל אַראָפּ־געריסן אַ ביסל, אָבער מען האָט אים אין דער ערד, מירן נעמען לייכטער אַרבעטן.

איין טאָג שטעט וואַלינסקי און קוקט ווי איך מאַך אַ „זייטיקן" שלאָס, וואָס איך וועל נעמען דערפאַר אַ „פּייקע" אָדער אַ פּאָר רובל, קומט ער צו שטילערהייט, און רוימט מיר איין אַ סוד:

— איך בין אַ שותף... אַ האַלבע פּייקע ברויט פאַר מיר... — ער ווינקט צו מיר וועגן שלאָס, וואָס איך האַלט אין דער אַרבעט.

איך מאַך זיך ניט וויסנדיק. אין אַ פּאָר טאָג אַרום שיקט גאַלאַכאָוו מיך רופן, און דערציילט מיר, אַז וואַלינסקי האָט אָנגעשריבן צום הויפּט־נאַטשאַלניק אַן אָנקלאַגע אויף מיר, אַז איך נוץ אויס דעם צעך און מאַטעריאַל פאַר מיין פּערזענלעכן נוצן צו מאַכן זייטיקע פאַרדינסטן...

אַלע „פרייע" און ניט־פרייע נאַטשאַלניקעס ווייסן, אַז יעדער טוט וואָס ער קען צוצופאַרדינען נאָך אַ שטיקל ברויט. אָפט גיבן זיי אויך פאַר אַ זייטיק שטיקל אַרבעט עפּעס „פּריוואַט" און זיי האָבן אַליין גיט ליב די אַלערליי צוטראָגערס. איך האָב אויפגעהערט צושרייבן וואַלינסקין נאַרמעס, נאָר טעגלעך געפאָדערט און פאַרשריבן זיין ריכטיקע נאָרמע.
וואַלינסקי האָט ווידער אָנגעשריבן אַ „זאַיאַווקע" צום סאַמאַראָדנעם

נאַטשאַלניק פון לאַגער. איך האָב אויפגעהערט מאַכן אַ זייטיק שטיקל אַרבעט, און געמאָלדן גאַלאַכאָוון, אַז ס׳איז ניט כדאי אים צו האַלטן, ווייל ביי 73 יאָר קען ער קיין נאָרמע ניט מאַכן. ער מעג זיצן אין זאָנע, ווייל איך וועל זיין נאָרמע מער ניט אונטערשרייבן. איצט מעג ער שוין שרייבן...

אין אַ שטיקל צייט אַרום איז גאַלאַכאָוו אַריינגעקומען אין צעך צו אונדז און פלוצעם געגומען „אַגיטירן״, ווי אין די „אַלטע גוטע יאָרן״, וועגן דער וויכטיקייט צו העלפן דער „ראָדינאַ״. מסתמא באַקומען אַ ניי „שטיקל אַרבעט״ פון נאַטשאַלסטווע, „אויסצוקויפן זיינע זינד״. איך קען שוין די אַלע איבלדיקע מעשיות און וויס פון וואַנען זיי קומען און מיט וואָס זיי „שמעקן״.

— מיר האָבן באַזיגט די דייטשע מערדער, איצט מוזן מיר העלפן אויסבויען אונדזער „ראָדינאַ״ שענער און מעכטיקער ווי זי איז געווען...

— און אַזוי ווייטער מיטן זעלבן נוסח פון די ביליקע קאַזיאָנגע בבא מעשיות פון דער אַלטער דרעשמאַשין. ער האָט זיך אַלץ מער מיטן בליק געווענדט צו מיר, ווי געמיינט, אַז איך דאַרף מער געבן, פּראָדוצירן, זיך מער אָנשטרענגען...

— ס׳איז ניט מיין ראָדינאַ — האָב איך אים שטיל אַ זאָג געטאָן. — פאַר וואָס האָבן זיי מיך אַרעסטירט און אויסגעזויגן מיינע בלוטן אָן אַ באַשולדיקונג, אָן אַ געריכט אפילו? זיי זיינען ניט מיינע פאַרזאָרגערס און איך בין ניט זייער בירגער!

אַ מאָסקוויטש

איין מאָל רופט מיך גאַלאַכאָוו אַריין צו זיך און שטעלט מיר פאָר אַ יונגן מיטלגעוויקסיקן מאַן.

— דאָס איז אונדזערער אַ מאָסקוויטש פון „סאַמאָליאָט־זאַוואָד", אונ־דזערס אַן אייגענער מענטש. פון היינט אָן ביסטו פאַר אים פאַראַנט־וואָרטלעך מיט אַלעמען. ער וועט איבערקוקן די אַרבעטן און געבן דעם „נאַריאַד" וואָס, ווי אַזוי און וויפל צו מאַכן... ביי אונדז זיינען ניטאָ קיין אומפאַרבייטלעכע אַרבעטער... ביי אונדז זיינען דאָ אונדזערע אייגענע הויך־קוואַליפיצירטע ספּעציאַליסטן, וואָס ווייסן און פאַרשטייען בעסער פון אַלע אויסלענדישע ספּעציאַליסטן. פון היינט אָן ביסטו פאַר אים פאַראַנטוואָרטלעך מיט אַלץ.

איך האָב געוווּסט, אַז אַנומלט האָב איך אים אָנגעטראָטן אויפן הינער־אויג. ער איז געקומען איין צעך און גענומען מיר און אַלע אַרום מיר פרעדיקן, אַלץ, ס'לעצטע מוז מען אָוועקגעבן דער „ראַדינאַ", און איך האָב אים געענטפערט, אַז איך בין דער „ראַדינאַ" גאָרניט שולדיק; די „ראַדינאַ" האָט מיך אומזיסט אַריינגעזעצט און ביי מיר צוגענומען די בעסטע יאָרן פון מיין לעבן.

אונדזער „פּאָסט־קעסטל"־נומער איז 247 פון „גולאַג" און מיינע פראָצענטער פון אַרבעט זענען געווען 247. איך בין געווען אויפן „רויטן־טאָוול", ווי אַ „שלאָגלער". נאָכן דורכשמועסן זיך מיט אים האָט ער פלוצעם מיך פאַרשריבן מיט 38% אויפן „שוואַרצן טאָוול". אויס אודאַרניק. סאָוויעטישע נאָרמעס: וויל ער, האָב איך היינט 247%, וויל ער ניט, האָב איך מאָרגן פאַר דער זעלבער אַרבעט 38%.

— וואָס איז מיט דיר פּלוצים געשען? — זענען אַלע געקומען צו לויפן שמייכלענדיק מיט באַהאַלטענער נקמה.

איך האָב נאָך גאָרניט געוווּסט. בין איך אַוועק און האָב זיך דערזען

אויפן שוואַרצן טאָוול. איך האָב זיך צעלאַכט און זיי האָבן געזען, אַז איך מאַך מיר דערפון גאָרניט.

דער „אייגענער" ספּעציאַליסט, דער מאָסקוויטש, וואָס איז געקומען מיט אַ גאַנצן יחוס־בריוו, איז אוודאי געווען בעסער פון מיר. ער האָט ניט געהאַט די פאַרשאָלטענע „סטאַטיאַ 58" פאַר קאָנטררעוואָלוציע. דאָס איז ס'ערגסטע אין רוסלאַנד. דער גרעסטער מיוחס איז איינער מיטן פּאַראַגראַף 162, אַ גנב איז דער בעסטער סאָוויעטישער בירגער. אָך און ווי איז צום „קאָנטריק" מיטן 58־ער. יעדער גנב און רויבער איז מער מיוחס. ער באַליידיקט דעם פּאָליטישן מיט די ערגסטע זלזולים און אָפט באַגלייט ער עס נאָך מיט אַ קנאַק איבערן קאָפּ...

איך האָב געזען אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָרן, וואָס זענען באַליידיקט און געשלאָגן געוואָרן פון אונטערוועלטניקעס און זיי האָבן מיט פּחד געזוכט זיך באַהאַלטן. אָט דער „מאָסקוויטש" איז געווען פון דער סאָוויעטישער „עליטע" — „ביטאָוויק", אָבער ניט קיין „קאָנטריק"...

— ווילסט זען ווי אַזוי מען מאַכט „ביי אונדז" אַ פּייל? קום, וועסטו זען ווי אונדזער „מאָסקוויטש" האָט געמאַכט אַ פּייל... דאָס איז אַ פּייל! — איך האָב אָנגעקוקט די פּייל און געהייסן מיין נאַטשאַלניק, ער זאָל געבן די „מאָסקוויטש"־פּייל צו די, וואָס זעגן די ברעטער אָנצושאַרפן אַ זעג...

— זיכער וועלן מיר זיי געבן... דאָס איז אַ פּייל!

מיינע פּיילן האָב איך דערווייל באַהאַלטן. געווען דאָרט אַ ווילער בחור, אַ „נאַצמען". ער איז געווען אַן אָנפירער ביי די ברעטער־זעגער. ער איז געקומען מיך בעטן, איך זאָל אים געבן אַ שטיקל פּייל, די זעגן אָנצושאַרפן. איך האָב אים „געליגן" אַ פּייל און אים אָנגעזאָגט, אַז נאָכן אָנשאַרפן זאָל ער מיר די פּייל צוריקברענגען. איך האָב געוווסט, אַז ער וועט גיין צו גאָלאָבאָוון נאָכן אָנשאַרפן די זעג, און אים ווייזן מיין פּייל, ווייל דעם „מאָסקוויטשס" פּיילן מוזן זיך „ליגן" נאָך די ערשטע פּאָר רייב מיט דער פּייל. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, איז גאָלאָבאָוו געקומען צו פליען אויף די שטאָלצן:

— ווי אַזוי מאַכסטו די פּילן? דעם „מאָסקוויטשס״ פּילן „לייגן זיך״ און דיינע ניט... ווי אַזוי מאַכסטו דיינע פּילן?

— איר האָט דאָך שוין אַן אייגענעם, אַ גרעסערן ספּעציאַליסט... וואָס דאַרפט איר מיינע פּילן?

מיינע פּראָצענטער זיינען גאָך אַלץ 38% אויפן שוואַרצן טאַוול און איך טו מיר מיינס. טעגלעך גיב איך אָפּ דעם „מאָסקוויטש״ די 3 אַ האַלבן פּאַר זאַוויסעס, און ס׳רעשט שפּאַציר איך מיר אַרום. גאַלאַכאַוו זעט מיך שפּאַצירנדיק. ער לויפט צום מאַגאַזינער און צום „מאָסקוויטש״ מיט אויפרעגונג:

— וואָס טוט ער אַ גאַנצן טאָג? ער גייט דאָך נאָר אַרום אין די צעכן...

— ער האָט שוין אָפּגעגעבן זיין „נאָרמע״ — ענטפערן זיי.

דעם אַנדערן טאָג כאַפּט ער מיך ווידער אין אַן אַנדער צעך צווישן ווייבער און מיידלעך. ער לויפט צום מאַגאַזינער, שרייט אויפן „מאָסק־וויטש״:

— ער גייט דאָך אַרום צווישן די ווייבער! ווען מאַכט ער די נאָרמע?

— אָט האָט איר די נאָרמע, ער האָט זי מיר שוין אָפּגעגעבן — ווייזט אים דער מאַגאַזינער.

איך האָב געזען אַז ער גייט מיר נאָכזען ווען איך מאַך מיין נאָרמע. האָב איך אָנגעהויבן צעציען די אַרבעט, ס׳זאָל לענגער דויערן, און דערוויל געמאַכט מיינע אַרבעטן צו ביסלעך. איצט האָט ער זיך גענומען צום „מאָסקוויטש״:

— ער אַרבעט ניט און גיט אָפּ די נאָרמעס. וויפל איז די נאָרמע? — פרעגט ער דעם „מאָסקוויטש״. זיי נעמען אַרויס דאָס בוך פון נאָרמעס און געפינען: 3 אַ האַלב פּאַר שאַנירן אַ טאָג...

— וואָס? האָט ער זיך צעשריגן אויפן „מאָסקוויטש״ — אים גיסטו אַ נאָרמע צו מאַכן? ער גיט אַ קלאַפּ מיטן העמערל, פּאַלט אַרויס אַ זאַוויסע... פון היינט אָן איז די נאָרמע 25 פּאַר זאַוויסעס אַ טאָג.

אַז איך האָב געזעען דאָס בוך אין „סעלכאָז“־צעך, ווייסט ער דאָך ניט. דער מאַגאַזינער, וואָס איז זייער אַ קליינער פריינד די היגע „וועלט־פאַרזאָרגער“ און האָט הנאה פון מיין פאַסיוון ווידערשטאַנד, רופט מיך אַריין. ער דאַרף זיך סיי ווי אין גיכן באַפרייען און איך האָב מיט אים גוט געלעבט. ער דערציילט מיר ווי גאָלאָכאָוו האָט זיך געקריגט מיטן „מאָסקוויטש“ און געשריגן:

— אים גיסטו צו מאַכן אַ גאָרמע? ער גיט אַ קלאַפּ מיטן האַמער, פאַלט אַרויס אַ זאַוויסע — ער האָט הנאָהדיק געלאַכט — ער האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז קוים וועסטו ביז אַ פּאָר טאָג דיך „ניט בעסערן“, „וועט ער מער די „פּראָיזוואָדסטוויענגע“ ניט זען“ — האָט ער געשריגן.

אין דודינקאַ, ווו איך בין געוואָרן „אַ שניידער“, האָב איך מיך אונטערגעקוקט ווי מען מאַכט פון גענוצטע שמאַטעס היטלעך און מען פאַרקויפט פאַר אַ שטיקל ברויט. איך האָב גייענדיק נאָך שמאַטעס צום לאַטען אָנטועכץ געפונען אַ גוטע שמאַטע און זי באַהאַלטן. אין גיכן האָב איך גענומען מאַכן היטלעך, ווי די גרויסע שניידערס און צופאַרדינען אַ שטיקל ברויט.

דאָס בלייבן אין דער זאָנע, מיט וואָס גאָלאָכאָוו האָט מיך געסטראַשעט, איז ניט קיין פריילעכע זאַך, און פאַרביסן איז ער. דער אייגענער, דער „מאָסקוויטש“ ווייזט ניט קיין נסים און אלץ גייט מיט דער פוטער אַראָפּ. איך מאַך מיר גאָרניט פון זיינע סטראַשונקעס, ווייל אויף „אָבשטשיע“, ד.ה. אויף אַלגעמיינע אַרבעטן אין פעלד אַריין, ווו מען זויגט אויס ס׳לעצטע ביסל בלוט פון מענטש, קען מען מיך שוין ניט שיקן. איצט בין איך, ווי די אינוואַלידן, וואָס לאַכן שוין פון זיי. ווערט מען מיך איבערלאָזן אין זאָנע, קען איך שוין אויסהאַלטן, אָבער פאָרט ניט אַזוי פריילעך.

פלוצעם קומט אַריין אין באַראַק וואָראָביאָוו, דער זאַוו פון דער שניידעריי, און פרעגט, אפשר איז פאַראַן עמעצער וואָס קען נייען היטלעך, וועט ער נעמען צו זיך אַרבעטן. אויף צו מאָרגנס האָט מיר דער מאַגאַזינער דערציילט ביים אַהיימגיין, אַז גאָלאָכאָוו האָט געהייסן מיך ניט מיטנעמען

אין זיין בריגאַדע צו דער אַרבעט: „זאָל ער אַ ביסל זיצן אין זאַגע מיט די דאָכאָדיאַגעס!“

וואָראָביאָוו, דער זאַוו פון שניידעריי, האָט זיך מיט מיר דערפרייט. און ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וויל גיין צו אים נייען היטלעך, האָט ער מיך גלייך פאַרשריבן. אין דער פרי בין איך מיט זיין בריגאַדע אַרויס אַרבעטן ווי אַ היטל־מאַכער, און גאַלאַכאַוּוס בריגאַדע האָט עס געזען.

אין אָוונט בין איך געגאַנגען אין מיין אַלטער בריגאַדע אָפּנעמען מיין נעכטיקע „פּייקע“. האָבן זיי מיר דערציילט, אַז ביים אַריינקומען אין צעך, האָט שוין גאַלאַכאָוו געוואַרט אויף זיי, און אַ פריילעכער זיך אָנגערופן מיט נקמה:

— אָט אַזוי... זאָל ער אַ ביסל זיצן אין דער זאַגע!

— ער איז שוין אַרויס אַרבעטן מיט אַן אַנדערער בריגאַדע! — האָט עמעצער געזאָגט. גאַלאַכאָוו איז געוואָרן בלאַס:

— מיט וועמען? — האָט ער אין איילעניש געפרעגט און איז מיט זיינע שטאָלצן אָוועקגעפלויגן... מסתמא צו נאַטשאַלסטווע...

וואָראָביאָווס בריגאַדירשע האָט מיר געגעבן אַ שטיק שמאַטע, אַ צענ־טימעטער בענדל און אַ זאַג געטאָן:

— מאַך אַן 38־ער היטל...

איך האָב גענומען שניידן און נייען און האָב איר געבראַכט אַ פאַרטיק היטל, לויט איר מאָס. זי האָט עס אַרומגעדרייט, געמאָסטן, איבערגעקוקט און עס אַריינגעטראָגן צו וואָראָביאָוון. באַלד איז ער אַריינגעקומען מיט אַלערליי אַלטע שמאַטעס, געזאָגט, אַז די אַרבעט איז גוט, און... דאַוואַי ראַבאָטאַט — נעם זיך צו דער אַרבעט.

איך האָב דערווייל אָפּגענומען גרוסן פון גאַלאַכאָווס „רעזידענץ“. דער „מאָסקוויטש“ פון עראָפּלאַנען־זאַוואָד, פון וועלכן ער האָט געהאַט געמאַכט אַ גאַנצן צימעס, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ שלימזל. זיינע פיילן טויגן אויף כפּרות, זיינע זאַוויסעס און שלעסער — דאָס זעלבע. די סטאָליאַרעס זענען געווען אומצופרידן. ביי מיין אָוועקגיין האָב איך איבערגעלאָזט אין

מײַן שאַפּקעלע אין צעך אַ פּאָר קלײניקײטן, האָב איך געבעטן יאַנעקן ער זאָל מיר זײ ברענגען. יאַנעק האָט אױפֿגעבראָכן מײַן שאַפּקעלע, אַלץ אַרױסגענומען, און אױסגעמיטן זיך צו טרעפֿן זיך מיט מיר. שױן נישט ס'ערשטע מאָל באַצאָלט מען מיר מיט שטײנער פֿאַר מײַן העלפֿן.

יעדע אַרבעט דאַרף װערן געטאָן מיט אַ ביסל געפֿיל און גוטן װילן. באַקומסטו ליב די זאַך װאָס דו מאַכסט, װעסטו פֿילן יעדן ניט ריכטיקן קלאַפּ, יעדע ניט גענוג פֿאַרמאַכטע שפּאַרע. גאָט האָט באַשאַפֿן אַלערלײ מעטאַלן און אַלץ, אין װאָס מענטשן נױטיקן זיך. די מענטשן מוזן אױסגעפֿינען װי אַזױ צו נוצן די ברכה פֿון דער ערד.

מאַכנדיק עפּעס, באַמי איך זיך אױסצוגעפֿינען די טבע פֿון יעדער זאַך און מאַטעריאַל, צו פֿאַרשענערן און פֿאַרבעסערן עס. איך בין טאַקע אַ פֿאַרשלאָסענער, אומגליקלעכער שקלאַף, אָבער דאָס שלעסל, אָדער די זאַװיסע, װאָס קומט אַרױס פֿון מײַן האַנט, איז דער באַשאַף פֿון מײַן אינטעליגענץ און פֿעיִקײט אױסצובעסערן. איך בין אַ שותּף צו דעם באַשאַף.

בײַ יאַנעקן אָבער איז אַלץ אַ צװעק צו נאָך אַ שטיק ברױט, צו נאָך אַ טאָפּ באַלאַנדע. זאָל די זאַך גײן אין דר'ערד אַרײַן, דער עיקר — גיכער אַרײַנשטופּן אין מאָגן אַרײַן נאָך אַ שטיק ברױט, גיכער, טאַקע װי אַן אמתער „סטאַכאַנאָװיעץ" — אַ סך, הױפֿנס, מיליאָנען, אָן אַ טעם, אָן קװאַליטעט און אָן געפֿיל. אַבי ציפֿערן זאָלן זײַן הױכע אױף די גרױסע, רױטע טאָװלען, װאָס שרײַען אַראָפּ מיט ריזיקע בילדער און אותיות: „פּאָ אודאַרנאָמו", פּאָ סטאַכאַנאָװסקי"...

איצט גײט בײַ גאָלאָכאָװן אַזאַ אַרבעט. איך װײס אָבער, אַז גאָלאָכאָװ פֿאַרשטײט עס גוט. ער פֿילט. ער האָט אױף זיך אַ געזונטן קאָפּ. דערצו אַרבעטן בײַ אים אַ פּאָר עסטאָניער און לאַטישן, געװעזענע אינטעליגענץ, װאָס האָבן אַ געפֿיל פֿאַר שענערס און בעסערס. זײ װעלן ניט אײן מאָל שאָקלען מיט די קעפּ, אומצופֿרידן פֿון יאַנעקס אַרבעט...

אַװדאי האָב איך בײַ גאָלאָכאָװן געהאַט בעסער און געקענט צופּאַר-

דינען אַ פּאָר זייטיקע רובל און עסנוואַרג. איך האָב זיך שוין אָבער אויסגעלערנט באַהערשן מיין הונגער און איינטיילן מיין פּייקע „ראַציאָנעל", אַז צו יעדן מאָלצייט האָב איך אַ שטיקל ברויט. פיל זיינען מיך מקנא מיט מיין קענען באַהערשן זיך. אָפּט פּלעגן די טראַנסילוואַניער בחורים אין נאָרילסק פּרווון מיר נאָכטאָן און איבערלאָזן פון דער געכטיקער „פּייקע" אַ שטיקל ברויט צום פרישטיק, פאַרן גיין צו דער אַרבעט. זיי פלעגן זיך אָבער אַראָפּכאַפּן ביי נאַכט און שלינגען ס'איבערגעלאָזטע שטיקל ברויט...

— איך קען ניט איינשלאָפן, איך האָב קאַפּווייטיק, ווען איך ווייס, אַז איך האָב אַ שטיקל ברויט צוקאָפּנס — פלעגן זאָגן משה און חיים גאָלדשטיין, און די איבעריקע האָבן צוגעטאָקעוועט.

איין מאָל האָבן צוויי בחורים דאָרט, אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז „לאָמיר פּרווון": איין טאָג וועסטו עסן ביידע פּאָרציעס, און איך וועל פאַסטן דעם טאָג — סיי ווי ווייסן מיר ניט ווען ס'איז יום־כיפור — און דעם אַנדערן טאָג וועל איך עסן ביידע „נאָרמעס" און דו וועסט פאַסטן... כאָטש איין מאָל זיך אָנעסן אין אַזוי פיל יאָרן... זיי האָבן עס געפּרווט. דער הונגערנדיקער פלעגט אָפּנעמען צוויי פּאָרציעס, מיט אַ ריזיקן אַפּעטיט זיך וואַרפן אויף זיי, אָבער נאָר איין מאָל האָבן זיי עס געטאָן.

— ס'צאָלט זיך ניט אויס — האָבן זיי געזאָגט — ווייל אפילו מיט דריי אָדער פיר פּאָרציעס בלייבט מען אויך הונגעריק, ווי אַ וואָלף...

איך געדענק גוט די פאַרחלשטקייט פונעם פאַסטנדיקן, וואָס האָט געמוזט גיין צו דער אַרבעט, האָפן אויפן מאָרגנדיקן טאָג מיט צוויי מאָל־צייטן, און די אַנטוישונג פון בלייבן פונקט אַזוי הונגעריק נאָך די צוויי פּאָרציעס.

אין ווינקל פון „מאַסטערסקאַיאַ" שטייט אַ גרויסע ניימאַשין — אַ טויט שטיק אייזן. ווען ס'איז דאָ צו פיל שניידעריי־אַרבעט, בושלאָטן מיט הויזנס, הייסט וואָראָביאָוו אָדער די בריגאַדירשע אַוועקלייגן די היטלעך, און העלפן פאַרריכטן די שמאַטעס. איך האָב שוין געפרעגט וואָראָביאָוון וועגן דער טויטער מאַשין אין ווינקל.

— זי טויג אויף כפרות. קיין נאָדלען איז ניט צו באַקומען, און זי איז אין דער ערד, זי וויל ניט אַרבעטן. מ׳האָט שוין אַלץ געפּרוווט. זי טויג ניט. זאָל זי דאָרט שטיין אין דר׳ערד...

וואָראָביאָוו דאַרף זיך שוין אויך אין גיכן באַפרייען. דער גאַנצער וואָרשטאַט מיט אַלעמען אין איינעם מעגן פאַרברענט ווערן. ער וועט זיך זיכער באַפרייען, ער האָט דאָך אַ „ביטאָוואַיאַ סטאַטיאַ״, ניט חלילה אַ פּאָליטישע...

אין איינעם אַ טאָג קומט מען פון „אורטש״ און מען רופט וואָראָביאָוון צום נאַטשאַלניק. אין אַנדערע צייטן איז עס אַ קלייניקייט, אָבער איצט שטייט ער פאַר באַפרייונג און יעדע קלייניקייט קען קאַליע מאַכן. איז מען אויפגערעגט פון יעדן „רופן צום נאַטשאַלניק״: ווער ווייס, וואָס פאַר אַ נייעס? וואָראָביאָוו איז בלאַס געוואָרן און אַוועק צום נאַטשאַלניק.

דערווייל איז אין דער שניידעריי מיר געוואָרן אַ ביסל געמיטלעכער. איך האָב זיך נענטער באַקענט מיט די אַנדערע אַרבעטער, צווישן זיי היפּשע אינטעליגענטן; שול־לערערינס, וואָס שטייען אויף אַ געוויס הויכער מדרגה, אָבער דערמיט איז זייער טראַגעדיע נאָך גרעסער. ס׳לאַגער־לעבן איז שוין ביי זיי איינגעגעסן אין דיביינער. דאָס גאַנצע לעבנס־פּראָבלעם איז אַן איבעריקער ביסן ברויט... מיר קענען שמועסן וועגן פאַרשידענע פּראָבלעמען, אָבער אַ שטיק ברויט אָדער אַ לעפל באַלאַנדע רייסט זיי אַוועק פון דער טעמע...

די גאַנצע גרופּע אַרבעטנדיקע איז מיר נענטער געוואָרן און איך האָב זיך מיט זיי גוט איינגעלעבט. איך בין שוין צופרידן געוואָרן מיט מיין גורל און מיט די מענטשן אַרום.

אַ שעה אָדער צוויי אין גאַנצן ווי וואָראָביאָוו איז אַוועק צום נאַ־טשאַלניק, קומט צו גיין ווידער דער זעלבער שליח פון „אורטש״ און רופט מיך צום נאַטשאַלניק.

איך קום אַריין צום נאַטשאַלניק, זיצט ער ביי זיין טיש. אויף איין זייט זיצט וואָראָביאָוו און אין דער אַנדערער — גאַלאַכאָוו.

ביים נאַטשאַלניק

— דו וועסט איצט גיין צוריק צו גאַלאַכאַוון אַרבעטן — גיט דער נאַטשאַלניק אַ זאָג צו מיר.

— ניין, בירגער נאַטשאַלניק — האָב איך זיך אָנגערופן. — ער האָט מיך איבערגעלאָזט אין זאָנע, געמאַכט מיר 38% פון מיין אַרבעט... איך וועל מער צו אים אַרבעטן ניט גיין!

דער נאַטשאַלניק האָט אַ קוק געטאָן אויף גאַלאַכאַוון און ער האָט געשוויגן מיט אַ שולדיקן בליק.

— גאַלאַכאַוו מוז דיך האָבן צוריק — האָט דער נאַטשאַלניק זיך אָנגערופן.

— נאַטשאַלניק, איך מוז אים אויך האָבן — האָט זיך וואָראָביאָוו אָנגערופן — דו ווייסט ווי לאַנג איך האָב געזוכט אַ היטל־מאַכער, און קוים אים געטראָפן. ס'רוקט אָן די צייט, באַלד דאַרף מען איבערטון אַלע בריגאַ־דעס, און איך האָב ניט קיין היטלער...

— און איך האָב ניט, ווער ס'זאָל מאַכן שלעסער צום מעבל, און די אַנדערע זאַכן — רופט זיך אָן גאַלאַכאַוו.

— האָסט דאָך געזאָגט „או נאַס ניעזאַמיענימיך ניעט”, (ביי אונדז זיינען ניטאָ קיין אומפאַרטרעטבאַרע) — האָב איך זיך אָנגערופן צו גאַלאַכאַוון.

דער נאַטשאַלניק האָט אַ מינוט נאָכגעקלערט און ווידער זיך אָפּגערופן צו מיר:

— דו מוזסט גיין צו גאַלאַכאַוון. ער דאַרף דיך נויטיקער האָבן.

— וועל איך בעסער בלייבן אין דער זאָנע און ניט גיין אַרבעטן — האָב איך זיך אַנטשלאָסן אָנגערופן, וויסנדיק, אַז איצט האָב איך שוין אויך אַ שטי־קל דעה, ווייל זיי טאָרן מיך, צוליב מיין קראַנקייט, אויף אַרבעט אין פעלד אַריין ניט שיקן. ווידער האָט ער אַ מינוט אַ קלער געטאָן און זיך אָנגערופן:

— גיי צוריק צו דיין אַרבעט...

איך בין צוריק אַוועק צו וואָראָביאָוון אין שניידעריי, און באַלד איז וואָראָביאָוו מיט אַ צופרידענעם שמייכל צוריקגעקומען און מיר דערציילט, ווי זיי האָבן איבער מיר זיך אַרומגעריסן. גאַלאַכאָוו האָט אַ גרעסערן איינפלוס, ער האָט אַ סך אַ גרעסערע „פּראַזוואָדסטוואָ״ מיט הונדערט מאָל מער אַרבעטער, ער גיט דער זאָנע אַ גרויסן ריוח אין יערלעכן בודזשעט. דער נאַטשאַלניק וואָלט זיכער מיך געגעבן צוריק צו גאַלאַכאָוון, אָבער מיין זאָג, אַז איך וועל בעסער זיצן אין זאָנע האָט דעצידירט מיין בלייבן דאָ.

ס׳האָט אָבער שוין לאַנג ניט געדויערט, איז געקומען אַ „נאַריאַד־טשיק״ — אַ נידעריק יידל פון וויזשניץ מיטן נאָמען איוואַניר — און מיך צורויסגערופן צום נאַטשאַלניק אויף „ראַזקאָנוואָיקו״ ד״ה אַרבעטן אין אַ נאָענ־טער קאָלאָניע פון אונדזער לאַגער, שוין אָן אַ באַגלייטער, ווו איך מעג זיך פריי באַוועגן אַ 25 קילאָמעטער אַרום, אָבער צו גיין ערגעץ מוז איך האָבן אַ צעטל פון נאַטשאַלניק, אַז מען האָט מיך געשיקט מיט אַ „נאַריאַד״ ד״ה מיט אַ באַפעל. איך האָב זיך גאָרניט דערפרייט דערמיט, ווייל איך האָב אָפּגענומען גרוסן, אַז דאָרט כאַפּט מען נאָך אַ גרעסערן שוויץ. איך האָב ניט געוואָלט גיין, אָבער דער „נאַריאַדטשיק״ האָט באַפוילן וואָראָביאָוון מיך אַרויסשיקן פון וואַרשטאַט.

כדאי נאָך אַ ביסל אָפּצושטעלן זיך געאָגראַפיש אויף אונדזער לאַגער מיטן נאָמען אַנטיבעס. פון וואַנען זיי האָבן גענומען דעם נאָמען, ווייס איך ניט. דערנאָך האָב איך געהערט, אַז אין פראַנקרייך געפינט זיך אונטער דעם נאָמען אַ ריוויערע ווו מען פאָרט אויף זומער־וווינונג. אונדזער „זומער־וווינונג״ איז אפשר מיט זיין נאַטור ענלעך צום פראַנצויזישן אַנטיבעס, אָבער זיכער ניט מיט זיין מענטשלעכן געבוי. אַנטיבעס איז אַ קליינער טייל פון אָפּגעטיילטן נאָוואָסיבירסק, וואָס האָט באַקומען אַלס „אָבלאַסטנאַי גאָראָד״ קעמעראָווא. אונדזער אַנטיבעס איז אַן איגדזעל פון טרערן, פון מענשלעכער דערני־דערונג און שקלאַפעריי.

„ראַזקאָנוואָירן"

דריי פערטל פון אורטייל שוין איבערגעקומען. זיי זשע מער פאַרזיכטיק, ווייל ביי זיי פעלן ניט קיין געזעצן צוצוגעבן נאָך. דיין לעבן איז אין זייערע הענט, און די צוויי הונדערט, צי וויפל איצט מיליאָנען מענטשן זיינען אין די הענט פון אַלמעכטיקן סטאַלין מיט זיין באַנדע.

סיביר... דאָס פאַר אַזוי פיל מענטשן שרעקלעכע סיביר איז גאָרניט אַזוי שרעקלעך און וואָלט אפילו געווען אַ ברכה אין גערעכטע הענט, אויב סיביר וואָלט ניט געווען צום באַשטראָפן און אָפּשרעקן. יעדעס ווינקעלע אויף דער ערד פאַרמאָגט זיין שיינקייט, ווען די מענטשן וואָלטן עס ניט פאַרמיאוסט.

סיביר איז אַן אוצר פון פעטער, פרוכטבאַרער ערד, וואָס קען באַשפּייזן ניט נאָר די סאָוויעטישע באַפעלקערונג פון סיביר, נאָר ביי פרייער פּראָדוק־טיווער און נוצפולער אַרבעט, וואָלט עס געקענט באַשפּייזן צו זעט גאַנץ רוסלאַנד און וואָלט גענוג געווען פאַר אַ ווילזיין פון מיליאָנען מענטשן.

איך פאָר אַרויס פון טויער פון דער אָפּגעשפּאַרטער זאָנע פאַר מיליאָנען שקלאַפן און זע אַ רחבות פון איין זייט האָריזאָנט ביז צום צווייטן. נישטאָ מיט מיר קיין „סטרעלאָק" מיטן ביקסל און מיט די ווילד־אויסגעהונגערטע הינט, וואָס זענען גרייט יעדע רגע צו וואַרפן זיך אויף דיר. אַ שליטן גליטשט זיך איבער ווייסן שניי און שלעפּט דיך אַוועק פון אונטער דער שטענדיקער וואַך. איך קוק זיך אַרום: דער לאַגער מיט די הויכע ברעטערנע ווענט און שטעכל־דראָט אַרום פון אינעווייניק פאַרשווינדט ביסלעכוויז פון די אויגן.

די אָפּגעשטאָרבענע האָפענונג, די צעבראָכענע און אויסגעהוילטע, האָט גענומען צוריק אַריינקוועלן מיט דער נאַטירלעכער שיינקייט פון פרייען רחבותדיקן אַרום. איך בין ווידער אַ שטויבעלע אינעם שיינעם אַרום. פון

ביידע זייטן פון מיין פאַרנדיקן שליטן — שטיקלעך שיטערע וועלדלעך, אַן רחמנות אויסגעשניטענע און צעהאַקטע, זיכער אויף אַנצווואַרעמען די פויערים, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט אויף גאַרניט רחמנות צו האָבן, נאָר לעבן פון שעה צו שעה, פון טאָג צו טאָג.

ערגעץ פון וועלדל לויפט אַרויס אַ פוקס. ער לויפט אונדז נאָך אַ שטיקל וועג און בלייבט אַרונטער, גראַבנדיק זיך מיט דער נאָז אין שניי. עפּעס דאָרט דערשמעקט, ווייזט אויס. פון ווייטן טראָגט זיך אַ רויך אין דער הויך: זיכער עפּעס אַ שטיבל דאָרט. און באַלד נעמט טאַקע זיך אויסשיילן פון צווישן שניי מיט אַ רויכעריקן קוימען אַן אַרעמע כאַטקע. מיר קומען נענטער. אַן אַלטער צעבראָכענער פלויט פון הילצערנע דרענגלעך, (ערטערווייז אָפּגעבראָכן, זיכער צום הייצן אין אויוון. דאָס איז עס, אַנטיבעס — דערקלערט מיר דער וואָס פירט מיך, אַ יונגער מענטש מיט אַ צעבראָכענעם פוס, אַ צונויפגעוואַקסענעם אין דער קני, ווייזט זיך אַרויס, מיין נייער „נאַטשאַלניק" (קענסט ניט פּטור ווערן זיי) פון היגן „ראַזקאָנוואָיני"־לאַגער, אַן אָפּטיילונג פון „אַנטיבעס", וואָס איז אַ גליד פון די קעמעראָווער לאַגערן, נים ווייט פון נאָוואָסיבירסק. שוין אַ שטיקל פענצטער אין דער וועלט אַריין — קלער איך מיר.

אַ גרויסער ליידיקער באַראַק. ווי אומעטום — פּריטשעס. גרויסע פענצטער, מיט ניט שטאַרק אָנגעפרוירענע בלומען, ניט שטאַרק גראָב, ווייל אינעווייניק איז אויך גענוג קאַלט. איין מענטש זע איך דער־ווייל — אַן אַלטיטשקער מיט אַ ביסל אַ קורצער „קאַרל מאַרקס באָרד". ער פילט זיך בכבודיק. ווייזט אויס, אַ מאָל עפּעס געווען...

אין אָוונט קומען מער, ווערט אַ ביסל וואַרעמער. דער היגער נאַ־טשאַלניק איז אַ דייטש, דיטקע הייסט ער, דווקא אַ פריינדלעכער יונג. ער שמייכלט צופרידן, ווען איך רעד מיט אים דייטש. ער פרעגט מיך אויס, וואָס איך קען אַרבעטן. זיי דאַרפן געזונטע חברה, און מען שיקט זיי קאַליקעס. פון מיר וועט ער אויך קיין גרויסן נוצן ניט האָבן, שמייכלט ער. דאָס זעט ער שוין. אָבער וואָס איז דיין בילדונג? — פרעגט ער מיך. איך ווייס שוין דעם סוד פון אַלע פרײַערדיקע לאַגערן.

— מאַלאַגראַמאַטני — ענטפער איך. ער קראַצט זיך און שמייכלט...

— גוט... איך גיכן באַפרייט זיך אונדזער „שאַרניק", וועסטו איי־בערנעמען זיין פלאַץ. — דאָס מיינט, דער וואָס פאַרריכט די געשירן און כאָמוטעס פאַר פערד. זאָל זיין אַזוי. אַ געשעפט האָב איך! די צייט גייט ביי דעם אויך... אַלץ נענטער ווי ווייטער... „שוין באַלד אין דער היים..." — דערמאָן איך מיך אַן פּרצס בעל־עגלה.

איך קוק ווי אַזוי דער שאַרניק, אַ „נאַצמען", פאַרריכט די געשירן. איך פאַרשטיי שוין און קען „תורה כולה אויף איין פוס" פון די אַלע קונצן...

איך זע אַ קליינע „זעמליאַנקע", ווו מען האַלט די געשירן. אָבער מען גנבעט פון אַלע זייטן — דערקלערט מיר דער זאַוו פון קאָניושניע און די בהמות, אויך עפּעס אַ שטיקל „נאַטשאַלניק". איך דערמאָן מיך ס׳אוקראַאינישע ווערטל: „ווסי פאַני, נעמאַ קאָמו סוויני פּאַסטי!" (לויטער „נאַטשאַלניקעס", ניטאָ וועמען די חזירים צו פּאַשען)...

איך האָב איבערגענומען די זעמליאַנקע. ס׳מיסט דערין איז שוין זיכער איין אין עלטער מיט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. נאָך אַ פּאָר יאָר וועט שוין קיין זעמליאַנקע ניט זיין. פון אונטערן מיסט אָפּער קוקט אַרויס ווי אַ ציגלנער באַרג. איך גראָב אַרום, געפין איך אַ ציגלנע קיך... אין אַ ווינקל געפין איך אַ גרויסן קויבער פון געפלאָכטענע פּריקעס, נאָר אַן אַ דנאָ. איך שטעך דורך אַ פּאָר נאַסע פּריקעס, פלעכט זיי אַרום, לייג אַריין אַ שטיק בלעך אינווייניק, און נעם זיך ביסלעכווייז אַרויסגראָבן און אַרויסשיטן ס׳מיסט, וואָס איך וואַרף פון דרויסן אַרום דער זעמליאַנקע. ניט קיין לייכטע אַרבעט ביי מיינע יאָרן סאָוויעטישע קעסט, אָבער ס׳איז אַן אַרבעט וואָס איך וויל מאַכן צום פאַרלייכטערן ס׳ביטערע לעבן. איך באַקום אַ שטריק, בינד צו צום אויער, שיט אַן ליים און מיסט, גיי אַרויף אויף די טרעפּ, און שלעפּ אַרויף דעם קויבער.

כ׳האָב שוין צוויי קויבערס. פיל אַן ביידע מיט אַ מאָל און שלעפּ אַרויס צוויי צום אויסשיטן. ס׳ווערט אַלץ ווייניקער אינעווייניק, גערוימטער. שוין אַרויסגעשיט און אָפּגערייניקט ביזן געלן ליים. מיט אַ בעזימל, וואָס כ׳האָב

געמאַכט פון אַנגעוואַקסענעם גראָז אַרום, האָב איך אָפּגעקערט די קיי־לעכדיקע געהילצן, אין אַ ווינקל האָב איך געפונען אַ באַזונדער אָפּגעטיילט ווינקל מיט אַ פּריטש צום שלאָפן.

פון ניט ווייט, פונעם באַרג פון ווייסן ליים, האָט מען געבראַכט ליים איבערצוקאַלעכן בײדע גרויסע באַראַקן, ווײַל אין דרויסן שמעקט מיט פרילינג, כאָטש ביי נאַכט פרירט מען נאָך גוט. איך האָב באַקומען אַ ביסל ווייס ליים, אויסגעווייסט מיין „שלאָף־ווינקל" מיט די ווענט אַרום. איך האָב אָפּגעגראָבן און געפונען אַ פענצטערל, דורך וואָגען איך האָב געזעען וואָס ס'טוט זיך אין גאַנצן לאַגער. ס'איז היימלעך געוואָרן און וואַרעמער. דיטקע, דער „באַטשאַלניק" מײנער, אַליין אַן אַרעסטאַנט, איז אַראָפּגעקומען אין זעמליאַנקע און געעפנט מויל און אויגן:

— ווי אַזוי האָסטו דאָס געמאַכט?

ביים טירל האָב איך אויפגעהאָנגען אַ רײנע שמאַטע, צונויפגענייט ווי אַ פאָרהאַנג. אינעווייניק איז געווען ווייס און ריין, און אויפן פּריטש — אַ שטרויזאַק, צוגעדעקט מיט אַ שטרויענעם קישעלע צוקאָפּנס. מיין טייערע מאַמע פלעגט זאָגן: „ניט קיין קונץ אין עשירות אַ ווירטשאַפט צו פירן, אַ קונץ איז אַלץ זאָל זיין שיין און ריין, מיט דעם וואָס מען האָט". מיין גאַנצן גייסט פון ניט אונטערגיין און אומעטום זיך אַן עצה געבן האָב איך טאַקע פון איר געירשנט.

אין די ווענט זיינען געווען אַריינגעקלאַפּט הילצערנע פלעקער, אויפ־צוהענגען די פערדישע געשירן, יעדעס געשיר איז געווען קאָמפּלעט, מיט אַלעמען דערצו, און האָט אומעטום געהאַט אויסגענייט און אויס־געקריצט נומערן. דאָס האָט ניט זייער געשמעקט אַן אַנדערן יונגן „באַטשאַלניק", אַן אונטערוועלטניק און אַ גנב, וואָס פלעגט פאָרן אין שטאָט אַריין, איינקויפן פאַרשידענע זאַכן, און דערווייל דאָרט פאַרקויפן אָנגעגנבעטע זאַכן אינעם לאַגער... ווען איך האָב אָנגעהויבן פאָדערן צוריק די זאַכן, וואָס ער האָט גענומען און ניט צוריקגעבראַכט, האָט ער אַרויסגעריסן אַ ציגל פון אויוון, און זיך פאַרמאָסטן מיר צו דערלאַנגען איבערן קאָפּ.

— הער מיך אויס — האָב איך געזאָגט — דו שריי ניט און וואַרף זיך ניט אויף מיר! איך וועל פאַר דיר ניט זיצן קיין נייעם „סראָק”. וועט אויספעלן, וועל איך פאַרשרייבן, און אַז מען וועט פון מיר פאָדערן חשבון, וועל איך זיי געבן דעם חשבון, אָבער פאַר דיר וועל איך ניט זיצן, סערגיי! — אַזוי האָט ער געהייסן.

די אַנדערע, וואָס זיינען געקומען צו גיין אויף זיינע געשרייען, האָבן אים פאַרשטענדלעך אָנגעקוקט. ער האָט זיך אַן אויפגערעגטער אָפּגעטראָגן און פון היינט אָן אַלץ צוריקגעבראַכט און זיך מער אויף מיר ניט געוואָרפן. וועגן קליינע גניבהלעך זיינע האָב איך מיך געמאַכט ניט וויסנדיק און ניט זעענדיק — און די צייט איז געלאָפן...

מיט דער צייט איז ער געוואָרן בעסער צו מיר, אָבער די רציחה פאַר ניט קענען גנבענען ביי מיר האָט געברענט אין אים. הינטער מיין וואַנט איז געווען אַ קעלער מיט קאַרטאָפל, וואָס ווערט יעדעס יאָר אָנגעשיט אויף צו פאַרזייען איבער אַ יאָר. דער זאַוו פון דעם אַלעמען פלעגט באַקומען פון אונדזער קאָניושניע (פערדשטאַל) יעדן טאָג אַ פערדל און נאָכן געשיר האָט ער געמוזט קומען צו מיר. ס'האָט זיך געעפנט אַ ניי ווינקל פון אַ זייטיקן צופאַרדינען אַן איבעריקע פאַר קאַרטאָפל אָדער אַ שטיקל ברויט. ער האָט מיך געבעטן אַ גוטן כאַמוט מיט גוטע שאָרעס און ס'גאַנצע קלאַפּער־געצייג, אַז ער זאָל ניט בלייבן אונטער־וועגס, מיטן פערד־און־וואָגן, און מיטן ברויט פאַר דער גאַנצער בריגאַדע, וואָס ער האָט געמוזט ברענגען יעדן טאָג פאַר אַלע. און בלייבן מיט דעם אַלעמען ביי נאַכט אונטערוועגס אין די קורצע סיבירער נעכט איז גאָרניט פריילעך. פלעגט ער פון צייט צו צייט מיר אַ גיב טאָן אַ קעסעלע קאַרטאָפל...

איין מאָל איז סערגיי געקומען פון שטאָט אַן אויסגעהונגערטער און מידער. דעמאָלט איז ער שוין געווען אַ שטיק „נאַטשאַלניק”. אַריינקומענ־דיק אין מיין זעמליאַנקע, האָט ער דערפילט וואַרעם געקעכץ, וואָס, האָט ער ניט געוווסט, אָבער פאַרדראָסן האָט עס אים. ער איז אַוועק און געטראָפן די דייטשקע ליזאַ, וואָס האָט ניט פאַרשטאַנען קיין רוסיש,

נאָר זיך אַלץ אָנגעשטויסן, האָט ער איר באַפוילן זי זאָל מאַכן ליים, אַריינגיין אין מיין זעמליאַנקע און פאַרמויערן די קיך. זי האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס ער וויל, האָט זי געמאַכט ליים, געקומען און אַרומגעשמירט גלאַטיק און געמאַכט מיין קיך, ווי ניי געבוירן. איך האָב פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט זי געשיקט, אָבער זיך ניט ווייסנדיק געמאַכט. ס׳לוינט זיך מיר בעסער אַזוי, ניט צו פאַרשטיין.

דעם אַנדערן טאָג איז ער געקומען נאָך די געשירן און דערזען דעם אויוון... איז ער שטיין געבליבן אַ פאַרחידושטער קוקן אויפן שיין געמאַכטן אויוון...

— אַ דאַנק דיר, סערגיי! — האָב איך זיך ניט ווייסנדיק געמאַכט — דער אויוון איז איצט טאַקע שענער — ער האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, און איך האָב אויף דעם ניט רעאַגירט. סערגיי האָט היינט ווידער עפעס „אָפּגעשטעקט" אין שטאָט און איך האָב זיך ניט ווייסנדיק געמאַכט.

דיטקע, דער נאַטשאַלניק, פלעגט גערן זיך אַריינכאַפּן אין מיין זעמליאַנקע און כאַפּן אַ שלאָף אין מיין „שלאָפצימער".

— ווייסט איר וואָס — האָט ער דערנאָך דערציילט אין באַראַק — ער האָט געמאַכט פון דער זעמליאַנקע אַ טייער ווינקל, כ׳וואָלט עס קיין מאָל ניט געגלייבט... און דאָרט אין זיין ווינקל קען איך זיך צום בעסטן אויסרוען.

איך האָב שוין איצט אויפן אָרט דריי נאַטשאַלניקעס, אַלע אַרעסטאַנטן, גלייך מיט מיר. דער קולטורעלסטער איז אָבער דיטקע, דער דייטש. איין מאָל ברענגט ער מיר אַ שטיינקויל, וואָס ער האָט געפונען, מיט גלאַנצנדיקע קרישטאָלן אינעווייניק, איך האָב דערקענט אַז דאָס זיינען גלאָז־קרישטאָלן, וואָס גיסן זיך אויס אונטערן דרוק פון היץ.

— פון וואַנען נעמען זיך דימענטן? — האָט ער מיך געפרעגט.

— דאָס געפינט מען צווישן שטיינקוילן, וואָס זיינען דורך יאָרטויזנטער געלעגן אונטער דער ערד אונטער אַ גרויסער היץ, און צוליב אַ פלוצעמדיקער שטאַרקער אָנקילונג, ווי דורך אַ דורכגעריסענעם וואַסערשטראָם, וואָס פאַרפלייצט דאָס אָרט, באַקומען די קוילן אַ שטאַרקן

דרוק פון די אויבערשטע שיכטן און ס'שאַפן זיך קרישטאָלן, דימענטן, וואָס זיינען האַרטער ווי מעטאַל. זיי ווערן גענוצט צום בויערן האַרטע שטיינער, ווען מען טרעפט אָן ביים גראָבן, למשל נאַפטקוואַלן. דער פראַנצויזישער וויסנשאַפטלער לאַוואַזיע האָט אפילו געשאַפן קינסטלעכע דימענטן, אויף דעם שטייגער, נאָך אין פאַריקן יאָרהונדערט...

— און פון וואַנען נעמען זיך שטיינקוילן אונטער דער ערד? — פרעגט ער ווידער.

— דאָס זיינען וועלדער, וואָס זיינען פאַר יאָרטויזנטער פאַרשיט געוואָרן טיף מיט ערד. האָט זיך געשאַפן אַ ברענונג אָן זויערשטאָף, זיינען די ביימער פאַרשטיינערט געוואָרן...

— פון וואַנען ווייסטו דאָס אַלץ? — פרעגט ער מיך.

— אין שול געלערנט — האָב איך גלייכגילטיק געענטפערט, ביט כאַפנדיק זיך צו וואָס ער צילט...

— דו האָסט דאָך אָבער געזאָגט, אַז דו ביסט „מאַלאַגראַמאָטנע”. ווי קומט דאָס צו דיר צו וויסן אַלץ?

איך האָב איצט שוין פאַרשטאַנען, אָבער צו שפעט...

אויף דער אַנדערער זייט פון מיין זעמליאַנקע איז פאַראַן אַ גרויסע שטאַל, פון איבער 100 קעפ בהמות און פערד. דער אויפזעער דאָרט איז טאַבאַקאַיעוו, אַ „באַצמען”. ער האָט זייער ליב די אַלע פערדלעך און יונגע לאָשיקלעך. אין אַ באַזונדערן ווינקל שטייט דאָ אַ בלינדער אָגער. ער איז אַ מאָל געווען אַ געיעג־פערד אין לענינגראַד און געוווּנען פיל רייסעס, ביז ער איז בלינד געוואָרן. איצט האַלט מען אים „נאַ ראָספלאָד”. זיין יחוס־בריוו ציט זיך אויף פון אַזאַ פאָטער. ער איז רייך אין ספערדם. מען ברענגט צו אים קאָבילעס פון אַלע קאָלאָניעס אַרום און מען פאַר־שרייבט יעדע קאָבילע, וואָס מען ברענגט צו אים, און אַזוי ציט זיך זיין רום ווייט און ברייט. פאַראַן אויך צוויי יונגע לאָשיקלעך, איז ממש אַ פרייד אַנצוקוקן ווען זיי צעיאָגן זיך, ווי קינדערלעך, וואָס ווייסן נאָך ניט, וואָס ס'טוט זיך אויף דער וועלט.

פאַר אַט די אַלע קעפּ קריגט מען יעדע וואָך אינעם אַנטיבעסער לאַגער די „גאַרמעס". די אַרבעטספערד מוז מען איצט אַ ביסל אונטער־פיטערן; באַלד הויבט זיך אָן די פעלדאַרבעט. אין גיכן וועלן קומען בריגאַדעס, יונגע מענער און פרויען.

פאַר די צוויי יונגע לאַשיקלעך גנבעט טאַבאַקאַיעוו אַראָפּ פון די גאַרמעס פון אַנדערע פערד. פערד, זאָגט טאַבאַקאַיעוו, זיינען ווי מענטשן, טייל לאָזן פון זיך אַראָפּשינדן די הויט, שווער אַרבעטנדיק, און כאַפּן אַ מאָל ביס אין דער זייט, ביז זיי בלייבן אָן כוח. מעגסט דעמאָלט האַקן און בראָקן, העלפט גאָרנישט, זיינען זיי נאָך יונג, לאָזט מען זיי אויסרוען אַ ביסל, מען גיט זיי אַ ביסל מער קאָרמע, און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום שניידט מען פון זיי ווייטער שטיקער. אפילו אַ פערד איז ניט גוט צו זיין אין לאַגער אָדער אין „קאָלכאָז". אַלע באַגנבענען עס פונעם ביסן. די פוילע פערד אָבער זיינען שוין אַזוי „אויסשטודירט", אַז מעגסט זיי האַקן און בראָקן מיט בייטשן און דרענגער — זיי וועלן זיך שפּאַנען זייער לאַנגזאַמען שפּאַן און זיך שלעפּן ווי מענטשן שלעפּן דעם „סראָק"... און די ניט שווער אַרבעטנדיקע זיינען געזונטער פון די, וואָס אַרבעטן — לאַכט ער — די אַרבעטנדיקע אָבער, אויב זיי ווערן עלטער, ציען זיי אויס די קאָפּיטעס, פּגרן אַוועק, און מען האַקט זיי אין טאָפּ אַריין...

איין מאָל קומט טאַבאַקאַיעוו אַריין צו מיר לאַכנדיק, רופט מיך גיין מיט אים זעען עפּעס שיינס. איך גיי מיט אים אין שטאַל אַריין, שטעלט ער מיך אַוועק אין אַ פערדישער אָפּטיילונג.

— שטיי און קוק עפּיס שיינס! — זאָגט ער מיר. ער גייט צו און עפנט דעם טויער פון שטאַל פון אונטן, ווו די צוויי יונגע לאַשיקלעך האָבן זיך געפּאַשעט, און רופט זיי אַריין, אַליין אַריינלויפנדיק פאַרויס אין זייערע אָפּטיילונגען און ער בייגט זיך אַראָפּ, ווי עפּעס טוענדיק דאָרט. די לאַשיקלעך קומען אַריין פריילעכע, ווי צוויי יונגע שטיפערס, און יעדעס גייט שוין צו זיין אָפּטיילונג. דאָרט ווו טאַבאַקאַיעוו איז געווען, האָט זיך ס'לאַשיקל אָפּגעשטעלט, פילנדיק און זעענדיק אין זיין אָפּטייל טאַבאַקאַיעוון, האָט עס אַ רגע אַ מרוקע געטאָן, ווי זאָגנדיק „גיי אַרויס פון מיין פּלאַץ!"

טאַבאַקאַיעוו האָט זיך אָבער ניט ווייסנדיק געמאַכט, איז עס צוגעגאַנגען נענטער, אַנגענומען טאַבאַקאַיעוון ביים קאָלנער פון בושלאַט, אים אַרויס־געטראָגן אַזוי אין מיטן שטאָל אַריין, אים אַנידערגעשטעלט און צוריק־געגאַנגען אין זייך, איצט פרייעם אַפטייל...

ווען איך זע עס ניט, וואָלט איך ניט געגלייבט. אַ חכמה פון אַ חיה... דערפאַר האָט אָבער טאַבאַקאַיעוו אין גיכן געווינט. אַ „נאַטשאַלניק" האָט דערזען איינס פון די לאַשיקלעך און אים באַפוילן, אויסלערנען עס גיין אין געשפאַן, און רייטן, ווייל ער דאַרף איצט אָנהויבן פאָרן איבער די פעלדער פון דער קאָלאָניע. „געענדיקט זיך די יוגנט פאַר אים" — האָט טאַבאַקאַיעוו טרויעריק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. — צוליב דעם האָב איך אַ „סראַק" באַקומען... איך האָב ניט געקענט ליידן אין קאָלכאָז, ווי די „נאַטשאַלסטווע" איז אַזוי האַרצלאָז. אָן אַ טראָפּן מענטשלעכקייט נאָגן זיי אויס גלייך צוויי־און פיר־פיסיקע. איך האָב ניט געוואָלט אויספירן אַ באַפעל פון מיין „נאַטשאַלניק", וואָס האָט געזויגן פון קאָלכאָז אָן רחמנות און אַלע האָבן מורא געהאַט פאַר אים. ער האָט עטלעכע פאַרשיקט, ביז ער האָט זיך דערקליבן צו מיר.

אַ שטיקל „נאַטשאַלניק" איבער דעם שטאָל איז קים, אַן אַפּשטאַמיקער פון קאָרעאַ. ער איז שוין דאָ געבוירן, געלערנט אין די שולן און אַסימילירט. זיין לשון איז רוסיש. אַ שטיקל אינטעליגענט, אַ ניט פאַרענדיקטער אַגראָנאָם. אַליין האָט ער אַ שלעכט פיסל, און מוז אומעטום פאָרן מיט אַ „קאָליאַסקע". ס׳פערדל קלויבט ער זיך אַליין אויס, ער איז דאָך דער „זאַוו" פון קאָניושניע. ער האָט ליב די שיינע און גוטע פערדלעך, און טאַבאַקאַיעוו לאָזט אים נעמען וועלכעס ער וויל, ווייל ער ווייסט, אַז קים האָט ליב די פערדלעך. ביידע גלעטן די פערדלעך מיט ליבע, קלאַפּן זיי איבער דער גריווע און די גלאַטיקע אונטנס. זיינס אַן עצה־געבער דאָ איז אַנציפעראָוו, עפּעס ניט קיין גאַנצער רוס, אַן אַלטיטשקער, אַ שטילער, ער שטאַמט פון זעלבן קרייז, וואָס דער שרייבער שאָלאָכאָוו. ער קען אים פערזענלעך, און ער קען די אַלע העלדן פון זיינע ביכער „שטילער דאָן" און „צעאַקערטע רויערד", די ביכער, ווו עס זענען באמת געווען לעבעדיקע טיפּן. ער האָט געקענט גריגאָרי

מעליעכאָוון מיט זיין געליבטער, די הויפּטהעלדן פון בוך... אַלע האַנדלונגען דאָרט זיינען איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, ניט אמתדיק, אַלץ, ווי מען האָט אים באַפוילן איבערצוענדערן — דערציילט ער מיר בסוד: „די אַקסיניע דאָרט איז טאַקע געווען אַ שיינע געזונטע סחורה, און די מעליעכאָווס סוף איז אויך ניט געווען קיין גוטער... אָבער בעסער שווייגן...“ — כאַפּט ער זיך מיט מורא.

קים, מיין „נאַטשאַלניק“, האָט דערווייל אין מיין שלאָפווינקל זיך צוגעשטעלט אַ „פּריטש“ און איך האָב שוין אַ שותּף צום שטילן ווינקל מיינעם. אין דער פרי גייט ער אַוועק איבער די פעלדער, באַוויזט זיך זעלטן אין מיטן טאָג, אין אָוונט קומט ער אַ הונגעריקער און מידער פון דער אַרבעט. אַ מאָל אין אַ יובל קומט עפּעס אַ קאָמענדאַנט, אין אָוונט, מיט די צעטעלעך פון די „לויזע שקלאַפן“, קוקט איבער צי אַלע זיינען דאָ. ער גייט אַ מאָל אַריין אין קיך עפּעס אַ קיי טאָן און גייט אַוועק. ביים טויער אונדזערן שטייט אַן איינגעפאַלענע „וואַכטע“ ווו די „סטרעלקעס“ זיצן אין די זומער־חדשים, ווען מען ברענגט קאָנוואָיִנע בריגאַדעס צו דער אַרבעט אַהער. זיצט דאָרט אַ וועכטער מיט אַ ביקסל, לאָזט אַריין און אַרויס, ווען ער מעג. איצט איז אַלץ צעבראָכן, איצט איז נאָך ווינטער. באַלד וועט מען שוין הייסן פאַרריכטן. אין דער זייט שטייט אַ קליין שטיבל. דאָרט זאַמלט מען מיסט און דער עיקר אַש, וואָס וועט דערנאָך צעפּירט ווערן איבער די פעלדער מיטן גאַנצן מיסט און אָנגעזאַמלטן אָפּפאַל פון די בהמות און פערד, צונויפגעמישט מיט פאַרפוילטן שמרוי, וואָס איז זייער אַ גוטע באַמיסטיקונג פאַר די פעלדער.

דיטקען מיט אַ פּאָר געזונטע יונגען האָט מען היינט אַוועקגעשיקט זוכן געהילץ אין די נאָענטע וועלדער, די צווייגן וועלן זיי ברענגען פאַר אונדזער קיך און די שטאַמען וועט מען אָפּשיקן אין אַנטיבעסער לאַגער, אין קיך און אין בעקעריי. נאָך אַלץ צו ווייניק מענטשן ביי אונדז. ביי נאַכט האָט מען געבראַכט לאַנגע קלעצער, קיילעכדיק צעשניטענע ביימער, אָבער אונדזער נאַטשאַלניק איז געקומען, און אַוועקגעשיקט דיטקען מיט די אַנדערע אויף אַנדערער אַרבעט. איצט דאַרף מען אָפּשיקן קיין אַנטיבעס די געהילצן אין

קיך און בעקעריי און אַ צוויי גרויסע שטיקער צו גאַלאַכאָוון אין „שיר־פּאַטרעב” צו מאַכן רעדער, אָבער ניטאָ ווער עס זאָל פאָרן.

— ווייסט וואָס, נאַטשאַלניק — רוף איך זיך אָן — הייס אָנלאָדן און צונויפבינדן די קלעצער, און איך וועל זיי אָפּפירן. — לאָמיר זען, קלער איך מיר, ווי ס׳זעט עפּעס אויס ביי גאַלאַכאָוון און ביי וואָראָביאָוון אין שניידעריי. נעכטן גראָד האָט מיר איינער פון אונדזערע בחורים געבראַכט אַ ביסל פּיש, וואָס ער האָט ערגעץ געכאַפּט, וועל איך עס מיטנעמען פאַר די שניידערס...

צו גאַסט אין „זאָנע"

אַריינפאָרנדיק אין „זאָנע" האָב איך קודם גוט באַהאַלטן צווישן די קלעצער די פּישלעך, זייגעוויקלט אין אַ שמאַטע. דער „בלינדער" מיט איין אייגל ביי דער וואַכטע זעט מער, ווי אַן אַנדערער מיט צוויי אויגן, ער וואָלט עס געקען צוגענומען. ביים אַריינפאָרן איז פאַראַן דער מעדיצינישער פּונקט. דאָרט אַרבעט אַן אַלטער דאָקטאָר מיט אַ בערדל, און אַ יונגע ווילע סאַניטאַרקע, און אַלע אין איינעם פרירן — אַ פּחד. האָב איך דאָרט אַראָפּגעוואָרפן זיי אַ קלעצל. זיי האָבן ניט געוווּסט ווי אַזוי צו דאַנקען מיר. דערנאָך האָב איך אַראָפּגעוואָרפן אין קיך אַ צוויי גרויסע קלעצער, און אין דרויסן זיינען שוין „עשטאַנען אויסגעטריקנטע „זעקאַס" אין לאַנגע, שמוציקע בושלאַטן, מיט זעגן אין די הענט, צופרידענע. היינט וועלן זיי שוין האָבן אַן איבעריקן טאָג באַלאַנדע. דערנאָך וואַרף איך אַריין אַ צוויי קלעצער אין בעקעריי, און מיט די לעצטע צוויי קלעצער בין איך אַריינגעפאָרן אין גאַלאַכאָווס רעזידענץ פון „שירפּאָטרעב". איך האָב געאָרניט דערקענט, אַזוי האָט ער דאָרט פונאַנדערגעבויט אין איבער אַ יאָר צייט. ביים אַריינפאָר שטייט אַ נייע „קלאַדאָוואַיאַ", אַ מאַגאַזין, מיט אַן אַלטן באַקאַנטן מיינעם אַ מאַגאַזינער. נייע גרויסע באַראַקן. ער האָט זיך געמאַכט אַן אייגענע „זאָנע", ווי מען קומט אַריין אין דער פרי און מ׳גייט פון דאַנען אַהיים: „מ׳זאָל זיך ניט שלייען איבער דער זאָנע".

אַ ביסל זיך אַרומגעקוקט און אַראָפּגעוואָרפן די קלעצער, קומט צו רייטן גאַלאַכאָוו אויף די שטאָלצן.

— וואָס איז דאָס ? — האָט ער אַ קוק געטאָן אויף די קלעצער... און מיך דערזען.

— איך שרייב ניט אונטער, ביז ער וועט ניט אַריבערטראָגן די קלעצער אויפן ריכטיקן פּלאַץ, און... פאַרמאַך ס׳טויער ! — האָט ער אַ רוף געטאָן צו אַן אַנדערן.

מיין פערדל איז געווען אַ ביסל אַ פאַרדרייטע קאָבילע, וואָס קוים האָט זי דערפילט, אַז מען זיצט שוין, איז זי אַנטלאָפן, ווי אַרויסגעשאָסן. איך האָב געטאָן אַ שפּרונג אַרויף אויפן וואָגן, אַ כאַפּ די ציגלען און ווי אַ ווינט איז מיין קאָבילע אַרויסגעפלויגן פון גאַלאַכאָווס טויער.

מיין „נאַטשאַלניק" איז צופרידן געווען, וואָס איך האָב זיך אונטער־גענומען אָפּצופירן די קלעצער. איך האָב אים דערציילט פון גאַלאַכאָווס האַנדלונג, און ער האָט אים, ביי אַ פאַרזאַמלונג פון נאַטשאַלניקעס, אָפּגע־שפּילט אַ סוף דערפאַר:

— ווער מיינסטו ביסטו, גאַלאַכאָוו? — האָט ער אויף אים געשריגן — דו האָסט ווייניק מענטשן דאָרט? פון אים ווילסטו, ער זאָל איבערטראָגן די קלעצער? איך בין גערן געווען צו קריגן אים אָפּצופירן די קלעצער, ווילסטו ער זאָל זיי דיר איבערטראָגן?!

כ'בין אַהיימגעקומען אַ הונגעריקער ווי אַ וואָלף, און שוין געטראָפן מיין קים, אויך אַ מידן, הונגעריקן און פאַרכמורעטן. ער איז אַרויס און צוריקגעקומען מיט אַ זעקעלע און וויאַדרע אין די הענט. ביי אַ פינצטערן ווינקל איז געשטאַנען אַ קליין הילצערן פּעסעלע. ער האָט אָפּגעשלעפּט ס'פּעסעלע, אַריינגעשיט פון זעקל געמאָלענעם האָבער, וואָס ער האָט געבראַכט פון „קאָניושניע", אַרויפגעגאָסן אַ וויאַדרע וואַסער, און צו מיר אַ זאָג געטאָן: „הייץ איין דעם אויוון"... דערווייל האָט ער מיט אַ שטעקן געמישט אין פּעסל. געמישט, ביז ס'וואַסער אין פּעסל איז געבליבן מיט לויטער קלייען פון אויבן, דערנאָך האָט ער מיט די הענט אָנגענומען פולע זשמעניעס פון פּעסל, און אויסגעקוועטשט עס אין אַ קעסל אַריין, צוגעשיט אַ ביסל זאַלץ און אַריינגערוקט דעם קעסל אין אויוון אַריין. אין אַ שעה אַרום האָב איך אַרויסגענומען דעם קעסל פון אויוון און ס'איז געווען אַ ברוינע גערדיכטע און געשמאַקע קאַשע. זינט איך בין אַוועק פון מיין מאַמעס היים האָב איך נאָך אַזאַ געשמאַקן ביסן ניט געגעסן.

איצט ווייס איך שוין צו וואָס ס'פּעסל טויג און ס'האָט פון היינט אָן זיך קיין מאָל ניט אויסגעלאָזט, ביז די זון האָט גענומען אַראָפּרייסן די פאַר־פרוירענע פלאַכטע פון דער פאַרשלאָפענער, פאַראייזיקטער ערד און ריטש־

קעלעך האָבן גענומען ריזלען איבער דער דערוואַכנדיקער, פּעטער, סיבירי־שער ערד און ס׳זיינען געקומען נייע „ראַזקאָנוואָיניקעס״ — צווישן זיי אַ פעלדשער יעפים.

יעפים איז געוואָרן דער אויפזעער איבער די בהמות און פערד. אויב טאַבאַקאָיעוו מיט קימען האָבן געהאָלפן עסן די פערדישע און בהמישע „נאָרמעס״, האָבן זיי אָבער געגעבן פון זיך די ליבשאַפט און מיטגעפיל צו די חיות, יעפים אָבער, מיט זיין גאַנצער „פעלדשעריי״, איז געווען אַ טרו־קענער אויסגעהונגערטער מענטש, און ווען ער קען, קוילעט ער גערן די בהמות און וואָלט זיי מיט אַפּעטיט אויפגעגעסן... ער האָט געוווסט וועגן די נאָרמעס, וואָס מען טיילט צו די פערד און בהמות און באַמערקט, אַז עפּעס זיינען זיי צו פיל אויסגעטריקנט... מיר זיינען שוין איצט פיר חברה, וואָס מעלקן ס׳פעסל מיטן האָבער און קענען זיך אפילו ניט פאַרענטפערן פאַר די לעבעדיקע חיות, כאָטש מיר פילן, אַז מיר טוען ניט גוט... אָבער צי זאָלן מיר הונגערן?

יעפים האָט שוין אַ שטיקל צייט באַמערקט, אַז עפּעס טוט זיך אין דער זיעמליאַנקע, אָבער וואָס, האָט ער ניט געוווסט. דערווייל קומען מיר זיך צונויף אין די אָוונטן, טאַבאַקאָיעוו, איך, סערגיי, וואָס איז געוואָרן אַ גוטער ברודער מיט מיר, און קים דער „נאַטשאַלניק״ פון קאָניושניע. אַ קעסל קאַשע טעגלעך איז געוואָרן אַ נאָרמאַלע זאַך. נאָכן אַרבעטסטאָג קומט מען אין זעמליאַנקע און מ׳שלינגט מיט לעפל פון קעסל אַרויס, סערגיי כאַפּט צוויי, ביז מיר נעמען איינעם...

יעפים האָט עפּיס דערשמעקט, און איינעם אַ טאָג, ווען איך האָלט אין אויסקוועטשן די האָבערנע וואַסער פון פעסל, הער איך עמעצער יאָגט די טרעפּ אַראָפּ צו מיר. איך האָב אויף גיך באַהאַלטן ס׳פעסל, אָבער אַ ביסל צו שפּעט, יעפים האָט דערזען, ווי כ׳האָב עס באַהאַלטן אין ווינקל אַריין.

— באַהאַלט ניט, באַהאַלט ניט — האָט ער געשריגן צו מיר — איך ווייס שוין... איך זע ווי די בהמות טריקענען אויס יעדן טאָג... איך האָב געוווסט אַז איר עסט אויף זייער קאָרמע. איצט גיי איך גלייך אין קאָמיזנ־

דאַנטור און וועל עס מעלדן... איך ווייס ווער איר זענט... — ער האָט גענומען צוריק אַרויסלויפן אַרויף די טרעפּ. איך האָב געוווּסט, אַז אים אַרן ניט די בהמות און פערד, נאָר ער וויל אויך...

— יעפים! האָב איך צו אים אַ געשריי געטאָן — קום אַהער, איך וויל דיר עפּיס זאָגן.

— וואָס ווילסטו? — האָט ער מיט אַ צופרידענעם פּנים זיך אומגעקערט צו מיר צוריק אין זעמליאַנקע. איך האָב געוווּסט, אַז קוים מעלדעט ער עס, קען איך באַקומען צוגעגעבן אַ פּאָר יאָר צום „סראָק".

— קום אַהער — האָב איך אים אַריינגערופן, פאַרמאַכט די טיר הינטער אים און מיט אַ קולאַק אים געגעבן אַ קנאַק איבער דער צורה, אַז די יוכע האָט אים גלייך באַגאָסן... ער האָט געהאַט אַ שערל אין האַנט מיט וועלכן ער האָט אַרומגעשוירן אַ וווּנד ביי אַ פערד אין שטאַל, און דערמיט מיר געגעבן אַ קנאַק אין קאָפּ אַריין. ס'בלוט האָט גענומען ריגען ביי מיר און ער האָט זיך אויך דערשראָקן. איך האָב דערוויל זיך ניט אָפּגעשטעלט און מיט די קולאַקעס אים געהאַקט איבערן פּרצוף. ער האָט גענומען שרייען, און ס'איז געקומען צו לויפן סערגיי, מיין שותף צום קעסל קאַשע.

— וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט סערגיי אָנגעכאַפּט און געהאַלטן יעפימען, בשעת איך האָב אים געקנאַקט, ווו איך האָב נאָר געפונען אַ ווינקל ביי אים.

— נו געבוג — האָט סערגיי מיט אַ שמייכל מיך אָפּגעשטעלט — וואָס איז דאָ? — איך האָב אים דערציילט וואָס ער האָט געוואָלט טאָן, אַז מיר וואָלטן זיך אַלע געהאַט צו באַלעקן... סערגיי האָט זיך צעלאַכט, צו אים אַ זאָג געטאָן:

— שעמסט דיך ניט? איך פאַרשטיי, ביסט אויך הונגעריק. קומט מען צו און מען זאָגט: חברה, נעמט מיך אויך אַריין... אָבער גיין מסרן? איך האָב מיר דערוויל אָפּגעווישט ס'בלוט, זיך אָפּגעוואַשן און בין אַוועק צום דאָקטאָר, וואָס האָט מיר יאָדינירט די וווּנד, און... יעפים איז געוואָרן אַ שותף צו די סעודות און אַ גוטער חבר.

פרילינג

דערווייל האָט זיך אָנגעהויבן די פעלדאַרבעט. מען האָט געבראַכט בריגאַדעס מיט ווייבער און שיינע יונגע מיידלעך. סערגיי איז אַ גאַנצער איינגייער ביי זיי. אַליין איז ער נאָך אַ יונגער בחור — און דאָס וואָרט „מאָראַל" איז דאָ אַ גאַנצער חוזק. אייבע, אַ יונג שיין מיידל, איז געוואָרן זיין שטענדיקע. שפּעטער אַ פּאָר חדשים האָט זי זיך אַליין אָפּגעטריבן און מען האָט זי אָפּגעפּירט אין שפּיטאָל אַריין. צוריקגעקומען איז זי נאָך שענער און געוואָרן די אַגראָנאָמקע אין אונדזער קאָלאָניע. זי איז עס געווען פון דער היים. אין אַ פּאָר יאָר אַרום וועט זי צוריקקומען און זיין אַ שיינע יונגע צנועה נאָכן דורכגיין ביי אַ טוץ לאַגער־מענער און זי וועט מיטברענגען מיט זיך אויף דער פריי אַ מאָראַליש פאַרמעגן פאַר דורות צו דערציען און פאַרטיילן...

דערווייל אַקערט מען טאָג און נאַכט אויף די אַרומיקע פעלדער. אויף צו מאָרגנס כמעט גרינען זיי און באַדעקן זיך מיט אַנגעגאָסענע געזונטע קערנער. ס'שאָקלען זיך גאַנצע פעלדער מיט אַלערליי תבואות: ווייץ, קאָרן, גערשטן, האָבער — גאַנצע פעלדער מיט פאַרזייעטע קליינע שטענגלעך, הענגענדיקע, מיט קליינע פּאַסאָלקעלעך... מען גראָבט שוין גריבער אויף „סילאָס", ווו מען שיט אַריין גאַנצע פעלדער מיט אַלערליי גרעטעטענישן, אויף ווינטערדיקן „קאָרם" פאַר די בהמות און פערד... ערגעץ ניט ווייט איז דאָ אַ „סוויניאַרניק" מיט חזירים, און די באַדינערס דאָרט זיינען ס'מערסטע ווייבער, אין די טויזנטער זיינען דאָ אַרום די בהמות, כאָטש איך האָב נאָך דאָ קיין ביסל מילך ניט געטרונקען און ניט געזען. די ווייבער דאָרט זיינען אָנגעפרעסן און געזונט, זיי פגרן פאַר אַ מאַן. גייט אַרום אַ לידל:

כאַראָשאָ טאָמו זשיוויאָטסאַ,
קטאָ ס׳מאָלאָטשניצאָי זשיוויאָט.
מאָלאָטשקאָ אָן זאַפּיוואַיעט,
אַ ס׳מאָלאָטשניצאָי זשיוויאָט.

— — — —

ס׳לעבט זיך גוט דעם,
וואָס לעבט מיט אַ מילכווייב.
טרינקט ער מילך זיך געגוג
און לעבט זיך מיטן מילכווייב.

מען מען געבראַכט אַהער פון צווייטן „לאַג־פּונקט״ ווייבער, וואָס האָבן זיך גלייך גענומען אַרומקוקן נאָך מענער. מיין שותף קים האָט זיך שוין געבראַכט איינע אַ געזונטע מויד, מיט אַ בלינד קרום־קוקנדיקן אייגל, אָבער אַ מויד מיט אַלע ווייבערישע רייצן. קומט זי צו אים אויף ביי נאַכט שלאָפן. איך דריי זיך אויס צו דער וואַנט און מאַך זיך שלאָפנדיק. טאַבאַקאַיעוו שלאָפט דאָרט ערגעץ אין שטאַל. אָפּיציעל טאָר מען דאָ אין איינעם ניט שלאָפן, די קאָמענדאַנטן גייען ביי נאַכט אין די ווייבערישע באַראַקן איבער־ציילן צי אַלע זיינען דאָ. אָבער ווי נאָר ער גייט אַרויס, צעפליען זיך די אַלע, וואָס האָבן געפונען אַ בחור.

איין מאָל ביי נאַכט איז טאַבאַקאַיעוו געקומען צו לויפן וועקן קימען, וואָס איז געשלאָפן מיט זיין מאַרוסיאַן. נאַטשאַלניק גאַנזשענקאָ איז געקומען אים זוכן, און ער האָט געוווסט, אַז מאַרוסיאַ שלאָפט דאָ, קענען ביידע באַקומען אַ שטראָף. די נאַטשאַלסטווע ווייסט, אַז ניט אַלע פּאַסטן דאָ, אָבער אָפּט דאַרפן זיי צום „זאַקלוטשאָני״ נאַטשאַלניק: אַ פּורל שטרוי ביי נאַכט פּאַר זיין בהמהלע, אַ זאַק קאַרטאָפל צי עפּעס אַנדערש — קוקן זיי אויך ניט אַזוי שטאַרק אינעם לאַגערנעם „שולחן־ערוך״ און מאַכן זיך ניט וויסנדיק.

קים האָט זיך אויפגעהויבן און אַרויסגעלאָפן צום נאַטשאַלניק און מאַרוסיאַ האָט „דערווייל״ גענומען קריכן צו מיר... זי האָט אָבער באַלד

דערהערט עמעצן אויף די טרעפּ גיין, איז זי צוריקגעלאָפן, און איך האָב געכראָפּעט אין טיפן שלאָף. ווער דאַרף האָבן נאָך צרות?...

ס׳אַרבעטן קאָמביינען אויף די פעלדער פון אונדזער קאָלאָניע. אַ שפע פון אַלעם גוטן. איין פעלד מיט תבואה ציט זיך קילאָמעטערווייז. דער קאָמביין גייט אַוועק אין וועג און קומט אין אַ שעה אַרום צוריק פון אַרומקרייז. ווו ער שניידט, דרעשט אויס די תבואה, שיט אָן אין זעק, פאַרבינדט דאָס אויס־געדראָשענע שטרוי אין בינטן, און שפּייט אַרויס פון איין זייט זעק תבואה, און פון דער אַנדערער — די געבונדענע פּעק שטרוי.

— נו, קאָק טאָם? — קומט צו מיר איין מאָל צו דיטקע מיט אַ שמייכל — „מאַלאַגראַמאָטני?" אפשר נעמסטו איבער אַ קאָמביין? נישטאָ ווער ס׳זאָל נאָכגיין און פאַרשרייבן די זעק תבואה, וואָס ווערן אָנגעשיט אין די וועגן אַריין...

איין טאָג האָבן זיי מיך פאַרגעטן אין פעלד אָפּצונעמען. איך האָב זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַן אָפּגעלאָזטן פערדל, האַלטנדיק עס ביי דער גריווע, און אַן אַ זאָטל בין איך אַזוי, קוים מיט מיינע קישקעס אין בויך, אַהיימגע־קומען ביי נאַכט. אָבער ווייטער האָב איך ניט געוואָלט מער גיין.

ס׳רוקט אונטער דער סיבירער ווינטער, וואָס פאַרלירט אין מיטן דעם האַרבסט און העלפט פון גערעטעניש בלייבט אויף די פעלדער, ניט צונויפ־גענומען. ווער קען עס נאָך מער אַרבעטן? צו „פאַדיאָם" וועקט מען זייגער דריי פאַר טאָג און שלאָפן לאָזט מען אָפּ זייגער צוועלף ביי נאַכט... און אַז גאָט העלפט, ס׳נעמט גיסן אַ רעגן, קומט מען צו לויפן און מען וועקט אויף העלפן ראַטעווען די תבואה אין פעלד, וואָס דער רעגן טראָגט אַוועק. און באַלד איז שוין דריי אַ זייגער, דאַרף מען דאָך סיי ווי גיין צו דער אַרבעט — עסן וועט מען שוין ברענגען אַהער אין פעלד אַריין.

אַלע פעלדער אַרום אונדזער קאָלאָניע זיינען צעטיילט אין נומערן: 10 נומערן, צוויי פּעסלעך זופּ, געגנוג פאַר צוויי בריגאַדעס. איצט איז זומער־לעב. תבואה לייגט מען אָן קופּעסווייז אין אָנגעצייכנטע פּלעצער גלייך אויף דער ערד... געבענטשטער סיביר! די ליידיקע פּעסלעך, צוריקצוועגנס,

שיט מען אָן מיט אַרבעס, ווייץ, האָבער — בגניבה, אַז נאַטשאַלסטווע זאָל ניט דערזען, און מאָרגן זיינען די זופּן געדיכטע, געשמאַקע. נאַטשאַלסטווע מאַכט זיך ניט וויסנדיק און שלינגען אויך מיט הנאה.

5 וועגעלעך אויף 10 בריגאַדעס אַרויסצופירן עסן. די פעלדער זיינען ווייט. איין מאָל קומט צו לויפן דיטקע: „מוזסט היינט העלפן! נישטאָ ווער ס׳זאָל ברענגען ס׳עסן פאַר צוויי בריגאַדעס״...

זיי האָבן מיר איינגעשפּאַנט אַ משוגן פערדל, אַריינגעשטעלט פיר פּעסער זופּ — און פאָר! מיין פערדל מאַכט קונצן, און איך בין דאָך יענער „בעל־עגלה״! אַז איך דאַרף איינשפּאַנען אַ פערדל און אַרונטערבייגן זיך נאָכן בויך־פּאַס, דאַכט זיך מיר, אַז ס׳פערדל זעצט זיך אויף מיר אַרויף און צעקוועטשט מיך. און דוקא מיר האָבן זיי „גוטברודעריש״ לאַכנדיק, איינגע־שפּאַנט דאָס משוגענע פערדל...

דער שטראָז איז אַ שמאָלער, פאַראַקערט ביזן וועג, לויטן באַפעל, און מיין פערדל שלעפּט זיך קרום־קיילעכדיק מיט אַ טענצל... דערלאַנג איך אים אַ בייטש, איז נאָך ערגער: ער שיסט אויס, ווי אַ פייל אויסן בויגן, און נעמט יאָגן, ניט אָפּצושטעלן אים. פון ווייטן צעהודזשעט זיך די באַן. מיין „סוס״ האָט זיך צעבריקעוועט און יאָגט גלייך אַנטקעגן דער באַן. די זייטיקע פאַרענטשע, וואָס פאַרמאַכט דעם דורכפאָר ווען די באַן דאַרף אָנקומען, איז שוין אין יענער זייט פאַרמאַכט. אין דער לעצטער רגע האָב איך באַמערקט אַ שמאָלן דורכגאַנג אין דער זייט און אַהין פאַר־„קאַטשירט״ מיין פערדל, וואָס איז טאַקע דאָ דורכגעלאָפן משוגע דערשראָקן, איבערגעקערט ס׳וועגעלע, מיט די פּעסער זופּ, און מיך אַרויסגעוואָרפן אויף דער אַנדערער זייט...

אָן אָנקומענדיקע בריגאַדע מיט עפּעס אַ נאַטשאַלניק האָבן דאָס אַלץ געזען און מיך שוין געהאַלטן פאַר אַ טויטן... זיי האָבן פאַרהאַלטן ס׳פערדל מיטן וועגעלע. די בריגאַדע האָט זיך דערוויייל געוואָרפן אויפן אויסגעגאָסענעם זופּ און געשלונגען מיט די זשמעניעס פון דער ערד. טויזנטער פליגן זענען אָנגעלאָפן, אָבער זיי האָבן געשלונגען מיט די פליגן אין איינעם, ניט אָפּשטעלנדיק זיך.

— שלינגסט דאָך מיט די פליגן — האָב איך צו איינעם אַ זאָג געטאָן.

— עטאָ יעדינסטוויעני קיסאָטשעק מיאָסאָ... (דאָס איז דאָך דאָס אײנ־ציקע פיצל פלייש דאָ) — האָט ער מיר געענטפערט מיט געלעכטער און גיך ווייטער געשעפּט פון דער ערד און געשלונגען...

— ברענג מאָרגן נאָך...! האָבן זיי מיר נאָכגעשריגן, ווען איך בין צוריקגעפאָרן, מיט ליידיקע פעסער אין זאַנע אַריין. די בריגאַדע האָט ערשט געגעסן ביי נאַכט, צו צוויי פּאָרציעס.

איך אַרבעט איצט ביי נאַכט און שלאָף ביי טאָג. נאָר וואָסער לעבן איז עס? אַז אַלע שלאָפן און ס׳איז נאַכט, מוז איך אַרבעטן, און ווען זיי אַרבעטן, און ס׳איז ליכטיקע זונשיין, מוז איך שלאָפן... אין דער זאַנע איז שטיל. אַ מחיה! אַ ווייטער ליידיקער סיביר... מ׳זעט ניט קיין נפש, פון איין עק, ביזן אַנדערן — ביזן האָריזאָנט. ניט ווייט איז דאָ אַ וועלדל פון טשערי־אָמכע, אַזעלכע ביטערלעך זיסע, שוואַרץ־קײלעכדיקע, ווי קליינע קאַרשן, מיט אַזאַ זאַפט אינעווייניק, אַז ס׳צעגייט זיך אין יעדן אבר. פיל מאָל בין איך אַהין געגאַנגען רייסן טשערי־אָמכע און האָב געפילט, אַז די אַלע זאַפטן, וואָס זיינען אַזוי פיל יאָר פון מיר אויסגעזויגן געוואָרן, צעגייען זיך ווידער איבערן גאַנצן קערפּער. איך האָב זיך געזען, ווי אַ טאַרזאַן, אַליין, קריכנדיק פון בוים צו בוים און פון צווייג צו צווייג. וויפל געזונט וואָלט מען איינגעשפּאָרט פאַר מיליאָנען מענטשן, וויפל קריפּלען וואָלט מען געקענט ראַטעווען, ווען די מעטאַלן און שטיינערנע גרודעס, וואָס זיינען ביי זיי טייערער, ווי מענטשלעכע לעבנס, וואָלטן געוואָרן ווייניקער ווערט ווי אַ מענטשלעך לעבן?...

יעדע מינוט איז איצט טייער. די נעכט גיבן שוין אַ בלאָז מיט קעלט און דו מוזסט אַנטאָן אַ בושלאַט, וואָס ביי טאָג קענסטו ניט אָנקוקן. מען מוז וואָס גיכער אַראָפּכאַפּן פון די פעלדער, צו ערשט די גיך־פאַרדאַרבנדיקע פּראָ־דוקטן און די וויטאַמינען. איצט פירט מען שוין קאַרטאָפל. איך האָב געמוזט איבערנעמען ס׳אַריינוואַרפן די קאַרטאָפל אין די קעלערס אַריין דורך די פענצטערלעך, וואָס ווערן פאַרמאַכט אויף ביי נאַכט. מיר האָט מען צוגעטיילט אַ וואָלאָדיאַשקע, אַ יונג מיידל פון שטאָט, מעגלעך אַ „קאָמסאָ־מאָלקע״, צו וועמען זיי האָבן מער צוטרוי.

מען ברענגט גרויסע קויבערס קאַרטאָפל און מען לייגט זיי אויף דער

וואָג. זי וועגט זיי אָפּ, און פֿרעגט מיך וויפֿל דאָס הייסט, און אַזוי פֿאַרשרייבט זי... איך דאַרף אַריינוואַרפֿן אין קעלער אַ 200 טאָן קאַרטאָפֿל. אויב ס׳קומען אָן געפֿרוירענע, נעם איך ניט אָן און שיט זיי גלייך אין די גריבער אַרום קעלער אין דרויסן. ס׳איז שוין לאַנג פֿאַראַן מער ווי איך דאַרף אָננעמען אין קעלער אַריין, אָבער די „פֿרייע" ווייסט ניט וואָס מיט איר טוט זיך, און איך שיט אַלץ אַריין...

ווינטער ברענגט מען אַהער בריגאַדעס, פֿרויען און מענער, וואָס קלויבן איבער די קאַרטאָפֿל, וואַרפֿן איבער פֿון איין זייט צו דער אַנדערער, יעדע קאַרטאָפֿל ווערט אָפּגערייניקט מיט די בלויזע הענט, און ס׳ליים מיט די פֿאַרפֿוילטע קאַרטאָפֿל ווערן ווידער געוויגן און אָפּגערעכנט פֿון די אינעוויניקסטע. אינעווייניק איז טונקל, ברענגט מען נאַפֿט־לעמפּעלעך, אַזעלכע קאָפּטשילקעס אָן גלעזלעך, וואָס מ׳שטעלט אַרויף אויף די קאַרטאָפֿל, און אַרום זיצן מיידלעך און מען קלויבט. איך נעם אין אָוונט איבער וויפֿל זיי האָבן איבערגעוואָרפֿן, איך קוק פֿון אינווייניק, צי ס׳איז ריין. איך געפֿין פֿול שאָלעכץ פֿון קאַרטאָפֿל מיט אָנגעריבענע שטיקער. איך ווייס שוין: זיי מאַכן זיך אַליין ריבאייזנדלעך פֿון שטיקער בלעך. זיי רייבן אָן קאַרטאָפֿל, קוועטשן אויס און אַהיימגייענדיק, האָט יעדעס פֿאַרדאַרטע מיידל אָנגעשוואָלענע בריסטן... „ס׳וועט נאָך בלייבן גענוג" קלער איך מיר... כ׳האָב עפּעס פֿאַרויסגעזעצן און איך בעט זיי נאָר ניט וואַרפֿן ס׳מיסט מיט די גוטע קאַרטאָפֿל אין איינעם, נאָר אין דרויסן אַרויס... זיי זעען, אַז איך האָב אַלץ פֿאַרדעקט, און פֿאַרן אַהיימגיין, נאָך געגעבן זיי אַ גרויסע װעשטאָפּ אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפֿל מיט אַ ביסל זאַלץ, אָפּצועסן. די בריגאַדירן שרייב איך אונטער פֿולע פּייקעס ברויט און זיי בעטן מיך, איך זאָל אויף מאָרגן אויך אויסשרייבן זייער בריגאַדע. אָפּט מאָל טרעפֿט אַ קאָמאַנדיר פֿון דער „אָכרע", וואָס לאָזט ניט געבן זיי די קאַרטאָפֿל, וואָס איך האָב אָפּגעקאָכט. „זיי קריגן זייער נאָרמע אין דער „זאָנע", שרייט ער". אַ מאָל שעם איך זיך ניט אים צו דערמאָנען, אַז זיי זיינען אויך מענטשן, און וואָס איך גיב, איז אויף מיין חשבון.

ס׳רוקט ווידער אָן דער ווינטער. מען מוז וואָס גיכער אַראָפּשלעפּן פֿון די פֿעלדער וויפֿל מען קען, אָבער נישטאָ אַזוי פֿיל כוחות, פֿערד און אָקסן,

און דער הויפט — מענטשן, אַראָפּצונעמען פון די פעלדער די שפע, וואָס די סיבירישע ערד גיט... די „פּלאַנירער" פון דער „ראָדינאַ" מיטן גולאַגישן בעל־הבית פון אומזיסטיקע מיליאָנען מענטשלעכע קרבנות רעכענען זיך ניט מיט די אויסשטאַרבנדיקע מיליאָנען.

*

„ויקם מלך חדש". — יעפּים איז שוין ערגעץ אַנדערש. אַ מאָל באַווייזט ער זיך און פאַרשווינדט צוריק. שוין אַ ביסל אַ בענק געטאָן נאָך אים — שוין אַ „חברל" געווען. דער נייער אָבער איז קלוגער. ער האָט ניט געזוכט קיין הינטערטירלעך צו אונדז. גלייך צוגעקומען צום נייעם „ראש" אונדזערן און געזאָגט: „רעכן מיך אַריין צום עסן". ער זעט ניט און הערט ניט, וואָס ער באַדאַרף ניט. קיין דאַנק, זאָגט ער, איז ער זיי ניט שולדיק.

— אַלץ איז סיי ווי ניט מיינס... איך בין זייער „ראַב" (שקלאַף) און זיי, מיינע „ראַבאָוולאַדיטעלי" (שקלאַפן־אייגנטימער). זיי האָבן די מאַכט. זיי לעבן אויף אונדזער חשבון. נאָך ערגער ווי די „שוואַרצע סאָטניע"... אפשר וועט קומען אַ מאָל אַ פּוגאַטשאָוו אָדער אַ סטיענקאַ ראַזין... דערווייל מוז מען איבערהאַלטן...

גוט איז ער מיט אַלע. ער טוט זיין שליחות בשלימות.

— די פעלדער זיינען אונדזערע... מיר באַאַרבעטן זיי — זיינען זיי פּרוכטן אונדזערע... די בהמות און פערד — אונדזערע... איך בין ביי מיר ניט קיין לייבאייגענער... דערווייל איז די מאַכט אין זייערע הענט...

איין מאָל האָט מען אַרויסגעשיקט אַ בריגאַדע אויף „סיענאָקאָס" — היי־שניידן פאַר די בהמות אויף ווינטער. שוין צוויי טעג שניידט מען. צונויפגעשאַרט, מוז מען עמעצן שיקן מיט אַ פּאָר ביקלעך מיט וועגן, אָנלאָדן און אַהיימברענגען. דיטקע בעט מיך ווידער „חבריש":

— „מאַלאַגראַמאָטנ"... אפשר העלפסטו היינט אַהיימברענגען אַ פּאָר וועגעלעך היי פון די ניט ווייטע פעלדער?

— און ביי נאַכט אַרבעטן? — פרעג איך אים.

— מ'וועט שוין עפּעס טאָן! מוזסט דאָך אונדז אויך פאַרשטיין — ער

איילט זיך, גייט אַריין אין קאניושניע און אַ ביקל איז שוין איינגעשפּאַנט... אַ שיין יונג ביקל, אַ שיינע האַרבסטיקע וועלט. אַרום שמעקן די געשני־טענע גראָזן... אַ פאַרגעניגן, אַ גאָלדיקע זון, גאָלדענע זאַנגען שאָקלען זיך. ס׳ביקל גיט אַ פליק אַ בינט ווייץ פון דער זייט און יאָגט ווייטער. לאַך איך צו מיר: נעבעך אויך אַן אַרעסטאַנט, ווו ס׳קען, כאַפּט עס אַ זייטיקן ביסן...

איך שטיי אין דער הייך און מען דערלאַנגט מיר גאָפּלען היי. איך לייג זיי אויס. שוין אויסגעלערנט זיך. מיין טייערע מאַמע פלעגט זאָגן: „אַלץ זאָלסטו קענען — אויף ניט צו באַדאַרפן״. איז טאַקע ניט שלעכט. פון מיר קענען זיי ניט לאַכן. זיי ווייסן, אַז צו וואָס איך נעם מיך, גייט עס. „וואָט טעביע זשיד״! — חידושן זיי זיך...

צאָפּ ... צעבע!

ס׳איז שוין אָנגעלייגט אַ הויכער וואָגן היי, און איך גרייט זיך אין וועג אַריין צוריק.

„צאָפּ... צעבע״! טרייב איך אָן מיט אַ בייטשל און שריי: „צאָפּ, צעבע״! אַ וועלט אַ משוגענע, קלער איך מיר און פיל זיך שולדיק קעגן ביקל, וואָס מוז נעבעך אַזוי שווער שלעפּן. אָבער מיין ביקל, איז גאָרניט אַזאַ נאַר. אַ שלעפּ געטאָן מיך אַ ביסל נענטער צום שטראָז, דערנאָך זיך אַ רוק געטאָן אַרונטער, אַראָפּגעוואָרפן דעם הילצערנעם כאָמוט פון נאַקן, אַוועק־געוואָרפן דעם וואָגן מיטן היי, מיט מיר, אַ הויב געטאָן ס׳ווײדעלע אין דער לופט, אַ טענצל געטאָן אַרום און — ויברח... ער שפּרינגט שוין אַרום איבערן שיינעם גאָלדענעם פעלד אַרום, גיט אַ קוק צו מיר פון דער וויטן. נאָך אַ טענצל, און בריקעט אַוועק אין שטאַל אַריין... טו אים עפּעס! און איך? זיץ מיטן בייטשל אין דער הויך, קוק זיך אַרום, האָב הנאָה פון גאָטס שיינעם וועלטל מיט זיינע קלוגע ביקלעך, וואָס ווילן גיט אַרבעטן פאַר די סאָוויעטישע פּריצים פאַר אַ „טשערפּאַק באַלאַנדע״. זיי קענען אים צוגעבן אַ „סטאַטיאַ פאַר פּאָביעג״, 10 יאָר פאַר אַנטלויפן פון לאַגער, ווי זיי גיבן די צווייפיסיקע שקלאַפן זייערע. ער איז סיי־ווי ביי זיי אויף אַ לעבנסלענגלעכן „סראָק״, און דערנאָך, וועט מען אים שטיקערווייז שטופּן אין טאָפּ אַריין... איז כאָטש אַ גוטע מינוט... געלעבט זאָל זיין...

ס׳ביקל איז אַהיימגעקומען, איז מען געגאַנגען מיך זוכן, און טאַ־באַקאַיעוו האָט געלאַכט מיט אַ הנאה פון קלוגן ביקל זיינעם...

צו מאָרגנס האָט מען ווידער איינגעשפּאַנט ס׳ביקל פאַר מיינעטוועגן. קיין אַנדערס איז ניטאָ, אַלע זיינען אויף די פעלדער. טאַבאַקאַיעוו האָט בלויז צוגעבונדן אַ שטריק צו זיין האַלז, עס זאָל ניט קענען אַנטלויפן,

און ווידער יאָגט עס אַהינצוּוועגס מיט פאַרגעניגן, רייסנדיק תבואה פון רעכטס און פון לינקס... „לא תחסום שור בדישו!" — קלער איך מיר... אַרבעטסט, קומט דיר צו עסן! ווידער איז שוין אָנגעלייגט אַ וואָגן היי, און איך מיטן בייטשל פון אויבן...

— צאָפּ... צעבע... — שריי איך — דו מאַך מיר היינט קיין קונצן ניט! ווערסט ניט ברענגען אַהיים ס'היי, וועסטו עסן אַ ווייטיק ווינטער... איצט איז די שפּע אַרום, ביסטו אַ קנאַקער... באַלד וועט ניט זיין וואָס צו פּליקן פון די זייטן... — ס'האָט געפּרוּווט אַ פּאָר מאָל מאַכן די נעכטיקע קונץ, אָבער טאַבאַקאַיעו איז אַן אַלטער פּאַכמאַן, ער קען שוין די קונצן...

געבראַכט ס'צווייטע וועגעלע מיט היי, אָפּגעלאָדן און צוריק באַלד דריטן. ס'ביקל פאַרגעסט ניט די קונץ, פּרוּווט נאָך אַ מאָל — אומזיסט. אָנגעלאָדן דעם דריטן וואָגן, מיר פאָרן שוין אַהיים. שפּעט נאָך מיטאָג. נאָך אַ צוויי מאָל פאָרן וועט זיין גענוג — קלער איך מיר. גיי ווייס, אַז כ'האָב געמאַכט דעם חשבון אָן בעל־הבית. מיין ביקל האָט זיך געריסן מיטן שטריק, געשלאָגן זיך מיט אים, לסוף האָט ער אַראָפּגעוואָרפן דעם כאָמוט פון האַלז און געבליבן הענגען אויפן שטריק, וואָס איז געווען צוגעבונדן צום כאָמוט, וואָס איז שוין געלעגן אויף דער ערד. ביז איך בין אַראָפּגעקראָכן פון הויכן וואָגן, האָט עס זיך אָפּגעריסן, אַ פאַרדריי געטון ס'ווידעלע, ווי מיט אַ בייטשל אין דער לופטן, און וילך, גיי כאַפּ אים!

דער אַגראָנאָם איז גראָד אָנגעקומען מיט זיין „קאָליאַסקע" און מיך מיטגענומען אַהיים, און דערנאָך האָט שוין אַן אַנדערער, מיט אַ פערד, געבראַכט דעם וואָגן היי...

— ס'ביקל וויל ניט אַרבעטן — שמועסט דער אַגראָנאָם מיטן וועטערינאַר — מ'עט מוזן געפינען אַן עצה, אַקטירן עס — שמייכלען זיי אונטער די וואָנצעס...

צו מאָרגנס האָט מען ס'ביקל מיט אַ צוגעבונדענעם שטריק ביים קאָפּ געפירט אין צענטראַלן „וועט־פּונקט" און צוריק האָט מען שוין

געבראַכט די לונג־און־לעבער, אַ שטיק קאָפּ און נאָך אַ פּאָר שטיקער, וואָס מען האָט געמוזט אויסשניידן אויף „אַנאַליזן". ס'ביקל האָט נעבעך יונגערהייט פאַרענדיקט זיין קאַמף פאַר פרייהייט... אַ פּאָר וואָכן האָבן „מיר" געגעסן שטיקער פלייש, קיינער זאָל ניט זען, נאָך דער באַלאַנדע.

אַן אַנדערש מאָל האָט מען אַרויסגעפירט אַ ביסל בהמות צו דער פּאַשע אויפן פעלד. זיינען געווען אַ פּאָר ביקלעך, האָט מען זיי געבונדן, אַנידערגעלייגט אויף דער ערד און „וויכאָלאָשטשיוועט", אויסגעשניטן די זכר־דריזן. די ביקלעך האָבן זיך געוואָרפן. מען האָט די בייטלען צוריק צוגענייט, ניט צום דערקענען. אין דער זייט האָט מען אָנגעלייגט אַ פייער, מען האָט געבראָטן די ביצים און געגעסן... איצט ערשט האָב פאַרשטאַנען וואָס דאָס הייסט עסן „אבר מן החי"... טאַקע אַ מיאוסקייט, און ביי מיין גאַנצן הונגער, האָב איך עס ניט פאַרזוכט. די ביקלעך זיינען אַרומגעגאַנגען זיך פּאַשענדיק, און דאָ האָט מען שוין געגעסן לעבעדיקע שטיקער פון זייער גוף. אין אָוונט האָט מען צוריקגעבראַכט די „ביקלעך", און קיינער האָט גאָרניט געוווּסט...

איין אויפדערנאַכט, זיצנדיק מיט אַלע אין באַראַק, האָב איך פּלוצעם דערזען, אַז די ליכט לעשט זיך אויס. טאַפּנדיק ביי די ווענט בין איך אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן און דערהערט פּלוצעם ווי דער נאַטשאַלניק פון אַנטיבעסער לאַגער, גאַנזשענקאָ, צעשרייט זיך:

— וואָס איז דאָס?! דו זעסט ניט? נאַטשאַלניק! דיינע מענטשן ווערן בלינד, און דו ווייסט אפילו ניט?! מאָרגן אין דער פרי זאָלסטו אים גלייך ברענגען צום דאָקטאָר... איצט איז ניט די צייט צו האָבן בלינדע...

איך האָב באַקומען רויען לעבער־עקסטראַקט, נאָך אויסטרינקען אַ פּאָר פלעשלעך, האָבן די ליכטלעך אין דער פינצטערניש צוריק גענומען זיך אָנצינדן...

נאַטשאַלסטווע קומט צו מיינסט ווינטערצייט, ביי נאַכט, און בעט די אָרטיקע נאַטשאַלסטווע צו ברענגען זיי בגניבה עפּעס פון לאַגער־פאַרמעגן געוויסע פּראָדוקטן פאַר זייערע היימען. מיר האָבן אַרום 25 טויזנט מאָרג פעלד צו באַאַרגן און באַאַרבעטן. יעדן ערב־פרילינג קומען אָן

יעדן טאָג נייע „פריקאַזן״ צו באַארבעטן די פעלדער און פאַראַקערן, פאַרזייען יעדע סטעזשקע, יעדן ניט גויטיקן וועג, איבערלאָזן ניט צו ברייטע שטראָזן — גלייך אין סיביר וואָלט געפעלט ערד...

די טראַקטאָרן און האַנט־אַקעראַייזנס ארבעטן גאַנצע מעת־לעתן. נישטאָ געננג מענטשן, פערד, ביקעס. אַלץ אַרבעט. ס׳קומען פאַרזייי־מאַשינען. די זאָמען ווערן געמישט פּראָצענטועל מיט זאַמד. „נאַרמאַ״. ווידער טעג און נעכט, קיילעכדיקע מעת־לעתן פאַרזייען, און די טייערע סיבירער פעטע ערד גיט איר ברכהדיקע גערעטעניש מיט דער פולער מאָס. אָבער ווו נעמט מען מענטשן און מאַשינען צום צונויפנעמען? די אַלע מאַשינען, מיט וועלכע זיי באַרימען זיך אַזוי, זיינען אַ טראָפּן אין ים. דער זומער איז דאָ אַ קורצער... מען מוז וואָס גיכער אַראָפּכאַפּן פון די פעלדער. ס׳קומען האַלב־מוימע בריגאַדעס, מיט אויסגעהונגערטע שקלאַפן, אין משך פון יאָרצענדליקער פאַרקויפטע און איבערפאַרקויפטע פון גולאַג, וואָס גיט אַהער זיינע שקלאַפן, ערשט ווען ער האָט זיי אַ פּאָר מאָל איבערפאַרקויפט די צו מערסט אויסנאָגנדיקע „פּאָסטראָיקעס״, ווו מיליאָ־נען פאַלן טויטע יאָר־יערלעך. ווער קאָן אָניאָגן דעם אַנטרייב? יעדער קלערט זיך, אַז סיי ווי איז ס׳לעבן שוין אַ פאַרפאַלנס.

*

ריזיקע גערעטענישן ווערן פאַרפאַלן אויף די פעלדער און פאַרפוילט, ווייל קיינעם איז עס ניט טייער.

ווינטערצייט זיינען די פעלדער פאַרדעקט מיט ווייסע שנייקע צודעקן און די מחנות שקלאַפן צעוואָרפט מען אויף אַנדערע אָביעקטן. אין אונדזער קאָלאָניע בלייבן נאָך די פאָר „ראָזקאָנוואָינע״, וואָס דאַרפן העלפן אונטערהאַלטן די לאַגערן מיט מיליאָנען שקלאַפן.

פון אַנגעזאַמלטע אַלערליי האָר — חזירישע, בהמישע, פערדישע, און וואָל מיט ביינוול געמישט, שפינט מען מיט די הענט קנוילן פעדעם. אין די קילאָמעטערדיקע לאַנגע הויפן ציט מען אויס די שטריק, מען דרייט

זיי צונויף „אויפן זומער״ פאַר פערד און בהמות און אַלערליי אַנדערע נוצן. קומען די סערגייס, טויזנטער און טויזנטער אַזעלכע סערגייס, „אַי־בערדערצויגענע״, און שלאָגן כפּרות מיט דער „פּאַרטיאַ אי פּראַוויטעלסטוואָ״ פאַר אַן איבעריקן שטיקל ברויט. „ניע מאָיאַ״ — זאָגן זיי, ניט מײַן! ניט מײַן! וואָס דאַרף איך זאָרגן פאַר זיי?

די שנייען אויף די פעלדער פאַרדעקן אונטער זיך אַן אוצר פון אַלערליי פּראָדוקטן, וואָס ווערן פאַרפוילט: איבערגעפרוירענע קאַרטאָפל, בוראַקעס, ניט אַראָפּגענומענע טורנעפּסן, וואָס זייגען גרויס ווי פּעסלעך, און ס׳איז אַ פאַרגעניגן זומער צו זען, ווי זיי צעוואַקסן זיך און נעמען אַרויסשטופּן גאַנצע בערג ערד, וואָס זיי האָבן איבער זיך, רייסן זיך צום ליכט פון דער קאַלטער סאָוויעטישער זון. ניט אַלע קען מען אַראָפּנעמען, פוילן זיי און פרירן אונטערן שניי...

אין די פריִע גראָע פאַרטאָגן כאַפּן זיך אַרויס פרויען און מענער איבער די פעלדער און „גנבענען״ פון דעם „לקט״. זיינען אַנגעשטעלט אונדזערע „אָביעשטשיקעס״, וואָס פאָרן אַרום אויף פערדלעך און כאַפּן די „גנבים״ פון סיוּוּי פאַרפאַלענעם הפקר — ברענגען זיי צו „נאַטשאַלסט־ווע״, (זיי גיבן זיי איבער צו די אויספאָרשונגס־ריכטער און מען שפּילעט צו „סטאַטיאַס״... מ׳זאַמלט נייע אַרעסטאַנטן...

איין מאָל האָט אונדזערס אַן „אָביעשטשיק״ געברענגט צו שלעפּן אַזאַ אומגליקלעכן, אַן אויסגעדאַרטן אָרעמען סאָוויעטישן „וואָלניאַשקע״ מיט אַ צעראַטע־ציכל אָדער אַ זעקעלע, אין וועלכן ער האָט געהאַט אָנגעקליבן מיט פאַרפרוירענע פינגער אַ ביסל איבערגעפרוירענע קאַרטאָפל פון אונדזער פעלד. אויפן וועג האָט ער אים דערוויל אַריינגעבראַכט אין מײַן זעמ־ליאַנקע און מיר צוגעוואָרפן די איבערגעפרוירענע קאַרטאָפל. דאָס קוועטשן מיר אויס, מען שיט צו אַ ביסל זאַלץ, (ווער ס׳פאַרמאָגט עס) און מען באַקט פלעץ אויף די אײַזערנע בלעכן פון אויוון.

— וואָס שלעפּסטו אים? — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן, אָנווייזנדיק אויף זיין פאַרפרוירענעם קרבן, וואָס גייט אַ גאַנצן וועג וויינענדיק און

בעטנדיק אים, דעם „זאַקלוטשאַני", וואָס פירט דעם „גליקלעכן וואָל־ניאַשקע" פאַרויס.

— איך דאַרף אים איבערגעבן דעם נאַטשאַלניק פאַר גנבענען פון פעלד די קאַרטאָפל...

דעם „אַביעשטשיק" האָב איך גוט געקענט: אַן אינטעליגענטער יונג, ניט קיין שלעכטער, מיט אַ שוואַכקייט צו מיר. — שעמסט זיך ניט — פרעג איך אים — דיר איז אַזוי גוט, וואָס ביסט אַ זאַקליוטשאָנע? פאַר וואָס זאָלסטו העלפן פאַרשליסן אַ מענטש פאַר אַ פאַר פאַרפרוירענע קאַרטאָפל?

— אַ ווייב מיט קינדער אין שטוב. ניטאָ וואָס צו עסן. וואָס זאָל איך טאָן? קינדער וויינען, זיינען הונגעריק. בין איך אַרויס זוכן עפּעס צו שטילן דעם הונגער... קוק אַן דאָס גליק, וואָס איך האָב פאַר זיי צונויפגעקליבן —, ווייזט ער אַ ווײַנענדיקער אויפן ביסל פאַרפרוירענע קאַרטאָפל... דער „אַביעשטשיק" האָט זיך ניט גוט געפילט פאַר מיר, זיך אָוועקגעדרייט...

— נו גיי! — האָט ער אים פון הינטער דער פּלייצע אַ זאָג געטאָן...

ער איז אַ ווײַנענדיקער און אַ דערפרייטער אַרויס און איך האָב אים נאָכדערלאַנגט ס׳זעקל פאַרפרוירענע קאַרטאָפל...

כמעט אַ האַלב גערעטעניש בלייבט אויף די פעלדער צום פאַרפוילט ווערן... מען שיקט אונדז אַ „פּראַריוונאַיאַ" בריגאַדע צו העלפן אָפּרייניקן די קאַרטאָפל. ס׳איז אַ צונויפגעשטעלטע בריגאַדע פון „פרידורקעס", וואָראָביאָוס בריגאַדע פון שניידערײ. איך שיק זיי אַריין אין וואַרעמען קעלער איבערקלויבן קאַרטאָפל. זיי דערפרייען זיך מיט מיר — אַן אייגענעם געפונען. איך טראַכט, אַז וואָלט עס ניט געווען אַזאַ פאַרשאָלטן לעבן, וואָלטן דאָך מענטשן געקענט לעבן צופרידן. אַ קעסל קאַרטאָפל איז שוין אָפּגעקאָכט, און זאַלץ (וואָס מיר באַקומען נאָר אויף דער נאָרמע), דאָס איז זייער ערשטער פאַרבייס, און אין אָוונט, פאַרן אַהיימגיין, ווידער אַ קעסל קאַרטאָפל. דער סטרעלאָק שווייגט און שמייכלט נאָך צו. ווייזט אויס, ער קומט אַ מאָל צו וואָראָביאָוון נאָך עפּעס.

קאַרבאַנקאַ

דעם זומער האָט מען מיך מיטגענומען קיין קאַרבאַנקאַ — אַ קאָלאָניע, ערגעץ פאַרוואָרפן אינעם אומענדלעכן סיביר. ווער קען באַשרייבן די אוצרות פון עשירות און שיינקייט, צעוואָרפן אין אַלע עקן אַרום? געהילץ... יונגע און אַלטע בוימער, געדיכט, ניט דורכצורייסן זיך מיט די פערד. ערגעץ בין איך פאַרקראָכן מיטן פערד־און־וואָגן. אַן אייביקער ווילדער טויבער וואַלד. פייגל, חיהלעך, שורשען אַרום. אַלץ לעבט און אָטעמט, און אַרום אומבאַשרייבלעכע עשירות. פאַר וואָס פאַרוואָרפט מען מיליאָנען מענטשן צו אַלדע שוואַרצע יאָר, אויף אומקום, ווען אַרום איז אַזאַ שפע? שטרעק נאָר אויס די הענט! פאַר וואָס אַזאַ פאַרלענדונג פון מענטשלעכע לעבנס? פאַר וואָס איז מענטשלעך לעבן אַזוי ביליק און אומווערטיק, ווען ס׳קען זיין אַזוי שיין און פול מיט פרייד? ווער זיינען די פאַרמיאוסער פון מענטשלעכן ווערט? דאָ האָב איך געטראָפן אַ בריגאַדע יונגע שיינע מיידלעך מיט אַן עלטערער בריגאַדירשע, און צווישן זיי נאַטאַשאַ, אַ שיינע, בלאָנדע, יונגע און אינטעליגענטע אוקראַינישע לערערין, וואָס כ׳האָב געקענט פון „קאַוועטשע" אין אַנטיבעס. זי האָט זיך מיט מיר שטאַרק דערפרייט. און אַלע זיי, ווי לעבעדיקע געוויקסן, ווערן פאַרוואָרפן אין די ווייטע ווילדע טיפענישן, אויף צו פאַרגרייטן היי פאַר די בהמות אויפן ווינטער... איך קען זיי גאַרניט העלפן. איך וויל ניט בלייבן אין די הענט פון די מעכטיקע אומברענגער, ניט איבערלאָזן דאָ אַ טייל פון מיין לעבן, פון מיין בלוט... ווען איך וואָלט געהאַט צוויי לעבנס! (ווען איינס זאָל זיך אָנהויבן נאָכן פאַרענדיקן ס׳איצטיקע, ווען איך האָף, אַז ס׳וועלן פוילן די איצטיקע משרתים פון דער 12־הונדערט־קעפּיקער שלאַנג, און לעבן וועט זיין אַ פרייד און ניט אַ קללה... בעסער אַ קליין שטיבל אין פריינדשאַפט, צוטרוי און מענטשלעכער ליבשאַפט, איידער אַ גרויסע וועלט מיט מענטשן־פרעסער...

אַ שמחה — אַ העמד...

דער נאַטשאַלניק האָט געבראַכט נייע וועש פאַר די „ראַזקאָנוואָינע אַרבעטער”. אַ יום־טוב. אַ קלייניקייט? אַ ניי העמד מיט גאַטקעס! שוין אַ 10 יאָר האָט מען זיי ניט געזען, נאָר אַלטע פאַרלאַטענע שמאַטעס, שוין פון 10 מאָל געשטאָרבענע. און איצט — אַ ניי העמד! ווי דאָס ערשטע אָנטועכץ אין דער היים אויף יום־טוב... דער נאַטשאַלניק האָט באַקומען צוגעטיילט 10 פאָר וועש פאַר 30 מענטשן. טיילט ער אײַן — איינעם אַ העמד, דעם אַנדערן אַ פאָר גאַטקעס. וואָס קען ער טאָן? ער וויל צופרידן שטעלן מער אַרבעטער. פאַר 30 מענטשן 10 פאָר וועש.

— דו וועסט זיך באַגיין! — זאָגט ער צו מיר — דו ביסט דאָך נאָר אַ פרידוראַק. — לאַכט ער אונטער די וואָנצעס...

אין מײַנע הענט איז דער קעלער מיט די קאַרטאָפל, די פאַרזאָרגונג פון קליידונג און שפייז פאַר דער קאָלאָניע, די „באַשוכונג” מיט אַ פאָר קערזעווע שיך (פון געשפּאָלטענע אויטאָ־רעדער), עטלעכע אָנגעטשוועקעטעטע שטיוועלעך, עטלעכע יאָר ייִנגער ווי די רעוואָלוציע. דערצו האָבן זיי מיר איצט געבראַכט די זעק פון דער תבואה. פון די אַלטע זעק האָט מען אַ סך „אַקטירט” און געבראַכט נייע זעק פון געלער לייוונט, אַ בעסערע לייוונט, ווי די וועש, וואָס זיי האָבן געבראַכט. איך נעם צונויף אַ פאָר פון די אַקטירטע זעק, וואָס קענען נאָך פאַרריכט ווערן, איך פאַרריכט זיי מיט די הענט, און קלויב מיר אָפּ אַ דריי נייע זעק.

איך שנייד אַליין צו אַ העמד מיט גאַטקעס. אַפילו ווען עפּעס איז ניט אַזוי גוט מיט מיין שניידעריי, וועט עס קיינער ניט באַמערקן דאָ. זייערע העמדער זיינען געמאַכט „פּאַ סאָוויעטסקי”, אָן אַ קאָלנער און אָן מאַנזשעטן, ביים האַלדז — צוצובינדן מיט שטריקלעך, די אַרבל — זעקלעך אָן גאָרניט, די גאַטקעס — מיט שטריקלעך. דעם אמת געזאָגט, האָב איך נאָך דאָ קיין קנעפּל אויף וועש ניט באַמערקט.

אַ נאָדל פֿאַרמאָגט קיינער ניט, אָבער איך קען שוין די קונץ אַליין צו מאַכן נאָדלען. פֿאָדעם? אַ שטיק לייוונט צעטרעפּקעט זיך צוריק אויף פֿאָדעם. און שטיקל נאָך שטיקל ווערט געבוירן אַ העמד, ניט מיט שטריקלעך, נאָר מיט אַ קראַגן און מיט מאַנזשעטן ביי די אַרבל. און אַ פּאָר נייע גאַטקעס, אויך אָן שטריקלעך. איך ווייס ניט צי סטאַליין פֿאַרמאָגט בעסערע. גייענדיק אין „באַניע" האָב איך זיך אָנגעטאָן אַ פּאָר נייע וועש וואָס קיינער פֿאַרמאָגט דאָ ניט אַזעלכע. דער נאַטשאַלניק באַגעגנט מיך און קוקט מיך אָן פֿאַרחידושט:

— ווו האָסטו גענומען „אַזאַ" וועש — קוקט ער פֿארחידושט אויף מיר און אויף דיטקען, אונדזער לאַגער־נאַטשאַלניק, וואָס שטייט דערביי און שמייכלט אַליין פֿאַרחידושט...

— פּאַסילקו פּאַלוטשיל, נאַטשאַלניק (אַ פּעקל באַקומען) — ענטפֿער איך לאַכנדיק — זעסט דאָך, ניט פֿון אייערע, זעסט דאָך: מיט אַ קראַגן, מאַנזשעטן, אָן שטריקלעך...

ער קוקט פֿאַרוואונדערט. טאָן קען ער גאָרניט און אויפֿווייזן פֿון וואַנען איך האָב זיי — אויך ניט. ער מעג מאַכן „אינוועטאַר". דאָרט זיינען נאָר פֿאַרשריבן 500 זעק, אַלטע מיט נייע אין איינעם, און דעם חשבון האָב איך פֿאַרויס אָפּגעגלייכט. איך שווער ניט, צי ער האָט אַזאַ וועש, סיידן ער איז אויך געווען ביים „באַפרייען" די פּוילישע „זאַפּאַדנע אוקראַינע", ער האָט אָנגעקויפֿט פּעקלעך און געשיקט „נאַ ראָדינו"....

זייערע פּרויען, וואָס זיינען דערנאָך געקומען צו אונדז, ווי „נאַ־טשאַלניצעס" צו זייערע מענער, האָבן געכאַפּט אין די געוועלבן, וואָס די אויגן האָבן דערזען, כאָטש זיי האָבן אָפּט ניט געוווסט וואָס דאָס איז. טייל ווייבער זייערע האָבן דערזען שיין־אויסגעניייטע נאַכטהעמדער, האָבן זיי זיך געריסן איבער זיי און דערנאָך זיך אָנגעטאָן די נאַכטהעמדער צו די בעלער, די „גוליאַנקעס", וואָס זיי האָבן דאָ געמאַכט, מיינענדיק, אַז דאָס זיינען באַלקליידער... זיי זיינען נעבעך גאָרניט שולדיק געווען, זיי האָבן אין זייער „ראָדינאַ" אַזעלכעס ניט געזען... פֿון וואַנען זאָלן זיי וויסן?

*

אין טאָג האָב איך געהאַט אַ גרויסע שמחה: באַקומען אַ בריוו פון דריי מיינע חברים, וואָס זיינען צוזאַמען מיט מיר געוואָרן אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן אַן אַ פּאַרוואָס און אַן אַן אורטייל.

מיינע חברים פרעגן: „וואָס קלערסטו צו טאָן? מיר ווילן נאָך אַהיימ־פאָרן, גיין אויף די קברים פון אונדזערע ליבסטע, און זיך דאָרט גוט אויסוויינען"... ניט איך — ענטפער איך זיי — איך קען שוין גאָרניט העלפן. איך וועל פאָרן גלייך צו אורטשען"...

אין 1937 אָדער 1938 האָט אונדזערס אַ חבר, דערצויגן אין מיוחס־דיקער אָרעמקייט, זיך אַרומגעזען, אַז די אַלע חלומות צערינען זיך, און ער האָט באַשלאָסן מיט האַלב־לעגאַלע וועגן אַוועקצופאָרן קיין ארץ־ישראל. אין דער לופט האָט שוין געשמעקט מיט מלחמה, און די גליקן אין דער היים... וואָס קען ער דערוואַרטן?

מיר האָט ער אַלץ אָנפאַרטרויט. איך האָב איינגעזען די ריכטיקייט פון זיין באַשלוס, איך האָב צוגעגרייט זיינע פּאַפּירן און אַלץ געהאַלטן בסוד, אפילו פאַר זיין משפחה און זיין חסידישן זיידן, דעם למדן און מיוחס, מנשה, וואָס האָט זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן, ווען זיין טאָכטער האָט אים בסוד דערציילט, אַז זיין איניקל, וואָס איז אין זיינע אויגן שוין געווען ווייט אַוועק פון זיין „דרך", וויל גאָר פאָרן קיין ארץ־ישראל.

דערנאָך האָב איך באַקומען פון אים די ערשטע גרוסן פון ארץ־ישראל. ווער ווייסט, ווען יידן זאָלן געווען האָבן דאָס פּיצעלע ישראל פריער, וואָלטן זיך זיכער געראַטעוועט כמעט אַלע יידן. און וויפל פון אונדז האָבן געלאַכט דערפון, וועלנדיק זיין שותפים צו דער גאַנצער „פאַרשריטלעכער" וועלט?

„שמוני נטרה את הכרמים, כרמי שלי לא נטרתי" — מיר האָבן געהאָלפן פלאַנצן פרעמדע וויינגערטנער, און פאַר זיך? יאָרטויזנטער זיינען מיר פאָנען־טרעגער פאַר פרעמדע אידעען, פאַר פרעמדע קולטורן, מיר ווילן נאָר העלפן ברענגען ליכט אויף דער גאַנצער וועלט, און באַקומען דערפאַר אָפּגעצאָלט מיט מאָרד און אומגליק.

„ניט איך — ענטפער איך מיינע חברים — איך פאר צו אורטשען"...

מיר ווייסן שוין איצט, אז ערגעץ איז פאראן אן אייגן ווינקל... ניט פאר קיינעם מער, פאר זיך אליין וועלן מיר בויען.

די לעצטע צייט באקומט מען איבערצולייענען א שטיקל צייטונג, איידער מען צערייסט זי אויף ציגארעט־פאפירלעך. איך ווייס שוין, אז מיר האבן א שטיקל יידישע מדינה, א פרייד, וואס מען טאר אפילו ניט ארויסווייזן. זיי שטעלן זיך פאר ווי די „בעלי־רחמנותניקעס" פון די האלב אפגעברענטע יידישע האלאוועשקעס, וואס האבן זיך געראטעוועט פון די גאזקאמערן און די „דושעגובקעס". ערשט איצט קען מען א ביסל געוואר ווערן וואס (אונדזערע נאענטע האבן דורכגעמאכט. די וועלט האט אויף א מינוט דערפילט זיך (שולדיק לגבי אונדז און געשטימט צו שאפן א שטיקל יידישע היים. „שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה" — מעגן מיר אין זיך מיט א שטומער פרייד זאגן... די סאוויעטישע צייטונגען פאר־צייכענען אלץ, ווי זייער פארדינסט: זיי האבן די ערשטע געשטימט פאר דער יידישער מדינה. ס'איז זיכער אמת. זיי האבן שוין מסתמא א פלאן צו ווערן דארט די „שטריקל־ציערס". דערווייל לאכן זיי פון די אראבישע „וואיאקעס", וואס ווילן דערמארדן ס'נייע ישראל. די סאוויעטישע צייטונגען שרייבן מיט חוזק, ווי די אראבישע „ארמיע" אנטלויפן פון די שלאכטפעלדער, געטריבענע פון „צבא הגנה לישראל". א פריידיקער משיחישער גרוס פאר יידן. ס'זאל נאר לאנג דויערן זייער פריינדשאפט, ווייל וואס פלוצעם זיינען זיי געווארן אזעלכע גרויסע יידן־פריינד? דערווייל נוצט עס זיי צו דערלאנגען ענגלאנד א מעסער אין רוקן. דערנאך וועלן זיי זוכן שותפים צו פארשלינגען די וועלט.

1942, נאך דער אמנעסטיע אויף די פוילישע בירגער, האט מען מיר פלוצעם געבראכט א נייעם נומער פון מיין „דיעלא". יעדער וואס ווערט ארעסטירט, באקומט א „דיעלא" אין „עמוועדע" מיט א נומער, וואס מען מוז פארגעדענקען. אלץ קריכט מיט דער צייט ארויס פון מוח, אבער קיין מאל ניט דער נומער, איינער פון די הונדערטער טויזנטער.

און פּלוצעם ברענגט מען מיר אַ נייעם נומער — מיין „דיעלאָ״ מיטן גוטן נומער איז ערגעץ פֿאַרשוווּנדן געוואָרן.

מיין „סראָק״ האָט זיך געענדיקט — רופט מען מיך אַרויס צום נאַטשאַלניק.

— וועסט פֿאָרן קיין נאָוואָסיבירסק!

סטאָליפּינס ירושה

מען גיט מיר אַן אַלטיטשקן „קאָנוואָי״, וואָס פירט מיך מיטן ביקסל צו דער באַן. מען זעצט מיך אַריין אין אַ „סטאָליפּינסקי״ וואַגאָן. איצט האָב איך געהאַט דעם כבוד זיך צו באַקענען מיט די שוואַרצע צאַרישע איינריכטונגען. עס איז כדאי זיך אַ ביסל נעענטער צו באַקענען מיט די סטאָליפּינישע וואַגאָנען. אַ גרויסער וואַגאָן, מיט פענצטערלעך פאַר־קראַטעוועטע און פעסט פאַרמאַכטע. אינעווייניק איז דער וואַגאָן פאַרטיילט אין צוויי העלפטן. די ערשטע העלפט געהער צו נאַטשאַלסטווע. אין דער אַנדערער העלפט איז אָפּגעטיילט אַ קאָרידאָר, ביזן סוף פון וואַגאָן, ווו די „אָכראַנע״ היט אָפּ די קרבנות. אינעווייניק, אין דער אַרעסטאַנטן־זייט, זיינען פאַראַן קראַטעס ביז אַרויף.

— כליעבושקאַ... ברויט האָט מען געבראַכט — דערפרייען זיך די הונגעריק־איינגעשפּאַרטע.

— ריבאַ — גיט אַ געשריי דער קאָנוואָי און גיט אַריין אַ טאַפּ אויסגעטריקנטע געזאַלצענע פישלעך.

שלינגט מען אַ ביסן ברויט מיטרייסנדיק אַ שטיק הויט פון די פיש־פּגרים. ס׳נעמט ברענען, הויבט מען אָן שרייען:

— נאַטשאַלניק, וואָדיטשקי!

מען דערלאַנגט אַריין אַ וויאַדרע וואַסער, כאַפּן עס די אומגערוועלט־ניקעס, טרינקען זיך אָן וויפל זיי קענען און ווילן, און די איבעריקע — פאַדיכיי, אין דיין מאַמען אַריין! (פּגר אַוועק). זיי שעמען זיך ניט דערביי צו דערלאַנגען אַ קנאַק מיטן קולאַק...

— וואָדיטשקי, נאַטשאַלניק, וואָדיטשקי... — מען גיט נאָך אַ וויאַדרע וואַסער און מען רייסט זיך איבער אַ טרונק... — וואָדיטשקי, נאַטשאַלניק — שרייט מען ווידער. אַן עבירה די כוחות. קיינער הערט ניט מער. אין אָפּטריט לאָזט מען ניט. דער אָפּטריט איז אויף דער זייט פון נאַטשאַלסטווע.

אונדזערע אָפּטיילונגען זיינען קליינע, ענגע. די העכערע פּריטשעס האָבן פאַרכאַפּט די אונטערוועלטניקעס. מיר ליגן אויף דער ערד. אַ געשטאַנק, אַז מען קען שניידן מיט מעסערס. טייל האָבן אַראָפּגעוואָרפן די שיך, אויסגעטאָן די העמדער...

ביים צאָר, דערציילט איינער, זיינען אין אַזאַ אָפּטיילונג געפאָרן 5—10 מענטשן, און מיר זיינען דאָ 28.

מיר קומען אָן קיין נאָוואָסיבירסק. אַלע נעמען זוכן און צונויפשלעפּן זייער אָרעמקייט, אָנטאָן די שיך. איינער צעשרייט זיך פּלוצעם מיט אַ של־שלתדיקער קללה אין דער מאַמען אַריין:

— עטאָ טי, יאַקאָוו, זדיעלאַל — נעמט ער שלאָגן זיינעם אַ שכן. ביי נאַכט האָט יענער אים אָנגעמאַכט אין די שיך אַריין... ער וואָרפט זיך און שלאָגט יענעם איבערן קאָפּ מיט אַ פאַרביסענער רציחה. יענער באַהאַלט ס׳פּנים אונטערן בושלאַט אַרונטער און פאַרענטפערט זיך:

— וואָס בין איך שולדיק? וואָס האָב איך געקענט טאָן?

דער כאַפּט די שיך און האַקט מיט זיי איבער זיין קאָפּ און שיט אויס ביסלעכווייז דאָס גאַנצע ביסל אויף זיין קאָפּ. נאַטשאַלסטווע האַלט זיך ביי די נעז און לאַכט: „זוויערי״ (חיות).

אין דרויסן איז שוין געשטאַנען אַן אַנדערער „קאַנוואָי״, וואָס האָט איבערגענומען די חיות פון שטייג. אַרויסקומענדיק פאַרן וואָקזאַל, האָבן מיר זיך מחיה געווען צו קענען אויסגיסן ס׳ביסל „וואָדיטשקי״ טאַקע דאָ, פאַר די אויגן פון קאָנוואָי און די צוקוקנדיקע מענטשן... איבער די אָפּגעקראָכענע, טרויעריקע און פאַרוויינטע גאַסן פון נאָוואָסיבירסק האָט מען געפירט אַ מחנה „בויער פון זיגרייכן קאָמוניזם״ — פאַרלייזיקט, פאַרשטונקען, הונגעריק און דאַרשטיק, דערשלאָגן און דערנידעריקט, אויס־געוואָרצלט פון נאָרמאַלן מענטשלעכן לעבן, אַרעסטאַנטן, קאַטאָרזשניקעס פון סאָוויעטישן רעזשים. מען פירט אונדז צום נאָוואָסיבירסקער „פּער־רעסילני פּונקט״ — אַלטע געביידעס מיט פאַרפּינצטערטע ווענט — מיט דער האָפענונג צו באַקומען אַ שטיק ברויט מיט אַ שמוציקן טשערפּאַק באַלאַנדע.

*

שוין פיר טעג געפין איך זיך דאָ. מיין טעגלעכע „פייקע" איז אַ שטיק ברויט, אַ שעפּלעפל בלאָע מאַגערע זופּ — און איך וואַרט...

ענדלעך רופט מען מיך צום „נאַטשאַלניק".

ס'קומען אָן נאָך פּוילישע, וואָס האָבן זיך אין דער זעלבער צייט באַפרייט. די פּוילישע האַלט מען אין אַ באַזונדערער צעל. מיר זיינען טאַקע „באַפרייטע", אָבער דערווייל טוט מען אונדז אַ טובה: מען גיט אונדז דעם „פּאַיאָק" מיט דער באַלאַנדע און אַ דאָך איבערן קאָפּ, מען האַלט אונדז איינגעשפּאַרט, ווי אַלע זייערע איינגעבוירענע גליקלעכע בירגער פון מעכטיקן ראַטן־פאַרבאַנד.

די אַנדערע האָבן, ווייזט אויס, מער מזל געהאַט פון מיר. יונגע, געזונטע — האַלטן זיי זיך מוטיק און אַנגרייפעריש לגבי די סאָוויעטישע אַלטע באַנדיטן, וואָס סטאַרען זיך צוגנבענען ביי אונדזערע דאָס לעצטע וואָס איז געבליבן.

ביים אַריינגיין נאָכן שפּאַציר צוריק אין צעל, מישט זיך אַריין אין אונדזער ריי אָן „אַלטער פויגל" פון די אַלטע זיצערס, מיטן חשבון צו באַגנבענען אַלע. די ניט רוסישע וועלן דאָך מורא האָבן פאַר אים — איז ער ביי זיך זיכער, אונדזער חברה האָבן אָבער גלייך דערפילט זיין כוונה, זיין קוקן צו די בינטלעך. ס'האָט זיך דערטראָגן אַ שטיל שעפּטשען, אַז צווישן אונדז געפינט זיך אַ ניט אונדזערער, אַ גנב. באַלד זיינען פון די גאַרעס אַראָפּ־געקראָכן אַ פּאָר פּוילישע געזונטע חברה, אים אַ נעם געטאָן (אין די הענט אַרייַן, און אַזוי „ברודערלעך" גענומען אים טיילן פּעטש, אַז ער האָט גענומען שרייען.

ס'איז געקומען צו לויפן אַ וועכטער, געעפנט די טיר, און אים אַרויס־גענומען, שפּעטנדיק פון אים:

— געמיינט צו זיין אַ חכם? מיינסט אַלע לאָזן זיך?

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען אונדז, אַלע פּוילישע, אַרויסגערופן „ז' וויעשטשאַמי, נאַ וויכאָד!" (מיט די פּעקלעך, אַרויסגיין!) געקומען אונדזער צייט... (ווערט אַ גערודער אין דער נשמה. ס'מאַלן זיך שוין פאַר די אויגן פרעמדע בילדער, פרעמדע הימלען, אפשר מער זוניקע? מען שטעלט אונדז

אויס אין הויף אין דער ריי, מען גיט יעדן אַ ברויט און אַ קופּע געטריקנטע פיש אין די הענט אַריין. די יונגע חברה האַלט זיך נאָענט צו מיר, מיט באַדויערן אויף מיין מצב. נעמען זיי אַראָפּ די טאָרבע פון מיינע פּלייצעס און טוען זי אָן אַ יונגן געזונטן בחור, מיר זאָל זיין לייכטער צו גיין...

— וניעמאַניע — גיט פּלוצים אַ געשריי איינער אין אַ בלאָען היטעלע, וואָס איז אַרויסגעקומען פון „קאָמענדאַנטור". ער באַפעלט אַלע זיך שטעלן אין דער ריי, נעענטער צום טויער.

באַלד קומט אַרויס נאָך אַן אַנדערער מיט אַ פּאַפּירל און רופט אויס מיין נאָמען:

— אַרויס פון דער ריי! דו פאָרסט ניט קיין פּוילן!

ס'ווערט מיר שווער אויפן האַרצן, ממש צום חלשן. די פּוילישע חברה באַמערקן עס, קומען צו און טרייסטן מיך:

— זאָרג ניט! מירן נאָכפאָרען אויף דיר אויף „יענער זייט", מירן ניט פאַרגעסן...

דערווייל נעמט מען שוין אַראָפּ די טאָרבע פון יענעם, וואָס האָט מיר געוואָלט העלפן זי טראָגן, מען גיט מיר צוריק מיין ברויט און די פאַר־טריקנטע פיש, אַ צוויי מאָל מער ווי מען האָט געגעבן. „ווער דאַרף עס? גיב אים מער"! און מיט וויטיק גיי איך אַרויס פון דער ריי. איך קוק נאָך די גליקלעכע, פאַר וועמען ס'עפנט זיך דאָס טויער מיט אַ האָפענונג צו פרייהייט, און פאַר מיר, וואָס? אַלע דערוואַכטע חלומות ווערן ווידער אויסגעלאָשן... צוריק אין זייערע פאַרשאָלטענע לאָפּעס אַריין, צוריק צו „פּייקעס און באַלאַנדע"...

מען פירט מיך צום נאַטשאַלניק.

— זאָג! מיט וועמען האָסטו אויסגעביטן דיין דיעלאָ?

— מיט וועמען האָב איך געהאַט אויסצובייטן? קוקט איבער די „דיעלאָס" פון מיינע חברים (ווער ווייסט ווו זיי זיינען)?

איצט פאַרשטיי איך שוין. דעמלט, ווען מען האָט געענדערט מיין נומער, אין 1942, ביי דער אַמנעסטיע אויף די פּוילישע, האָט מען עמעצן באַפריים אויף מיין נומער. וויפל און וווהין איך האָב געשריבן, צו אַלע „נאַטשאַלני־

קעס״, פּראָקוראָרן, ווערכאָווני סאָוויעט, ווו ס׳איז נאָר געווען אַן אַדרעס, האָט מיר ביז היינט קיינער ניט געענטפערט. אפשר בעסער אַזוי? ווייל פיל פון די „אַרויסגעלאָזטע״, צווישן זיי מיינער אַ חבר פון דער זעלבער „דיעלאָ״, וואָס האָט געהאַט דאָס גליק יאָ באַפרייט צו ווערן, האָב איך מער ניט געזען און ניט געהערט. געזאָגט האָט מען, אַז די פּאָליאַקן האָבן אויס־געהרגעט אַ סך יידן, נאָכן קומען פון רוסלאַנד.

מיין „נאַטשאַלניק״ פון „עמ וועדע״ אין נאָוואָסיבירסק קוקט אויף מיר בייז, איך זאָל אים זאָגן מיט וועמען איך האָב געביטן מיין „דיעלאָ״...

ער האָט מיך אַרויסגעשיקט צוריק אין באַראַק אַריין און אויף צו מאָרגנס שיקט ער מיך צוריק, מיט פונקט אַזאַ „סטאָליפּינסקי״ וואַגאָן פון דער צאַרישער ירושה, קיין מאַרינסק...

מיין איצטיקער צוריקקער מיטן „סטאָליפּינסקי״ איז אַ ביסל מער מזל־דיק, ניט אַזוי איבערפולט. אַ צענדליק חברה, נאָר וואָס פון תפיסה, ווערן אַריבערגעשיקט אין לאַגער. ווי די שטשורעס האָבן זיי דערשמעקט אין מיין טאַש אַ שטיקל ברויט, מיין טעגלעכער „פּאַיאָק״. אַלע יונגע חברה, אויסגעהונגערט ווי די וועלף. איך האָב זיי געמוזט געבן אַ שטיק פון מיין ברויט, זיי זאָלן מיך לאָזן אָראָפּשלונגען מיין שטיקל. איך בין שוין מער בר־מזל, איך ענדיק, און זיי גייען ערשט אָנהייבן.

ביים וואָקזאַל איז געשטאַנען אַ „סטרעלאָק״, דער זעלבער וואָס האָט מיך אַהער געפירט. ער דאַרף מיך ברענגען צוריק אין לאַגער אַריין. דער דרויסן איז אַ טריב־וויינענדיקער, פויל, בלאָטיק. איך שלעפּ אַ פּאַק אויף די פּליי־צעס, איך ציִ אַרויס די פיס פון איין שפּאַן בלאָטע, און קריך אַריין אין אַן אַנדערן. דער שוויס קלעפּט צו ס׳העמד צו די פּלייצעס, בייסט, דער אָטעם שטיקט. ווען וועל איך דערלעבן זייערע פּטור צו ווערן?

— אַלע צרות צוליב דיר, דו זשידאָווסקע מאָרדע! אַהין דיך שלעפּן, צוריק דיך שלעפּן... אין דיין זשידאָווסקע מאָרדע אַריין! — צעשרייט זיך דער קאָנוואָי אַ פאַרביטערטער אויף מיר. גלייך איך בעט אים, ער זאָל מיך פירן. ער מיינט, אַז ער טוט מיר אַ טובה...

מיט אַ בינטל יאָרן צוריק, וואָלט איך אַ נעם געטאָן אַזאַ זעלנערל ביים

פופיק און אים איבערגעבראָכן איבערן ביקס. אָבער איצט איז דער פּאַר־דאַרטער פאַרשוין מיין קאַנוואַי, און אַז איך וועל זיך נעמען מיט אים אויסטענהן, מעג ער אין מיר אַריינשיסן אַ „פּאַסאַליע״. אַרום זעט מען ניט קיין נפש, קען ער זאָגן, אַז איך בין אים באַפאַלן. ווי וועל איך באַווייזן אַז ס׳איז אַ ליגן? בעסער שווייגן.

✶

וואָס וועט איצט זיין? שוין איבער אַ חודש בין איך אַ „באַפרייטער״ און זיץ אין לאַגער. קיינער זאָגט מיר גאָרניט, קיינער פרעגט מיך גאָרניט.

אַ קאַלטער ווינט מיט פלינעדיקע שניי־גרויפּן, וואָס שטעכן, ווי טשוועק־לעך אין פּנים. די ערד איז שוין איינגעפרוירן אין גרודעס. דער אומעט מיטן פראָסט שניידןביידע, ווי מיט שאַרפע מעסערס. אָט שטייסטו פאַר אַ נייער ווענדונג אין לעבן, און זיי האַלטן דיך אין זייערע אייזערנע, קאַלט־פאַר־פרוירענע נעגל. נישטאָ אַ טראָפּן האַרציקייט, אַן אָטעם פון פריינדשאַפט. אַ ביסל וואַרעמקייט צו דערקוויקן די נשמה... טעג שיטן זיך, איינער גראָער פונעם אַנדערן... אומעטיקע סיבירער פאַרפרוירענע נשמהלאָזע טעג און וואָכן, ווי בליי לייגן זיי זיך אויף דער נשמה. אויסהאַלטן — זאָג איך צו זיך, ווער ס׳לעבט ניט איבער ס׳שלעכטע, קען קיין גוטס ניט דערלעבן. און קומען מוז עס דאָך... ס׳קען אייביק אַזוי ניט גיין! וואָס פאַרט טוט מען? צום נאַטשאַלניק! געגאַנגען! טרייב איך זיך אונטער. ער קוקט מיך אַן דרימלענדיק, ניט רירנדיק זיך, גלייך אַ מוראַשקע האָט זיך באַוויזן.

— מירן זען! — איך הער, אַז עפּעס אַ העכערער „נאַטשאַלניק״ קומט פון „אָבלאַסט״, אַ לאַטיש, פון „עמוועדע״ אָבער אַן עלטערער, ס׳קען דאָך ניט זיין, אַז אַלע זיינען אַזעלכע אויסגעטריקנטע, טעמפּע, ניט פילנדיקע. אפשר גאָר פאַרט אַ שטיקל איירָאפּעער? איך ווער געוואָר פון אַ ייִנגל פון אַ 14—15 יאָר, אַן אַרעסטאַנט, דער שומר ביי דער טיר אינעם קאָרידאָר ביים נאַטשאַלניק, ווען דער לאַטיש־נאַטשאַלניק קומט. איך האָב אים שוין געזען. איך גיי אין „אורטש״ און קוק אויס אַ מינוט צו טרעפן ביידע נאַטשאַל־

ניקעס צוזאַמען. איך דערקען, אַז מיין אַריינקום שמעקט נישט מיין פּריץ. דאָס איז גוט.

— בירגער „נאַטשאַלניק"! ווי לאַנג וועל איך לויפן? וואָס האַלט איר מיך דאָ? שוין אַ האַלב יאָר, אַז כ'האָב פאַרענדיקט דעם סראָק. איך בין ניט קיין סאָוויעטישער בירגער. וואָס האַלט איר מיך?

— יעדן טאָג דאָס זעלבע — דערציילט ער אומצופרידן דעם לאַטיש־נאַטשאַלניק. און צו מיר: קום אַריין דעם קומענדיקן דינסטיק, וועלן מיר זען...

קומענדיקן דינסטיק איז ער אין גאַנצן ניט געווען. איך בלאָנדזשע ווי אַ פרעמדע שאָף, אין אַ פרעמדער טשערעדע.

דאָס בחורל אין קאָרידאָר מאַכט מיר שווערקייטן ביים אַריינגיין צום נאַטשאַלניק. אָבער ער קען מיך שוין גוט. און איך סטאַרע זיך צו זיין גוט מיט אים. די געביידע פון „אורטש" איז געבויט ווי דער אות „ר". פון דער רעכטער זייט פירט אַ קאָרידאָר, און אַנטקעגן, ביים סוף פון קאָרידאָר, איז אַנגעשטעלט מיט אַלעם גוטן. צווישן זיי האָט זיך אין די אויגן געוואָרפן אויף לינקס, וואָס פירט צו דער „אובאָרנאַיאַ", דער טואַלעט.

ביים אַריינקום, אויף דער רעכטער זייט, זיינען פאַראַן אַ פּאָר בענק צום זיצן. פון דער לינקער זייט זיינען די צימערן פון פאַרשידענע אַמטן. דאָס בחורל, דער וועכטער פון „אורטש", שטייט פאַרנט, ביים אַריינגאַנג אין בנין, און ווייזט יעדן ווהין צו גיין. איך זעץ זיך אָפט אַוועק אין קאָרידאָר אויף אַ באַנק און פאַרפיר מיט אים אַ שמועס. אַלץ קומט צו נוץ צו וויסן.

צום „נאַטשאַלניק", העלפט ניט קיין גיין. דער לאַטיש האָט דערווייל אויך גאָרניט באַוויזן. און די חדשים רוקן זיך. אין „פאַשיסטישן" פּוילן פון פאַר דער מלחמה, אויב מען האָט פאַרהאַלטן איינעם אַ טאָג לענגער פון אורטייל, האָט מען געקענט אַנקלאָגן און נעמען אַנטשעדיקונג פאַר האַלטן אָן אַ משפט. דאָ אָבער, אין דער סאָוויעטן־מדינה, מעג מען האַלטן, ווי לאַנג דעם „נאַטשאַלניק" גלוסט זיך. קענסט קיינעם ניט באַשולדיקן און ניט אַנקלאָגן, כאָטש שריי „חי וקים". קריגסט אַ „פּייקע" און גיי דיין וועגס!

דער „נאַטשאַלניק" האָט שוין אַ ברוגזער מיר געענטפערט, אַז ער האָט ניט באַקומען מײנע פּאַפּירן מיט דער „דיעלאָ". ער האָט שוין געשריבן און טעלעפאָנירט און אַז עפּעס וועט קומען וועט ער שוין שיקן נאָך מיר. ס'דערמאָנט מיך משה נאַדירס: אויב האָסט אַ שונא, זעץ זיך אַוועק אויף אַן 80 יאָר, און וועסט דערלעבן דײן נקמה. וועסט זען, ער וועט שטאַרבן"...

דאָס ייִנגל האָט זיך אויסגערעדט, אַז איבער אַכט טאָג וועט דאָ זײן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון „נאַטשאַלסטווע" מיט פּראָקוראָרן, און ווער ווייס וואָסערע נאָך „קנעפּלעך". איך האָב זיך געמאַכט ניט פאַראינטערעסירט, און אין זעלבן טאָג, אין דער געהעריקער שעה, האָב איך זיך באַוויזן אין „אורטש".

דאָס בחורל שטייט אין מיטן קאָרידאָר, און לאָזט קײנעם ניט ווייטער. אַלע וואָס קומען מוזן זיצן אויף די בענק. איך האָב זיך געריכט דערויף, און שוין פריער אָפּגעקלערט וואָס צו טאָן. הינטער אים איז די „אובאָרנאַיאַ", וועל איך זאָגן, אַז איך וויל גײן אין טואַלעט... אַזוי האָב איך געטאָן. איך בין אַרײַן אין טואַלעט, און ווי גיך ער האָט זיך אויסגעדרייט צו די איבעריקע אין קאָרידאָר, בין איך הינטער זײנע פּלייצעס גלייך אַרײַן אין נאַטשאַלניקס אָפּטיילונג.

אפשר אַ 15—20 נאַטשאַלניקעס זײנען געזעסן אַרום אַ לאַנגן טיש, אָנגעשטעלט מיט אַלעם גוטן. צווישן זיי, האָט זיך אין די אויגן געוואָרפן אַ יונגע, שײנע, שוואַרצהאָריקע „נאַטשאַלניצע" מיט אַ חנעוודיקן שמייכל אויפן פּנים. מײן נאַטשאַלניק האָט, דערזעענדיק מיך, זיך פאַררויטלט. איך בין געבליבן שטיין אַ ביסל אַ צעמישטער, אָבער טראַציק און פילנדיק זיך באַרעכטיקט, ווען אַלע האָבן גענומען קוקן אויף מיר פאַרחידושט.

פאַר וואָס האַלט איר מיך דאָ?

— איך וויל וויסן פאַר וואָס האַלט מען מיך דאָ שוין באַלד אַ יאָר, נאָכן פאַרענדיקן מיין אורטייל? איך בין ניט קיין סאָוויעטישער בירגער און כ'וויל וויסן פאַר וואָס מען באַפרייט מיך ניט?

מיין נאַטשאַלניק האָט עס געפּרוווט מאַכן צו קליינגעלט און מיך אַרויס־פּטרן, אָבער גראָד די שיינע, יונגע פרוי, מיטן שוואַרצן קאָפּ האָר, האָט זיך אַ שטעל איין געטאָן:

— פּאַדאָזשדי, נאַטשאַלניק! (וואַרט) לאָז הערן...

איך האָב ווידער דערציילט ביי אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט די מעשה מיטן האַלטן מיך דאָ שוין אַזוי לאַנג נאָכן פאַרענדיקן דעם אורטייל און זי האָט דערווייל פון צייט צו צייט אַלץ געוואָרפן אַ קוק אויף אַלע אַרומיקע „נאַטשאַלניקעס", איינס נאָך איינס, דערנאָך זיך אויסגעדרייט צו מיין נאַטשאַלניק און זיך אָנגערופן:

— וואָס זאָגסטו דערצו, נאַטשאַלניק? — האָט זי אויפמערקזאַם, פאַר־וואַליע געצויגן ס'לעצטע וואָרט.

— איך האָב שוין 10 מאָל טעלעפאָנירט צו ברענגען זיינע זאַכן, און ס'העלפט ניט.

— פון וואַנען ביסטו? — האָט זי זיך געווענדט צו מיר.

— פון אַנטיבעסער קאָלאָניע — ענטפער איך.

זי האָט אַ שלעפּ געטאָן צו זיך דעם טעלעפאָן, וואָס איז געשטאַנען ניט וויט אויפן טיש, אָנגעקלונגען, און רויק, מעשה בעל־הבית, אַריינגערעדט:

— דאָ רעדט דער ראַיאָן־פּראָקוראָר פון קעמעראָווער אָבלאַסט... צום נאַטשאַלניק פון דער קאָלאָניע „אַנטיבעס"...

— אין לויף פון 24 שעה מוז געבראַכט ווערן אַהער, אין מאַרינסקער „פּערעסילני פונקט" אַלץ וואָס געהער צום „געוועזענעם"... זעקא... אייער נאַטשאַלניק איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אויספילן דעם באַפעל.

זי האָט אָװעקגעלייגט ס׳טרייבל, און צו מיר האָט זי געוואָרפן אַ באמת פריינדלעכן בליק, מיט אַ מענטשלעכן שמייכל (צום ערשטן מאָל האָב איך עס געזען), און מיר געװוּנטשן אַ גליקלעכן װעג אַהיים. איך האָב געזען אַז זי האָט הנאה געהאַט פון אויספירן אַזאַ שטיקל אַרבעט...

מיין גאָט! — האָב איך מיר אַ זאָג געטאָן — זיינען דאָך נאָך אַפילו אין גיהנום פאַראַן מענטשן! און אויב זי לעבט נאָך ערגעץ דאָרט, ניט אין לאַגער נאָך... װינטש איך איר צו האָבן מענטשלעכע הנאה און פרייד צו העלפן אויסרוימען דאָס געמיינע, ליגנערישע, פוילע מיסט פון יעדן װינקל און אַריינגעבן אין יעדן האָפענונג און גלויבן, אַז ניט אַלץ איז שוין פאַרלוירן...

צו מאָרגנס האָט געבלאָזן אַ קאַלטער װינט. אַ שניי האָט אָנגעשיט ביי נאַכט. און פאַר מיר האָט אַ זון אויפגעשיינט.

פריי

מיינע זאַכן מיט די פּאַפּירן זיינען שוין פאַראַן. די „דיעלאָ״ איז מיט אַן איבערגעמאַכטן נומער, כאָטש דער תוכן איז שוין מיינער... מען רופט מיך אין „אורטש״, ווו איך געפין שוין אַלץ פאַרטיק, נאָר מיט אַ קליינעם אונטערשיד: געגומען האָבן זיי מיך פון מיין היים אַ יונגן, אַ געזונטן, אַן אומדערפאַרענעם אינעם סאָוויעטישן שטייגער־„לעבן״. איצט בין איך אַן אַלטער שוין, אַ צעבראָכענער, אָן אַ היים, אָן אַ משפּחה, אָן אַן אַדרעס. מען גיט מיר מיין פּאַק אויף די פּלייצעס, מען עפנט אויף דעם טויער, מען שטעלט מיר אַרויס פון יענער זייט, און דער פינצטערער טויער ווערט פאַרמאַכט הינטער מיינע פּלייצעס.

אַ שטיק גליק איז עס, אָבער אַרום איז אַ פרעמדע וועלט. דער סיבירער ווינטער... אונדזער לאַגער איז היפּש ווייט פון שטאָט, וווהין איך האָב אַ פּאַפּירל אין טאַש מיט אַן אָנווייזונג צום שטאָטישן „נאַטשאַלניק״ צו געבן מיר פּאַפּירן צו פאָרן צו דער גרענעץ, און פון דאָרט, ווי אַ פּוילישער בירגער — קיין פּוילן.

דערווייל אָבער זיץ איך אַ צעבראָכענער „דאָכאָדיאַגע״ אויף יענער זייט פון לאַגער, אויף דער שוועל פון דער „קאָמענדאַטורע״. גיין קען איך ניט, קיין דירעקטע פאַרבינדונג מיט דער שטאָט איז ניטאָ. קוק איך אינעם שטומען, גראָען, פרעמדן הימל אַריין: „מאין יבוא עזרי״? קיין הייזער אַרום ניטאָ, אַ קאַלטער פאַרפרוירענער נאָוועמבער־טאָג אין סיביר. כאָטש גיי און בעט זיך צוריק אַריינגענומען צו ווערן... וואָס וועט זיין, זאָל זיין! — זאָג איך צו זיך אַליין. עפּעס מוז דאָך געשען...

אַנטקעגן געפינט זיך אַ ראָזאָקאָנוואָיני „קאָניושניע״, אַ פערד־שטאַל, מסתמא צו באַדינען „נאַטשאַלסטווע״. קומט אַרויס איין נאַטשאַלניק, גיט אַ קוק אויף מיר, ווי אויף אַן איבעריקן שטיין אין מיטן וועג, און גייט

אוועק. קומט נאך אַ נאַטשאַלניק, גיט אויף אַ קוק און אַזוי ווי דער ערשטער — גייט ער זיך אַוועק. ווער בין איך, אַז ער זאָל אויף מיר לייגן אַכט ?

אַ דריטער נאַטשאַלניק... אַן אינטעליגענטער אויסזען... דווקא אַ דאַרער, אַן עטלעכע און דרייסיקער. ער גיט אַ קוק אויף מיר פאַרחידושט, שפּאַנט אוועק אַ פאַרקלערטער, און קערט זיך באַלד אום צו מיר:

— וואָס זיצסטו דאָ?

— באַפרייט זיך, און קען ניט גיין קיין מאַרינסק... די פיס טראָגן ניט...

— העי, אַנטאָן! — טוט ער אַ געשריי אַריבער צו דער „קאָניושניע״

— שפּאַן איין אַ פערדל, און פיר אָפּ דעם „מענטש״ קיין מאַרינסק, צום צענטער!

מען האָט מיך אָפּגעפירט, אַראָפּגעלאָזט ביים צענטער. אַ נייַ שיין הויז, געבויט פון האָלץ.

אַנגעוויזן האָט מען מיר צו אַ טיר, און אינעווייניק — דער לאַטיש, וואָס פלעגט קומען אין לאַגער און ער האָט מיך געטראָפן ביים נאַטשאַלניק. ער האָט אויף מיר אַ קוק געטון אַ ביסל „אַנדערש״, דערקענט מיך. איך גיב אים מיין צעטל און ער נעמט אַרויס אַ פאַרטיקן סאָוויעטישן „פּאַשפּאָרט״, פאַרטיק אויסגעשטעלט, און הייסט מיך אונטערשרייבן. ווידער אַ סאָוויעטישער „פּאַשפּאָרט״... איך זאָג זיך אָפּ אונטערצושרייבן און נעמען דעם פּאַשפּאָרט. „איך בין ניט קיין סאָוויעטישער בירגער און וועל קיין סאָוויעטישן פּאַשפּאָרט ניט אונטערשרייבן!״ — הייב איך אָן מיין אַלטן חשבון מיט זיי, און קלער ביי מיר, אַז באַלד ווערט ער מלא רציחה. כ׳האָב אָבער אַ טעות געהאַט. ניט נאָר האָט ער זיך מיט מיר ניט אויפגערעגט, נאָר גאָר גענומען מיט מיר איינטענהן: — אַזוי איז די פּראָצעדור, מיט אַלע...

— איך וועל קיין סאָוויעטישן פּאַשפּאָרט ניט אונטערשרייבן. איך בין ניט קיין סאָוויעטישער בירגער...

— קיין אַנדערער וועג איז ניטאָ! מיר גיבן דיר דעם היגן פּאַשפּאָרט מיט אַ בריוו צו דער גרענעץ. מיר גיבן דיר מיט אַ פאַרמאַכטן בריוו. דאָרט נעמט מען ביי דיר אַוועק אונדזער „פּאַשפּאָרט״ און דו גיסט זיי דעם בריוו, און דאָרט קריגסטו אַ פּוילישן דאָקומענט.

— איך וויל אָבער דעם סאָוויעטישן „פּאַשפּאָרט" ניט אונטערשרייבן.
— אָן דעם פּאַשפּאָרט קענסטו אין ערגעץ ניט פאָרן.
— וועל איך פאָרן אָן אַ „פּאַשפּאָרט".
— וועט מען דיך כאַפּן, צוריקברענגען אַהער, וועסטו דערפאַר געמשפּט ווערן, און באַקומען נייע יאָרן צו זיצן, פאַר גיין אָדער פאָרן אָן אַ פּאַשפּאָרט.

איך האָב פאַרשטאַנען אַז איך האָב ניט קיין ברירה. זיינע ענטפערס זיינען „לאָגישע". איך האָב געטראָפן אַ סך, וואָס זיינען פאַרמשפּט געוואָרן אויף יאָרן פאַר ניט האָבן קיין פּאַשפּאָרט. איך האָב געהאַט אַ ביסל מער צוטרוי צו אים צוליב זיין סאָלידקייט און אונטערגעשריבן. ער האָט מיר געגעבן אַ פאַרמאַכטן בריוו, אָנגעזאָגט מיר, ניט צו עפענען און גוט באַהאַלטן, ער האָט מיר געגעבן אַ באַן־בילעט, און װילך — צוריק אין וועג אַריין.

אין וועג אַריין

דער וועג צום באַנהויף פירט דורך אַ ברייטן שטראָז פון דאָרפישן סטיל. אַ בערגל אַרויף, אַ טאָל אַראָפּ, ליימיק, צוגעפּרוירן ביי די זייטן. און פּלוצעם — אין מיטן שטראָז אַז אָזיערע פון צעגאַנגענעם און וואַסערדיקן שנייגרוב, די ברייט איבערן גאַנצן שטראָז. איך גיי אין אַ פּאָר וואַלינקעס, איז איינער אַ קורצער און דער אַנדערער אַ לאַנגער, איינער אַ ליכטיקער, דער אַנדערער אַ טונקעלער, און ביידע — נאַס און שווער. ווי קומט מען אַריבער אויף יענער זייט? איך שפּאַן אַריין אין די וואַלינקעס, אין מיטן וואַסער אַריין, אפשר איז ער ניט אַזוי טיף. די וואַלינקעס וועט דער רוח ניט נעמען — קלער איך מיר — און שטעל נאָך אַ שפּאַן פאָרויס. די בלאָטע מיטן קאַלטן וואַסער דערגייען שוין ביזן סוף פון קליינעם וואַלינאַק, וואָס מער איך גיי, ווערט דאָס וואַסער אַלץ טיפער. איך קער זיך אום, און טראַכט ווי אַזוי אַרומצוגיין די אָזיערע. ביידע זייטן זיינען פאַרמאַכט מיט נידעריקע פּלויטן, די פיס שלעפּן קוים די שווער געוואָרענע וואַלינקעס. איך האָב אויך אַ פּאָר „מיוחסדיקע" שיך, וואָס מען גיט צום באַפרייען זיך, זיינען זיי האַלב קערזע, געמאַכט ווי פאַר מתים, צום אַריבערפּעקלען אויף יענער וועלט. פאַלט מיר איין אַריבערשפּאַנען דאָס פּלויטל און אַרומגיין די אָזערע. און אָט בין איך שוין פון יענער זייט אָזיערע.

די נאַכט האָט זיך גענומען דערנענטערן און בלאָזן מיט אַ קאַלטן דורכנעמענדיקן ווינט. ווען פון ווייטן האָט זיך באַוויזן אַ רויט־ציגלנע הייזל — דער וואָקזאַל. אינעווייניק האָט די שטיינערנע פּאָדלאָגע געענטפערט מיט אויך אַזאַ שטיינערנעם „ברוך־הבא", ווי אַלץ דאָ אַרום.

איך האָב זיך גענומען אַרומזען וועגן אַ פּלאַץ. קיין בענק זיינען דאָ ניט פאַראַן. אַרום איז פול מענטשן. טייל פון זיי שפּרייטן אויס שמאַטעס לענג־אויס די ווענט.

— העי, קום אַהער! — האָט מיך אַ פּרויען־שטים אַ רוף געטאָן — קום, זעץ זיך דאָ, אויף מיין קאָץ, איך האָב דיך געזען אין „אורטש"...

איך בין גערן געווען צו טרעפן עמעצן, וואָס האָט נאָך אַ באַדאַרף און אַ ווילן, צו האָבן עמעצן נעבן זיך און רעדן מיט אַ פריינדלעך קול...

— באַפרייט זיך?

— יאָ, היינט.

— איך אויך היינט... דאַרפסט קאָמפּענסירן דיין בילעט, אַז ניט, קענסטו דאָ זיצן אַ פּאָר וואָכן, וואַרטנדיק אויף אַ פּלאַץ אין באַן...

באַלד האָט זיך גראַד באַוויזן איינער, וועמענס אַרבעט איז געווען דאָס „קאָמפּענסירן" בילעטן. אין מיין לעבן האָב איך נאָך אַזאַ זאַך ניט געהערט. ער איז אַוועק מיט די בילעטן און אין גיכן זיי צוריק געבראַכט. פאַרטיק, „קאָמפּענסירט"...

— ווען גייט די באַן?

— ווער ווייסט? אפשר מאָרגן... קענסט קיין מאָל ניט וויסן...

איך האָב מיך דערווייל צוגעזעצט נעבן דער יונגער פרוי, וואָס האָט אויסגעזען אַ „נאַצמענקע" און זי האָט מיר באַלד גענומען דערציילן וועגן זיך. זי איז אַן אַקטריסע פון קירגיזישן טעאַטער; אַריינגעפאַלן פאַר „באַל־טאַוויניאַ" (עפּעס רעדן) אויף 8 יאָר „נאַר"...

— העי, ציגאַניאַק! — האָט זי אַ געשריי געטאָן און אַרויסגענומען אַ קעסעלע.

אַ יונג ציגיינערל, מיט רירעוודיקע, קלוגע שוואַרצע אייגעלעך, איז צוגעלאָפן, אַ כאַפּ געטאָן ביי איר ס'קעסעלע. באַלד זיינען געקומען צו לויפן נאָך קינדער — בלאָנדע, שוואַרצע, מיטן ווילן צו באַדינען פאַר אַ שטיקל ברויט.

— אויב דו ווילסט, נעם איך דיך מיט קיין קירגיזיע... דו געפעלסט מיר.

דערווייל איז צוגעפאַלן די נאַכט און אַלע האָבן זיך געלייגט שלאָפן.

זי האָט זיך נענטער צוגערוקט צו מיר און מיט איר דעק מיך איינגעדעקט. איך האָב זיך דערמאָנט ס'ווערטל: „זאָל זיין פון אַ קאָזאַק, אַבי צום לעבן". אַלע האָבן זיך געטוליעט איינער צום אנדערן, אַבי צו פילן אַ ביסל וואַרעמקייט.

— פאָיעזד... דאָוואָיטע ביסטרעיע! — האָט עמעצער זיך צעשריגן אין מיטן דער נאַכט. אומגעריכט איז געקומען אַ באַן קיין נאָוואָסיבירסק. אַלע האָבן גענומען, האַלב פאַרשלאָפן, יאָגן צו דער באַן, וואָס איז געשטאַנען סאַפּענדיק, ווי איבערצוכאַפּן דעם אָטעם, און ווייטער לויפן...

(צו מאָרגנס זיינען מיר פאַרפאָרן אויפן נאָוואָסיבירסקער באַנהויף, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך אַ סך דערמאָנונגען, מיט זיין ענלעכקייט צום לעמבערגער באַנהויף. ווי לאַנג איז, ווי מען האָט אונדז פון דאָרט געפירט אַהער? מיר זיינען געפאָרן אַלע יונגע און געזונטע, מיט רעטענישן אויף אונדזערע פנימער וועגן די נייע וועגן און מענטשן... איצט פאָר איך איינער, אַ צעבראָכענער, אַן אויסגעמאָגערטער, מיט אויס־געלאָשענע חלומות, און איך ווייס שוין, סאַראַ שווערע עתיד ס'וואַרט מיך אין דער גרויליקער, נאָך־מלחמה־וועלט, אָן אַ היים, אָן משפחה. פון אונדזערע 10 חברים ווייס איך פון דריי לעבעדיקע, און דער פערטער בין איך. די מערדער פון דער וועלט דרייען זיך אַרום און באַהאַלטן זיך אויס צווישן מענטשן.

געווען אַ מאָל אַ פּאָליציי־קאָמענדאַנט ביי אונדז מיטן נאָמען אַדאָמ־טשוק, אַ נידעריקער אין וווּקס, און נאָך נידעריקער — אין איבערקלויבן די מיטלען קעגן זיינע קעגנער אָדער פאַרברעכער. גניבות זיינען געוואָרן אַ פּלאָג אין ראַיאָן ווו ער איז געווען דער קאָמענדאַנט. האָט מען אייך מאָל געכאַפּט אַ גרויסן גנב און אים איינגעזעצט. אַדאָמטשוק האָט אים צו זיך אַרויסגערופן און מיט אים געמאַכט אַן אָפּמאַך, אַז פון היינט אָן וועט מען אים קיין מאָל ניט איינזעצן פאַר גניבות, אָבער ער מוז העלפן אויסגעפינען אַלע קאָמוניסטן.

דער האַס פון די מענטשן, וואָס האָבן געוווּסט דערפון, צו אַדאָמ־טשוקן, איז געווען גרויס, פאַר זיין באַטראַכטן „פּאָליטישע" ערגער ווי

גנבים. מען האָט זיך געזאָגט, אַז אַזאַ צוגאַנג קען זיין נאָר ביי דער קאַפּי־טאַליסטישער אָרדענונג.

און אָט האָבן מיר געהאַט ס'גליק צו דערקענען און לערנען, ווי דאָס זעט אויס אין דער „פאָרשריטלעכער" סאָוויעטישער געזעלשאַפט...

דער נאָוואָסיבירסקער באַנהויף איז איינער פון די שענסטע אין דער וועלט. די „פּאַסטראָיקע" איז נאָך פון דער צאַרישער ירושה, מיט טרעפּ אַרויפצוגיין. אויף די העכערע שטאָקן איז דער לוקסוס גרעסער. אַרום איז פול מיט „אויגן" וואָס קוקן יעדן דורך און דורך. און חוץ דעם — „אייזנבאַן־עמוועדע", אָפיציעלע, מיט רויטע פּאַסיקלעך אַרום די בלאָע היטעלעך מיט גלאַנצנדיקע דאַשיקלעך. וועגן אַנידערזעצן זיך דאָ, אָדער זיך צושפּאַרן, איז ניטאָ וואָס צו קלערן, און קיינער וויל ניט פאַלן אין די אויגן פון די „אָפיציעלע" חברים. בעסער זיי ניט צו קענען... דער „המון־עם" פון די פּאַסאַזשירן ווערט אַראָפּגעטריבן טיפער, אין די קעלערן, מיט די קאַלטע, בעטאָנענע ווענט און בריקן.

דאָ ליגן שוין ווידער טויזנטער מענטשן, צונויפגעדריקטע, צונויפ־געטוליעטע, מיטן שווערן גורל־צייכן אויף די פּנימער: אויסהאַלטן, אי־בערטראָגן. קיינער וויל ניט שטאַרבן איצט. איין דראַנג איז ביי אַלעמען אין די אויגן: איבערהאַלטן, צו להכעיס די, וואָס טרייבן מיליאָנען צום גיכן אונטערגאַנג.

קאָמפּענסירן בילעטן — קענסט ניט פאָרן אָן אַ קאָמפּענסירטן בילעט. אַ טאָפּעלער מסחר. קודם פאַרקויפט מען בילעטן, און דערנאָך הויבט זיך ערשט אָן די צרה פון „קאָמפּענסירן".

טויזנטער מענטשן שטייען אין די רייען ביי די קאַסעס. ביי טאָג און ביי נאַכט. „פּאָ אָטשערעדי" — אין דער ריי, וואַרטנדיק אויפן גליק פון „קאָמפּענסירן" אַ בילעט, מען זאָל קענען אַרויסגיין צו דער באַן, און האָפן ערשט צו קענען זיך אַריינבאַקומען אין דער באַן. נאָך אַלץ וויל צו דעם, וואָס האָט געזונטע הענט און פיס...

איך, און אַזעלכע ווי איך, האָבן זיך ניט געקענט צושלאָגן צום „קאָמפּענסירן" און אפילו ניט געקענט האָפן אַזוי גיך, זיך צו דערשלאָגן צום פענצטערל, צו באַקומען „קאָמפּענסירט" דעם בילעט כדי צו קענען ווייטער פאָרן. און דאָ קומען אָן אַלץ נייע און נייע טויזנטער מענטשן און שטעלן זיך אין די קילאָמעטער־לאַנגע מעת־לעתיקע רייען. מענטשן זיצן, שטייען און ליגן אויף דער ערד, לענג־אויס די ווענט, צו דער קאַסע. מיט אַ מאָל גיט זיך אָן עפן אַ פענצטערל, הויבט מען זיך אָן שטופּן. איינצעלנע גליקלעך־שמייכלענדיקע, גייען אַוועק וואָס גיכער צו זייערע משפּחות. פלוצעם פאַרמאַכט זיך צוריק ס׳פענצטערל, און די טויזנטער אין ריי לייגן זיך, צוריק אויף דער קאַלטער ערד, און שפּאַרן זיך אָן אין די שטיינערנע ווענט... און האָפן... באַלד וועלן זיך ווידער עפענען די פענצטערלעך, און ער וועט זיין געענטער...

די „פרייד" פון אַרבעט...

איך האָב ניט געקאָנט קלערן צו דערשלאָגן זיך צו „קאָמפּענסאַציע". מיטן קלענסטן ביסל כוח שטופּט מען מיך אַוועק, און איך וואַרט אויף אַ נייער „אַטשערעד". איך בין ניט אַזוי צעקראָכן, אָבער גיי שלאָג זיך מיט אַ וועלט פאַרברעכער, וואָס יעדער פון זיי האָט שוין מיט יאָרן צוריק פאַרזוכט סטאַלינס לאַגערן, און ווייסט שוין, אַז „שטאַרב דו היינט, נאָר איך מאָרגן". און אַז ער קומט מיט דער „איבערדערצויגענער" מאָראַל צוריק אויף דער פרייַ, ווייסט ער שוין, אַז „יענער איז גאָרניט, נאָר איך בין דער עיקר". אַזעלכע קלוגע פאָלקסווערטלעך ווערן דאָ געבוירן, ווי למשל: „אַ „דיך" וועל איך געפונען, אָבער אַ „מיך" נישט". ניט קיין קלאָר בילד פון די „סאָציאַליסטישע" פאַרהעלטנישן?

קריך איך דערווייל אַרום איבער די שטאָקן, ווי לאַנג איך קען קריכן, און קוק אַריין אין טירן און פענצטער פון זייערע „סאָוויעטישע" פּריצישע סאַלאָנען. איך קוק אַריין אין זאַל פון „מאַטערי אי רעביאָנקאַ" (מוטער און קינד), אַ קלייניקייט! אײַנגעאָרדנט מיט פּראַכט, קאָוויאָרן מיט אַלערליי שפּילערייען. איך האָב עס ניט געזען ביי די האַלב נאַקעטע קינדער אין נאָרילסק און דודינקע, וואָס זיינען געלאָפן אין זייערע פאַטערס גרויסע בושלאַטן צו גנבענען אַ פּאָר קאַרטאָפל פון שיף, און דער קאָמענדאַנט האָט זיי נאָכגעיאָגט; איך האָב עס ניט געזען אין מאַרינסק, צי קעמעראָוואָ, אויף די וואָקזאַלן, ווו קינדער מיטן „ציגאַניאַק" זיינען געלאָפן מיט פרייד, ברענגען אַ קעסעלע „קיפּיאַטאָק" (הייס וואַסער) פאַר אַ ביסן ברויט — נאַקעט, אין צעריסענע בגדים, פאַרפרוירן, אויסגעהונגערט...

נאָוואָסיבירסק איז שוין אַ שטיקל פענצטער צו דער וועלט. ס'קען אַ מאָל פאַרבלאָנדזשען אַהער אַן אויסלענדישער. טרייבט מען אַלע צרות

אין די קעלערן אַריין. טיפער, טיפער, קיינער זאָל ניט זען דאָס „מיסט" פון דער „זיגרייכער רעוואָלוציע", וואָס האָט זיי געבוירן אַזוי פּאַרקו־פּלט און אומגליקלעך, וואָס האָט ביי זיי אַלץ צוגענומען און אויסגעלאָשן דעם מענטשלעכן גלאַנץ אין זייערע אויגן שוין אין די פריסטע יאָרן...

מען מוז געוואָרנט זיין, ניט צו באַשולדיקן ס'רוסישע פאָלק, דאָס פאָלק, וואָס האָט געבוירן שיינע, פרייע גייסטער מיט הויך־שוועבנדיקע נשמות, וואָס האָבן געהאָלפן פאַרשטאַרקן די נייע מאַכט, ניט וויסנדיק וואָסער מאָנסטער זיי העלפן געבוירן, און זיי זיינען טאַקע דערנאָך מיליאָנענווייז פון אים איינגעשלונגען געוואָרן...

יאָ, אַ שיינער וואָקזאַל, מיט שיינע זאַלן און אַ פּרעכטיקע איינריכ־טונג, נאָר אויף יעדער טיר איז אויפגעשריבן, ווער עס מעג דאָ אַריינגיין. אַ וועכטער ביי דער טיר. די גאַנצע פּראַכט דאָ איז ניט פאַר סתם דאָרט „אַרבעטער און פויערים", נאָר פאַרן נייעם, הערשנדיקן קלאַס, וואָס האָט נאָר איבערגעקערט ס'פּעסל, און פירט איין אַ נייעם קלאַס, מיט אַלטע כיבודים...

אין די קעלערן פון נאָוואָסיבירסקער וואָקזאַל

שוין דריי וואָכן, ווי איך, און טויזנטער ווי איך, אומגליקלעכע, אַרויסגעשטויסענע, פאַראומווערדיקט פון דער סאָוויעטישער „איבערדער־ציִונג״, ליגן מיר לעבנדיק באַגראָבענע אין די טיפע, קאַלטע קעלערן פון לוקסוריעזן נאָוואָסיבירסקער וואָקזאַל, וואָס וויזט פאַר ניט זעענדיקע אַ שיינעם, פּרעכטיקן בנין, מיט פּרעכטיקע, אויסגעצירטע זאַלן.

אויגן קוקן אַרויף מיט אַנטציקונג צו די גלעזערנע דעכער מיט אַלערליי מוסטערן, אָבער ווער וועט גיין קוקן אַראָפּ אין די טיפע קעלערן? איז דען אַ פאַרגעניגן צו זעען דערשלאָגנקייט, נויט, הונגער, פאַר־שטויסנקייט, האָפענונגסלאָזיקייט? ווער וויל דאָס זען? וועמען אינטערע־סירט עס? צו וואָס קוקן אויף פאַרקריפּלונג און אונטערגאַנג, באַהאַלטן אין די טיפע לעכער פון די שטיינערנע, טויטע, קאַלטע קעלערן? ניטאָ דאָ מער קיין קלאַסן! — שרייען זיי צו זייערע פאַרפינצטערטע און פאַרבלענדטע נאָכלויפערס. ווער וועט זיי דען פירן ווייזן די לעכער פון גרויזאַמען עלנט?

שוין דריי וואָכן זע איך די קאָנטראַסטן פון פרייד און אונטערגאַנג, פון בלינדן פריידיקן גלויבן און פאַרשטויסענעם אומקום. אַ פּאָר מאָל אין טאָג גיי איך אַ קוק טאָן צו דער קאַסע: אפשר האָט פאַרט זיך שוין איבערגעמאָלן די געדיכטעניש? פּלוצעם האָב איך דערזען אַ היטל פון „זשעליעזנאָ־דאָראָזשנאַיאַ עמוועדע״ און פון אונטערן גלאַנצנדיקן דאַשיק האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר אינטעליגענטע, מענטשלעכע אויגן, וואָס זיינען פול מיט מיטגעפיל צום קאָכנדיקן אַרום. עפּעס האָט מיך אַ צי געטאָן צו אים. איך בין צוגעגאַנגען, אים אַלץ דערציילט, ווי איך זיך שוין דריי וואָכן אין קעלער און קען זיך ניט דערשלאָגן צום „קאָמפּענסירן״ מיין בילעט, דערביי האָב איך ניט פאַרגעסן צו באַמערקן אים, אַז איך בין אַן „אויסלענדער״.

— קום מיט מיר! — האָט ער אַ זאָג געטאָן, געמענדיק מיין בילעט אין זיינע הענט.

ביי די קאַסעס זיינען ווי תמיד געשטאַנען טויזנטער מענטשן אין ריי, דערזעענדיק אָבער ס׳בלאָע היטעלע, זיינען אַלע אָפּגעטראָטן און ער איז מיט מיר צוגעגאַנגען צום פענצטערל און אַ זאָג געטאָן צו דער קאַסירשע:

— פּאָזשאַלסטאַ צו קאָמפּענסירן מיר דעם בילעט...

ס׳האָט ניט גענומען קיין 5 מינוט, ווי איך בין שוין געזעסן אין וואַגאָן אויפן וועג קיין מאָסקווע. מען דאַרף אַזוי ווייניק צו מאַכן מענטשן גליקלעך, ווען ניט די „גייט מיך ניט אָן" איינשטעלונג און די דערשלאָגנ־דיקע אַפּאַטיע. איינער פּילט נים מיט דעם אַנדערן. די אַרבעט גיט ניט קיין געהעריקע לעבנס־פרייד און באַפרידיקונג. קומסט אַ מידער פון דער אַרבעט מוסטו גיין זוכן אַ זייטיק פאַרדינסט. רוי־מאַטעריאַל איז מלוכיש, געפינסטו עס נאָר אויפן „טאָלטשאָק" (שוואַרצער מאַרק), ווו מען מוז צאָלן געזאָלצענע פרייזן. יענער האָט עס ערגעץ געגנבעט, מוז ער נעמען אַ בעסערן פּרייז. אָפּט מוז ער זיך טיילן מיט „נאַטשאַלסטווע". ער שטעלט זיך איין צו גיין אויף יאָרן אין די לאַגערן.

אין אונדזער שטאָט איז געווען אַן אַלטער קאָמוניסט, אבא, וואָס האָט קיין מאָל ניט געהאַט קיין גאַנצע הויזן, ווייל ער האָט ניט געוואָלט „רייך מאַכן די פאַבריקאַנטן". ווען די סאָוויעטן זיינען געקומען איז ער געוואָרן אַ „פאָלקס־ריכטער". ווען די סאָוויעטן זיינען אַוועק, איז ער מיטגעלאָפן ערגעץ קיין טיף רוסלאַנד, ווו מען האָט אים געמאַכט פאַר אַ וועכטער ביי אַ זאַוואָד, ער זאָל באַזוכן די אַרבעטער, וואָס גייען אַרויס נאָך דער אַרבעט. צו דעם מוז איך באַמערקן, אַז די אויסלענדישע קאָמו־ניסטן זיינען געווען ערלעך, איבערגעגעבן צו זייער אידעע, מער ווי די רוסישע מיט די אַלטע „פּאַרטיינע בילעטן" וואָס פיל פון זיי האָבן אויס־גענוצט צו אייגענעם ווילשטאַנד. די אויסלענדישע קאָמוניסטן זיינען געווען „מאמינים באמונה שלימה", ניט סתם אין דער וועלט אַריין, נאָר טאַקע ערלעך געגלייבט אין קאָמוניזם. איך בין זיכער, אַז מחוץ דעם

ראַטן־פאַרבאַנד זיינען פאַראַן מער ערלעכע קאָמוניסטן ווי אין רוסלאַנד, וו זיי ווייסן שוין, אַז אַלץ איז נאָר אַ פאַרמאַסקירטע מעשה. אבא האָט ערלעך אויסגעפירט זיין אַרבעט, וועלנדיק באַשיצן דאָס „סאָוויע־טישע״ פאַרמעגן, און מסתמא האָט ער אָנגעטאָן צרות ניט לאַזנדיק קיינעם אַרויסטראָגן די גניבות. האָט מען אים איין מאָל געפונען אַ טויטן, איינגעוויקלט אין אַ זאַק, וואָס מען האָט אים אָנגעטאָן אויפן קאָפּ.

ווער ס׳וויל ניט הונגערן, מוז גנבענען, אָדער ווערן דער אכזר פון זיין סביבה און לעבן אויפן פרעמדן חשבון, ווערנדיק „נאַטשאַלניקעס״, אונטערטרייבערס, שותפים פון דער אונטערוועלט, צווען מענטשלעכע עוולות און שטשירען די ציין, ווען ערלעכע מענטשן גלוסט זיך צו וויינען.

*

אַ וועג אויף צוריק... קען מען אויך צוריקרופן די יאָרן מיט כוח, מיט גלויבן? און די אומגעבראַכטע משפחות? דאָס געזונט? דאָס צעבראָכענע לעבן? ווידער די קליינע הייזקעס מיט די אונטערגעשפּאַרטע ווענט־לעך פון אַלטן, שוואַרצן, איינגעפוילטן האָלץ... אַ מאָל באַוויזט זיך אַ הייזל, וואָס כ׳האָב געזען אַהערצוועגס. די ערד שטייט... טייל הייזלעך שטייען... נאָר מיר מענטשן, מיט אונדזער פאַרשטיין, פאַרגייען אַזוי גיך... וואָס פאַר אַ חילוק פון מיין פאַרשטיין אַהערצוועגס, און איצט, צוריק־צוועגס! אָבער ס׳האָט געגומען צענדליקער יאָרן.

איך בין גראָד פאַרפאָרן קיין מאָסקווע דעם 7טן נאָוועמבער, דעם יאָרטאָג פון דער „גרויסער אָקטאָבער־רעוואָלוציע״. וועמען האָט זי גרויס געמאַכט? זי האָט חרוב געמאַכט אַ האַלבע וועלט. סטאַלין האָט אויס־געמאָרדעט די בעסטע זין פון דער רעוואָלוציע און אויך אויסגעמאָרדעט מיליאָנען, וואָס האָבן זיך מיט דער רעוואָלוציע ניט אָנגעקערט. ער האָט געשאַפן אַ „נייע״ וועלט־אָנשויונג פון טשינגיס־כאַנס מיטלאַלטער־לעכע דרכים, געבוירן אַ קאָדער פון רויבער מיט אַ „וויסנשאַפטלעכער באַזע״, כדי אונטערדריקן יעדן פרייען געדאַנק.

פֿאַרפֿאַרן בין איך קיין מאָסקווע פֿאַר טאָג, און געקומען אויפֿן ביעלאָ־דוסקי וואָקזאַל, אָ פֿאַרפֿרוירענע אומהיימלעכקייט. גאַרניט אַזוי יום־טובדיק. אַרבעטער איילן אין אַלטע „טיעלאָגרייקעס" מיט פֿאַרכמורעטע פּנימער. גרוי און טרוקן אַרום, בלויז די פּנימער פֿון דער „פּיראַיינִיקייט" — מאַרקס, ענגעל'ס, לענין און סטאַלין, פּאַכן מיטן ווינט אויף די ריזיקע פֿאָנען. איך באַגעגן אַן אַרבעטער מיט אַ ווערקצייג־קעסטל און פֿרעג אים, ווי אַזוי איך קען קומען אין „מעטראָ". ער ווייזט מיר דעם וועג, און איך פֿאָר...

אין מעטראָ

איך בין אין „מעטראָ". שטיינערנע שיינקייט. מענטשן שוין פאַראַן אַ סך, אָבער מען זעט ניט אַ שמייכל אויף די פּנימער. אינטעליגענץ. ווער דריקט אַזוי אויף זייער נשמה? וואַגאָנען אַראָפּ, וואַגאָנען צוריק. טרעפּ, וואָס פירן אַרויף און אַראָפּ. מאַרמאָרנע ווענט און ווענט. ליכט אַ ים. ס'וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו וויסן, צי האָבן זיי אַ סטאַטיסטישע געשיכטע, ווער ס'האָט געבויט די גיגאַנטישע „פּאַסטראַיקע"? וויפל מענטשן פרייע און וויפל שקלאַפן האָבן דאָ געאַרבעט? וויפל זיינען געפאַלן דאָ טויטע, אָדער אויסגעגאַנגען פאַר דער צייט? וויפל האָט די מלוכה געשפּענדעט אויף דעם אויפבוי, פון וואַנען די מאַטעריאַלן זיינען געקומען און וויפל האָבן „פּאַרדינט" די אַרבעטער, ביים שפּאַלטן די שטיינער פון די בערג? ווער זיינען זיי געווען? פון וואַנען האָט מען געבראַכט די שטיינער?

ס'איז נאָך פרי. איצט קומען אַהער טויזנטער מענטשן. ניט אַלע פאַר שמחה, חלילה, נאָר פיל באַקומען די באַפעלן אין זייערע זאַוואָדן און אַרבעטס־פּלעצער צו זיין אין דער געגעבענער שעה אויף דעם פאַר זיי אָנגעצייכנטן פּלאַץ. און פּרווו נאָר ניט צו זיין! עסן ווילסטו? מוזטו אויספירן וואָס מען הייסט דיך. קומט מען...

איך בין אַוועק צום „רויטן פּלאַץ". ליידיק. נאָך צו פרי. וואָס האָב איך צו טאָן דאָ, איך, אין מיין לאַגערנעם אָנטאָן, מיט מיין אויסגענאָגטן פּנים?

נאָך מיטאָג וועלן אַ סך נעמען צוריקפאָרן, וועט ווערן ווידער אַ געדראַנג. דאָרט זע איך דעם מאַוזאָלעום, אַ ווייטער בנין פון אַ בעל־חלומות, וואָס האָט געוויזן אַז מאָראַל און עטיק זיינען ווערט אַ שמיץ צו דער ערד, דער עיקר איז מאַכט. אונטער זיין דיקטאַט איז געבוירן די שלאַנג

סטאַלין, און די שלאַנג האָט געבוירן מיליאָנען שלענג, וואָס בייסן, מאָרדן, פּאַרגיפטן, צווינגען בלינד און טויב צו זיין, צו זינגען שירה צום אומקום, צו לאַכן, ווען קינדער שפּיאָנירן זייערע עלטערן, ברידער און שוועסטער...

וואָס האָב איך דאָ צו טאָן? זיי ווערן טעגלעך פעטער פון אויסנאָגן אַזעלכע ווי מיך! מיליאָנען, צענדליקער מיליאָנען... וואָס שטיי איך דאָ? אַוועק, אַוועק! ווייטער פון זייער טומאה, וואָס זיי ווילן באַמאָלן מיט רום! דאָ פּראַזדניקעווען זיי, און מיליאָנען מענטשן קומען אום אין „זאַפּאָליאַריע״, אין די טונדרעס און טייגעס, אין די טויזנטער קאָנצענטראַציע־לאַגערן, צעלייגטע איבערן גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד...

אַוועק! וואָס ווייטער פון דאַנען! באַלד וועלן קומען טויזנטער באַשטעלטע פאָטאָגראַפן און קינאָ־אָפּעראַטאָרן צו מאַכן טויזנטער פילמען, און צעשיקן אין דער וועלט דעם גרויסן שקר... וועגן די אמתע בויער, די אויסגענאָגטע שקלאַפן, וועגן זיי און פון זיי, וועט אפילו קיין זכר ניט בלייבן, נאָר זייערע באַצווינגער, זייערע מערדער, וועלן זיך טיילן כיבודים, זיך דעקאָרירן מיט מעדאַלן — פאַר מאָרדן טאַטעס, מאַמעס, ברידער און שוועסטער...

צוריק צום וואָקזאַל... דאָ איז היינט שיטער. די באַנען אַהין זיינען לײדיקע. מען דאַרף היינט ניט „קאָמפּענסירן״... קאַלט, פּראָסטיק, און אַזוי טרוקן... אַ פּאָר מענטשן פאָרן מיט מיר אין וואַגאָן. איך קען מיך אַנידערלייגן און כאַפּן אַ דרימל. איך האָב גאָרניט, און איך האָב נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר גנבים. גנבים? קיין וואָרט וועגן אַזעלכע זאַכן זיינען ניטאָ אין די היגע צייטונגען. אַן אידעאַלע געזעלשאַפט דאָ. וואָס שרייבן זיי דען? אַלץ איז פון פאָרויס אָנגעצייכנט, וואָס יאָ און וואָס ניט צו שרייבן. אַלע אַרטיקלען ווערן אויסגעפּאַרטיקט אין דער „מאָס־טערסקאַיאַ״ פון „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט״ אונטער דער „דיאַלעק־טישער״ קאָנטראָל פון „אינסטיטוט פאַר קאָמוניסטישער וויסנשאַפט״. זעלטן דעקט זיך אויף אַ לעכל אויפן סיסטעם אין „קראָקאָדיל״. ווער ס׳קען לייענען, קען עפּעס אַרויסלייענען פון די בריוולעך אין רעדאַקציע, פון קאַריקאַטורן. פאַראַן פילנדיקע, אָן צווייפל, אָבער אויב עס טוט ווי,

מעגסטו בלויז מאַכן אַ געלעכטער דערפון, ניט חלילה פירן קיין „אַגי־טאַציע״!

די קאַלטע וואַגאַנען סקריפּען אויף די פאַרפרוירענע שינעס, ווי די פיס ביי די שקלאַפן אין נאַרילסק. דערמאָנונגען... אין דודינקאַ האָט מען פון ערגעץ געבראַכט שמירעכץ צו די מאַשינען — עפּעס אַ געלע גערדיכטע מאַסע. מיר האָבן שוין ניט אָנגעשמירט אונדזערע געדערים זינט יאָרן. וואָס קען זיין? אַז מען שמירט די מאַשינען, סקריפּען זיי ניט, ווען מיר אַ ביסל אויך אונטערשמירן אונדזערע אויסגענאָגטע מאַשינדלעך. מיטן פינגער האָט מען אַרויסגעקראַצט פון שמוציקן געשיר אַ שטיקל „שמירעכץ״ און עס אַראָפּגעשלונגען. די קישקעס האָבן זיך טאַקע איבערגעדרייט, דאָס שמירעכץ איז אַוועקגעקומען אין אונדזערע מאָגנס, אָבער די פיס האָבן ווייטער געקריצט, ווי די רעדער איצט ביי די יאָגנדיקע וואַגאָנען.

אפשר איז דאָס ניט קיין שיינער אָנדענק אין אַזאַ גרויסן טאָג, ווי דער זיג פון דער „אָקטאָבער־רעוואָלוציע״? די וועלט מיינע איז טאַקע חרוב, אָבער ערגעץ לעבט אַ פונק: ביי אורטשען וועט זיך אַ ביסל ווײַ אָפּרייבן! דאָס איינציקע וואָס איז מיר געבליבן... זאָלן נאָר די באַנען יאָגן וואָס גיכער...

צעבראָכענע שטעט... פאַרברענטע הייזער... שטומע ווענט... פאַר־רויכערטע הויכע קוימענס... שוואַרץ, דושנע, חורבן... דאָ איז עס געווען דער שדים־טאַנץ פון סטאַלינס חבר, היטלער, מיט זיין רויבער־באַנדע.

איך בין שוין אין דער גרענעץ־שטאָט ביאַלאַ־פּאָדליאַסקאַ. אַ ליידיקע, חרובע שטאָט. אַ גרויסער טייל שטאָט, אַ ביסל אין דער זייט, שטייט נאָך אַרומגעגראָדזשעט מיט שטעכל־דראָט ־ דאָ איז געווען דער יידישער געטאָ.

מען זעט דאָרט שטיקער הייזער, פאַרוואָקסענע שטראָזן מיט גראָז. די נאַטור טוט שוין איר אַרבעט — זי מעקט די מענטשלעכע שאַנד. אַרום הוליעט אַ קאַלטער, מיט שריפה שטינקענדיקער ווינט, וואָס טראָגט נאָך אַרום רעם ריח פון פאַרברענטע הייזער, און אפשר מענטשן...

אַ שוועדער בלייערן־גראָער הימל הענגט איבערן קאָפּ. אַ קאַלטע פּאַרדומפּענע און פרעמדע לופט אַרום. שוין וואַרעמער און היימלעכער איז אין סיביר... איצט פייערט מען דריי טעג יום־טוב: דער זיג פון דער „אָקטאָבער־רעוואָלוציע". אַזוי פיל צו דערמאָנען און איבערצוקלערן.

„קאָמענדאַנטוראַ"

ס'ווערט שפּעט. מ'זעט ניט אַ מענטש אין גאַס. דער ווינט בלאָזט אין פּנים אַריין מיט טרוקן־פּראָסטיקע, אײַזיקע גרויפּן און דערנענטערט אַ גאָרניט היימלעכע נאַכט... מ'דאַרף גיין זוכן אַ מקום־מנוחה. אַלץ איז טויט אַרום, און דער חורבן אין דער נשמה גראָבט אַלץ טיפער און דערדריקנדיקער... פון ווייטן גלאַנצט אַנטקעגן אַ שילד: „קאָמענדאַנטוראַ".

שווער אָטעמענדיק, מיטן סאָוויעטיש־קבצנישן פּאַק אויף די פּלייצעס, און דעם ברייוו אין האַנט, בין איך אַריין אין דער קאָמענדאַנטור. אַ הויכער, געזונטער, וואַרעם־אָנגעטוענער מאַן, מיט אַן אָנגעפּרעסן פולן פּנים און אַ הויכער שוואַרצער קוטשמע אויפן קאָפּ. נאָך איידער איך האָב געעפנט מיין מויל, האָט ער אויף מיר געוואָרפן אַ פינצטערן דורכדרינגלעכן בליק, פון וועלכן דער מאַמעס מילך װערט פאַרפרוירן. איך וויַיז אים דעם בריוו, געשיקט פון סיבירער „נאַטשאַלסטווע".

— היינט איז „פּראַזדניק" — האָט דער אָנגעפּרעסענער פאַרשטייער פון דער „אַרבעטער און פּויערים" רעגירונג אויף מיר אַ יעכץ געטאָן, אפילו ניט קוקנדיק מיר אין פּנים אַריין.

— איך האָב ניט ווי איבערצונעכטיקן — האָב איך פאַרצווייפלט און הכנעהדיק אים אַ זאָג געטאָן.

— דול ניט אין קאָפּ! — האָט ער אַן אָנגעגאָסענער מיט רציחה, זיך צעשריגן אויף מיר און ווי אַ וואָלף גרייט געווען צו וואַרפן זיך אויף מיר.

— איך קען באַלד געבן אַ באַפעל, אַז ביז אַ שעה זאָלסטו ניט זיין אין שטאָט — און ער האָט מיט כעס אַ קוק געטאָן אויף מיר.

— סלושאַי, אַנטאָן! — האָב איך דערהערט אַ פרויען־שטים פון אַנדערן צימער. אַ שיינע, שוואַרץ־חנוודיקע יונגע פרוי, מיט אַ קאָפּ שוואַרץ־געקרייזלטע האָר, איז אַריינגעקומען, און אויף מיר געוואָרפן אַ

„גייט מיך ניט אָן״־בליק. — איך וועל גיין צום פּראַזדניק — האָט זי פאַרגעזעצט, אָנטוענדיק זיך אַ רעוואָלווער מיט אַ פּאַס אַרום איר טאַליע. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פּאָר הויזן...

איך בין ווידער אַרויס אויף דער טויטער, קאַלטער גאַס פון סאָוועטישן ביאַלאַ־פּאָדליאַסקאַ.

פון ווייטן — ווידער אַ גרויס שטיינערן הויז מיט אַ שילד: „ענקאַגעבע״, דער שד אַליין. — קלער איך, אָבער וואָס קען איך טאָן? ביים טויער שטייען אַ פּאָר שמייכלענדיקע, זאַטע, גלאַטיק ראַזירטע „נאַ־טשאַלניקעס״ אין גוט געפּרעסטע מיליטעריש־ענקאַווערישע מונדירן.

— פּראַזדניק! דול ניט אין קאָפּ!

אַ טײַערע „ראַדינאַ"

די שטערן אויפֿן הימל נעמען זיך אָנצינדן און מערן זיך אויפֿן הימל, ווי לאַכנדיק פֿון אונדזער „מענטשלעכקייט", וואָס איז ווייניקער ווערט, ווי אַ געפֿאַלענער מעטעאָר. די צעבראָכענע הײַזער און שאָטנס נעמען דריקן אויפֿן האַרץ, און איך, איינער אַליין אין נאַכטיקער פֿינצ־טערניש, שפּאַן צווישן די חורבות, און זוך אַ צעבאָמבירטן קעלער, אָדער עפּעס אַ וויסטן לאָך, וווּ איך זאָל קענען איבערהאַלטן די סאָוויעטישע, פּראָסטיקע נאַכט, וואָס שלאָגט אַרויס פֿון טויט און פֿון לעבעדיק. ערגעץ דערציילן ליכטלעך פֿון לעבן, נאָר ווער האָט כּוח און מוט אַהין צו גיין? ס'לעבן איז שוין סײַ ווי ניט קיין גרויסע מציאה. נאָך אַזעלכע יאָרן, ווער וועט זיך שוין שרעקן אַ נאַכט־צוויי איבערצושלאָפֿן אין אַ חורבה אָדער קעלער? איך שפּאַן פֿון חורבה צו חורבה זוכנדיק אַ מער „באַקוועמען" פּלאַץ.

פֿון ווײַטן איז אונטערגעקומען אַן אָפֿיציר מיט אַ פֿרוי און דערזען מיך אַרומקריכן אַרום די קעלערס און חורבות.

די פֿרוי האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיך געפֿרעגט וואָס איך זוך דאָ. איך האָב שוין לאַנג אַזאַ ווייבלעך־מוטערלעכע און מיטפֿילנדיקע שטים ניט געהערט.

— באַפֿרייט זיך פֿון לאַגער, האָט מען מיך אַהער געשיקט. איך בין אַ פּוילישער, דאַרף צוריקפֿאָרן קיין פּוילן, אָבער הײַנט איז „פּראַזדניק", לאָזט מען אין ערגעץ ניט אַרײַן. דער לאַגער איז פֿאַרשלאָסן צוליבן „פּראַזדניק", האָב איך ניט וווּ איבערצונעכטיקן, זוך איך עפּעס אַ קעלער וווּ איבערצונעכטיקן.

די פֿרוי האָט מיט אַ פֿילזאָגנדיקן בליק אַ קוק געטאָן אויף איר מאַן, דעם אָפֿיציר, און שטיל זיך באַראָטן מיט אים.

— קום מיט אונדז! ניט ווייט פון דאַנען בויט מען אַן „אָבשטשע־זשיטיע" פאַר אַרבעטער, נישטאָ דאָרט קיין קיך און קיין בעט, ניט קיין שויבן, נאָר מיט פּאַפּירן אַרום... אָבער דער ווינט הוליעט דאָרט ניט אַזוי פריי...

איך בין געגאַנגען און די פרוי האָט מיר אַ שטיל אַ זאָג געטאָן:

— זעסט דאָרט אַ ליכטל אין פענצטער? איך וועל מיט איר שוין רעדן. שפּעטער וועסטו דאָרט אַריינגיין, וועט זי דיר געבן אַ הייסן „טשאַיאָק"...

די „אָבשטשעזשיטיע" דאַרף זיין, הייסט עס, אַ „געמיינזאַמע דירה" פאַר אַ פּאָר צענדליק, צי וויפל מענטשן, אַרבעטער, אַן אמתער „פּאַלאַץ" — אָן אַ סופיט, נאָר דרענגלעך איבערגעלייגט איבער די ווענט, און פון אויבן מיט פּאַפּירן פאַרדעקט. קיין דאַך איז נאָך „דערווייל" אויך ניטאָ, די טירן און פענצטער זיינען פאַרקלעפּט מיט פּאַפּיר. לעבן קענען דאָ טאַקע נאָר די אַזוי שווער געפּרוּווטע סאָוויעטישע אַרבעטער. דאָס איז די קאָמוניסטישע זאָרג פאַר אירע „אויסגעלייזטע" אַרבעטער. ס'יאָר איז 1949 — 4 יאָר נאָך דער מלחמה מיט די דייטשן.

זיכער קאָן מען אַ סך פאַרענטפערן מיט מלחמה, אָבער ניט אַלץ. אַפילו דאָס אָרעמע פוילן האָט אין די 4 יאָר מער אויפגעטאָן פאַרן אַרבעטער, ווי די מעכטיקע ס.ס.ס.ר., וווּ אַלץ איז פון פאָלק פאַרהאַסט און ווערט ניט געטאָן מיטפילנדיק, ווי אַ טייל פון דער מלוכה, נאָר מיט שנאה און פאַרדרוס.

אָבער לאָמיך איצט ניט זיין קיין וועלט־פאַרזאָרגער, נאָר דערווייל עפּעס טאָן פאַר זיך. איך ליג אויף דער ערד. אַלץ איז אַרום אָפּגעקאַלעכט ווייס, אפילו די פּאָדלאָגע. ווו גיסט זיך אַ ריר, נעמסטו מיט דעם קאַלך אויף זיך. איך האָב זיך איינגעקאָרטשעט אין אַ ווינקל, קען איך שוין קיין האַנט און קיין פוס ניט רירן. אַלץ איז פאַרשטאַרט און פאַרפרוירן. איך מוז זיך אָנשטרענגען, אָדער איך וועל ביז טאָג דאָ בלייבן אַ טויטער...

בני שקר

פאָרנדיק אַהער, האָב איך אויף דער באַן געטראָפן אַ סאָוויעטישן אָפיציר, פרעגט ער מיך, נאָך וואָס איך פאָר קיין פוילן. „דאָרט איז גאָרניט צו באַקומען. מענטשן שטאַרבן פון הונגער. קיין העמד אָדער אַ פּאָר הויזן, זיינען ניט צו באַקומען. וווהין ווילסטו פאָרן״?

— אפשר עמעצן פון משפחה געפינען — ענטפער איך.

— קיין יעווריעס זיינען מער קיין לעבעדיקע ניטאָ... איך קום איצט פון דאָרט... אייגער דעם אַנדערן קען ניט ליידן... ביסט דאָ, זייַ רו:יק, לעב דיר אויס ס׳ביסל יאָרן...

גיי דערצייל אים, אַז איך גלייב אים ניט אַ וואָרט, און ווי שלעכט דאָרט זאָל ניט זיין, וויל איך אַלץ גיכער אַוועק פון דאַנען. איצט ליג איך דאָ „אין דר׳ערד״? אָבער עפּעס מוז זיך דאָך ענדערן... אין אַמעריקע זיינען דאָך נאָך דאָ יידן... אין אַרגענטינע...

איך האָב זיך קוים אונטערגעהויבן און אַריין צו דער פרוי אינעם שטיבל דאָרט, כאָטש אַ ביסל אונטערוואַרעמען זיך, און אפשר וועל איך קריגן אַ טעפל „קיפּיאַטאָק״?

זיצט אַ פרוי אַליין אין שטוב, אַ מיטליעריקע, מיט דאַגות, אויסגע־קריצטע אויף איר פּנים. (יאָ, יענע האָט איר געזאָגט וועגן מיר. אַ בענקל שטייט שוין נעבן אַן אויוועלע. אין שטוב איז וואַרעם, כאָטש פאַל אַוועק און כאַפּ אַ דרימל... אָבער מען טאָר ניט. גענוג זי האָט מיך אַריינגעלאָזט און אַ „טשאַיאָק״ געגעבן.

— פון וואַנען ביסטו? — פרעגט זי מיטפילנדיק — יאָ, פון פוילן — ענטפערט זי אַליין — און פון וואַנען קומסטו? — און גלייך נעמען זיך איר נעצן די אויגן. זי נעמט מיטן פאַרטעך זיך ווישן די אויגן מיט דער נאָז. ווייזט זיך אַרויס, אַז זי האָט אויך אַ חלק „ערגעץ דאָרט״. אַ זונדעלע

אויסגעכאָוועט. דער מאַן איז אין מלחמה געפאַלן. ס׳קינד האָט מען אַוועקגענומען, און זי ווייס ניט וווהין...

— שווייג, רעד ניט! — האָט זי זיך פלוצעם אַ צי געטאָן צוריק און גיך זיך געזעצט נעבן טיש עפּעס נייען. ס׳עפנט זיך די טיר און ס׳קומט אַריין דאָס געזונטע שיינע מיידל פון דער „קאָמענדאַנטור״ מיטן נאַגאַן אין דער זייט, אין דער קוטשמע און אין הויזן — די זעלבע, וואָס איך האָב געזען ביים „קאָמענדאַנט״, וואָס האָט מיר געדראָט צו באַפעלן מיר צו פאַרלאָזן די שטאָט...

— זדראַווואַ, מאַמאָטשקאַ — האָט זי באַגריסט מיט אַ פריינדלעכן פּנים, און דערזעענדיק מיך אין ווינקל, איז איר שמייכל ווי דערוואָרגן געוואָרן אין מיטן. זי האָט אָבער גאָרניט געזאָגט, איז אַריין אין אַ צווייטן צימער און צוריקגעקומען, ניט אַ קאָמענדאַנטיכע, נאָר אַ שיין, חנוודיק מיידל, מיט אַ קוטשעראַווע טשופּרינע שוואַרצע האָר, אין אַ פּשוטן קליידל. אַלץ האָט אַראָפּגעזונגען פון איר זייער שיינעם פיגורל. זי האָט זיך געזעגנט מיט דער מוטער, און אַוועק, אַרויפשלעפנדיק אַ מאַנטל אויף זיך...

די מוטער האָט איר נאָכגעקוקט דורכן פענצטער מאַמעדיק און אומרויִק. ווער ווייסט? איך האָב דערקענט איר אומרויִקייט. שוין אַ ביסל אַנגעוואַרעמט, האָב איך אַ נעם געטאָן מיין בינטל אויף די פּלייצעס און איך בין מיט אַ דאַנק אַרויס, פילנדיק איר צופרידנקייט פון מיין פאַרשטיין אַליין אַוועקצוגיין.

מען זעט שוין אַ ליכטיקן שטראַל. ס׳נעמט טאָגן. היינט איז שוין אויס „פּראַזדניק״. וויפל אַזעלכע ווי איך האָבן זיך עס אַזוי געפּרייט מיט זייער „פּראַזדניק״ ווי איך? שוין נישט דערמאָנענדיק די מיליאָנען אין די לאַגערן, איבערהויפּט אין די „רעזשימנע״ זאַפּאָליאַרנע לאַגערן, ווו 6 יאָר האָבן מיר ניט געוווסט וואָסער טאָג ס׳איז. ווי אַזוי זאָל מען וויסן, אַז אַ טאָג געדויערט אַ האַלב יאָר, און אַזוי אַ נאַכט. ווי קען מען דאָרט פירן קאַלענדאַרן? האָבן מיר קיין מאָל קיין אויסרוטאָג ניט געהאַט. איצט ווייס איך אויך ניט צו פיל, אָבער אַז אַ טאָג מיט אַ נאַכט

זיינען דורך, זע איך דאָך. געלויבט דעם איבערשטן, שוין געענדיקט זיך דער „פּראָזדניק״, און איך גיי מיט מיין צעטל צום „זאַמלפּונקט״.

ווידער עפּנט זיך אַ ברייטער טויער. איך האָב שוין אַ פּלאַץ אין אַ באַראַק. פאַראַן דאָ אַ סך פּוילישע. אַלע ווערן דאָ צונויפגעזאַמלט און דערנאָך קומט אַ פּוילישער (אָפיציר איין מאָל אין צוויי וואָכן און נעמט זיי איבער, גייט מיט זיי אין אַ וואַגאָן און מיט זיי אין איינעם פאָרט ער איבער קיין פּוילן.

מיין בריוו האָט מען צוגענומען ביים אָנקומען. די פּוילישע זאָגן, אַז אַזוי איז די פּראָצעדור. מען נעמט דאָ צו דעם בריוו מיטן סאָוויעטישן פּאַספּאָרט און דערנאָך באַקומט מען שוין פּוילישע פּאַפּירן אויף יענער זייט גרענעץ, אין פּוילן. דערווייל איז דאָ אַ „לאַג־פּונקט״ פול מיט דייטשע קריגס־געפאַנגענע. איצט זיינען זיי אַלע אַזוי פיין, אינטעליגענט, „קולטורנאָ״ אַ פאַרגעניגן! דערווייל גייען ווידער אַדורך וואָכן, „פּייקעס״, באַלאַנדע. אומגליקלעכע טויזנטער אַרעסטאַנטן, וואָס גייען איצט ערשט מאַכן מיין וועג אינעם „גן־עדן״...

— אַלע פּוילישע צום זאַמלפּונקט — שרייט מען פּלוצעם אויס.

אַ פּוילישער אָפיציר דרייט זיך אַרום אין הויף אין פּויליש־מי־ליטערישן מונדיר. די פּוילישע קוקן מיט פרייד און שמייכלען האָפע־נונגספול. זיי ווילן אַלץ נעענטער זיין צום פּוילישן מונדיר. ער נעמט איבער די פּוילישע דאָקומענטן מיט די מענטשן. אַלע שטייען שוין צוזאַמען אַרום דעם אָפיציר. זיי פרעגן אויס ווי ס׳זעט אויס אין פּוילן, וועגן אייגענעם פאָטערלאַנד, וואָס וועקט אַזוי פיל האָפענונגען. טויזנטער אַנדערע פּאָליאַקן זיינען נאָך אין אַנדערע ערטער, זיי האָבן נאָך צו אונדזער גליק ניט זוכה געווען. איך האָב זיי באַגעגנט אין פאַרשידענע לאַגערן. אַ סך פון זיי וועלן שוין מער ניט זען פּוילן. פיל זיינען דאָרט קראַנק געוואָרן, צום מיינסטן — אויף טובערקולאָז. קיין צו גרויסן נחת וועלן די פּאָליאַקן פון זיי ניט האָבן... מיר שטעלן זיך איין אין רייען צו צוויי. פאַר אונדז — דער פּוילישער אָפיציר.

אין גאַנצן דויערט אַ האַלבע שעה, אַ שעה, אַריבערצופאָרן אויף

יענער זייט בוג. און מיר קוקן שוין מיט אַזוי פיל האָפענונג צום הימל אויף יענער זייט. די הערצער קלאַפּן אומרויק, אויפגערעגט. גיכער שוין! וואָס וואַרט מען? זיי זיינען נאָך ניט פאַרטיק דאָרט מיט זייער „בוכהאָל־טעריע"...

איינער קומט אַרויס מיט אַ פּאַפּירל אין האַנט און רופט אויס... מיין נאָמען. ס'האַרץ, וואָס האָט אַזוי אויפגערעגט געקלאַפּט, נעמט אָפּשטאַרבן. ווידער אַלערליי מחשבות פון דורכגעגאַנגענע צרות און פּיין. אפשר, ווער ווייס? וואָס האָבן זיי געטאָן מיט צעלטערן? און מיט מיר אַליין?

— דו האָסט געשריבן אין 1942 צום „וויערכאָווני סאָוויעט" וועגן באַפרייען דיך אַלס פּאָליאַק. מיר האָבן איצט באַקומען פונעם פּראָקוראָר דעם ענטפער: „אַזוי ווי די אַמנעסטיע אין 1941 איז געווען פאַר פּאָליאַקן, האָסטו ניט געקענט געניסן פון איר, ווייל דו ביסט אַ ייד".

קלאָר און פאַרשטענדלעך! איך האָב מיין „סאָוויעטישן משפּט" אָנ־גענומען שטייענדיק שטום, אַ שווייגנדיקער בין איך אַרויס און גערן געווען צו שטעלן זיך צוריק אין דער ריי מיט די פּוילישע, און זיך געפילט גליקלעך, וואָס זיי האָבן מיר ניט געשטערט און ניט באַפוילן מיר אַרויסצוגיין פון דער ריי, ווייל איך בין דאָך איצט אויך אַ ייד!

יאָ, ביי זיי ווערט גאָרניט פאַרפאַלן. — סיידן מיליאָנען לעבנס. אויף מיינע בריוו אין אַלע העכסטע סאָוויעטישע אַמטן האָב איך באַקומען אַן ענטפער נאָך 9 יאָר אָפּזיצן אין זייערע לאַגערס, וווּ זיי האָבן אויסגעזויגן מיינע בלוטן.

שהחינו

מיט האַרץ־ציטערניש האָב איך איבערגעלעבט די נייע „סעגרעגאַציע" ביים אַריינשטייגן אין וואַגאָן פון די „פּוילישע". זייערע בלאָע היטעלעך האָבן געהאַלטן אונדזערע דאָקומענטן ביים אַרויסלאָזן אונדז דורך זייער טויער...

די באַן האָט גענומען זיך באַוועגן צו אַ נייער צוקונפט מיט נייע חלומות. פאַרמאַכטע טיר־און־פענצטער. די רעדער קלאַפּן... און אַזוי קלאַפּן אונדזערע הערצער... ביז מיר האָבן דערהערט דעם צוריק עפענען טיר־און־פענצטער, און דאָס רופן אויף פּויליש: „קומט אַרויס, איר זענט שוין אויף דער פרייער פּוילישער ערד!" נישטאָ נאָך דער נייער זינגער פון דעם „אָז ישיר", פון דערלעבן צו זען אַ פּאָר שפּאַן ווייטער די סאָוויעטישע „אויסלייזער און באַפרייער", ווו ס'הערשט אייביקע פינצטערע תפיסה, פאַר מיליאָנען אומגליקלעכע מענטשן, וועלכע האָבן אפילו ניט די האָפענונג וואָס מיר האָבן געהאַט...

ס'פילט זיך צווישן פאָלק די „דאַנקבאַרקייט" צום גרויסן ברודער און מענטשן־מערדער. ס'פילט זיך אויך דער אַנטיסעמיטישער פאַרזיי פון די פינצטערע היטלער־יאָרן און די אַנגעשטרענגטע מורא צו זאָגן, וואָס מען פילט.

מען פירט אונדז אין „פּור" (פּוילישער רעפּאַטריאַנטן־אַמט), נאָענט ביי דער גרענעץ. אַ פּאָר גראָב־בייכיקע פּוילישע פריצים מיט די לאַנגע וואָנצעס און גלאַט־ראַזירטע פּנימער... יעדער פון אונדז באַקומט אַ פּאַק — אַן אַמעריקאַנער גרין־מיליטערישער זאַק מיט אַנטועכץ. איך שלעפּ מיט מיר די סאָוויעטישע שמאַטעס, ווייל מען האָט דאָך אונדז געזאָגט, אַז „דאָרט", אין פּוילן, שטאַרבט מען פאַר הונגער, און נישטאָ קיין העמד אָדער אַ פּאָר הויזן צו באַקומען... און דאָ, גיט מען זעק אַנטועך, און טויזנט זלאָטעס יעדן איינעם אין קעשענע אַריין, און אַ בילעט אויף

3 חדשים צו פאָרן וווהין דו ווילסט... ווי קען מען דערציילן מענטשן אַזעלכע ליגנס?

מיר שפּאַנען אונטער אַ נייעם הימל, פאַר מיר אַ פריידיקן און אַ ווייַנענדיקן, ווייל קיינער פון מיינע אייגענע האָט ניט דערלעבט צו זען די פרייד פון צוריקקער. מיר שפּאַנען צו פוס פריידיק אין שטאָט אַריין אָפּצועסן. מיך מיט נאָך צוויי האָט מען עקסטרע אָפּגעקליבן, אונדז געהייסן זיך אָפּוואַשן, און ניט געזשאַלעוועט אַ שעפּל מיט וואַרעם וואַסער און אַ שטיק זייף, אַנשטאָט אַ סאָוויעטישע „זאַטירקע" מיט קויטיקן רינענדיקן קלעבעכץ.

נאָכן אָפּוואַשן הייסט מען זיך זעצן צום טיש און מען ברענגט אַריין אַ גרויסע שיסל אַזאַ — ווי מיין טייערע מוטער ע"ה פלעגט האַלטן צום וואַשן ס'געשיר. מיר שלינגען דאָס עסן מיט די אויגן. זיכער צום צעטיילן פאַר אַלע דריי — קלערט יעדער פון אונדז. אָבער מען ברענגט אַריין נאָך צוויי אַזעלכע שיסלען מיט לאָקשן און קעז און פּוטער. ניט קיין באַלאַנדע, נאָר געדיכטע ממשדיקע לאָקשן, און מען שטעלט פאַר יעדן פון אונדז אַוועק אַזאַ שיסל. מיר קוקן זיך איבער: איז עס מעגלעך?

— עסט אָפּ, און לייגט זיך אַוועק אַ שלאָף טאָן — זאָגן אונדז די פרויען, וואָס האָבן געבראַכט ס'עסן.

מיר האָבן גענומען שלינגען און רייסן פון דער שיסל, ווי אויס אַ שריפה. די פרויען זיינען געשטאַנען אַרום און זיך איבערגעקוקט אויף אונדזער וועלפישער אכילה. קיין 5 מינוט האָט ניט גענומען ביז צום אויס־ליידיקן די שיסלען. די פרויען האָבן אָבער געזען, אַז מיר זיינען געבליבן הונגעריק.

— אפשר ווילט איר נאָך? מיר האָבן גענוג!

— אויב איר ווילט נאָר געבן... — האָבן מיר געענטפערט.

זיי זיינען אַרויס און צוריקגעקומען מיט נאָך דריי אַזעלכע שיסלען און פאַר יעדן איינעם אַוועקגעשטעלט די צווייטע שיסל לאָקשן מיט קעז און פּוטער. אונדזער שריפהדיקע אכילה האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אויף אַ מינוט און די פרויען האָבן זיך ניט געקענט אָפּוווּנדערן.

— אפשר ווילט איר נאָך? — האָבן די פרויען, שוין מיט רחמנות אונדז געפרעגט.

— אויב איר האָט נאָר, וואָלטן מיר דאַנקבאַר געווען...

ווידער 3 שיסלען... שוין אַ ביסל פאַרשלאָגן אונדז דעם הונגער, אָבער די שיסלען האָבן מיר אויסגעליידיקט. ווער ווייס זיי גיין דערציילן, אַז מיר וואָלטן ערשט געקענט אָנהויבן פון דאָס ניי?

אין מיין לעצטן טאָג, נאָכן „פּראַזדניק" פון דער „אָקטאָבער־רע־וואָלוציע", איידער איך בין צוגעקומען צום לאַגער וואַרטן אויפן איבער־שיקן מיך קיין פּוילן, האָב איך אין דער טויטער סאָוויעטישער שטאָט ביאַלאַ־פּאָדליאַסקאָ דערזען אַן „אָטשערעד" מיט מענטשן, וואָס האָט זיך געצויגן ווי ווייט ס׳אויג האָט געזען.

— וואָס גיט מען דאָ? — האָב איך געפרעגט אַ „שטייענדיקן" אין דער ריי.

— כליעבאַ פּראָדאַיוט (ברויט פאַרקויפט מען) — און מ׳האָט זיך שוין גענומען נעענטער צונויפשטויסן, מיינענדיק, אַז איך וויל פאַרכאַפּן אַ פריערדיקן פּלאַץ אין „אָטשערעד".

איבערגעשלאָפן אַ נאַכט זיינען מיר אין דער פרי געגאַנגען אין שטאָט אַריין מיט די אַמעריקאַנער פּעק אויף די פּלייצעס, און אַ טוץ קעשענעס. גייענדיק נאָך אין פאַרשטאָט האָבן מיר דערזען אַ פּענצטער מיט ברויט. מיר זיינען אַריין ווי די היישעריקן און גענומען פּאַקן צו 5 — 10 ברויט. דער בעקער מיט זיינע געהילפן, צי בני בית, זיינען געקומען צו לויפן מיט געלעכטערס, און פרייענדיק זיך מיט די גוטע קונים, גענומען אונדז געבן וויפל מיר האָבן נאָר געוואָלט. קיין „אָטשערעד" איז ניט געווען.

— ז׳ ראָסיי פּושייעכאַלי? (פון רוסלאַנד געקומען?) — האָבן זיי געקייכט פאַר געלעכטער — ביי אונדז איז דאָ גענוג. נעמט וויפל איר ווילט!

— איז עס מעגלעך? — מיר האָבן אַלץ ניט געקענט גלייבן. אין גאַנצן אַ שעה פון דאָרטן אַריבערצופאָרן, און אַזאַ אונטערשיד? ס׳קליינע פּוילן

קען געבן אירע בירגער אַ מענטשלעך לעבן מיט זאַטער שפּייז, בשעת דאָס רייכע רוסלאַנד דאַרף אַלע יאָרן שטיין אין „אַטשערעד" שעהענווייז נאָך אַ ברויט?

איך פאָר קיין וואַרשע. עס קאָסט מיך גאָרניט. איך האָב אַ פרייען בילעט אויף אַלע באַנען און טראַמוואַיען אין פּוילן, אויף דריי חדשים. איך ווייס שוין, אַז ס'זיינען נאָך דאָ אַ ביסל יידן, וואָס האָבן זיך אויס־באַהאַלטן, און אויך פּאַרטיזאַנען און אַזעלכע, וואָס זיינען געווען אין דער סאָוויעטישער אַרמיי און אין דער פּוילישער, יידן, וואָס האָבן געהאָלפן דערשטיקן די היטלערישע בעסטיע.)

וואַרשע

וואַרשע. איך האָב זי געקענט אין איר אַלטן קאַכנדיקן, פאַרמלחמה־דיקן רעש, מיט די יידישע געסלעך און יידישער גויט, מיט די יידישע זינגער אין די הויפן:

קופּטשע... קויפט זשע פּאַפּיראָסן,
טרוקענע, פון רעגן ניט פאַרגאָסן...

אין אַן אַנדערן הויף:

נאָר קומען וועט אַ צייט, אוי, וועט זי קומען,
אַ ליכטיקייט וועט זיין אין מיין געמיט...

יידישע חלומות פון אַ שיינער וועלט, פון אַ ליכטיקן מאָרגן. „שטורעם און דראַנג"־צייטן. „צו די מאַסן אין די גאַסן... די פאַרפּאַלגטע פעלקער, ראַסן"... פּראָלעטאַרישע דיכטער, „נייע שטרעמונגען". ס'האָט געקאָכט און געזאָטן. טלאָמאַצקע 13, יונג און אַלט, „רעוואָלוציע און קאָנטררעוואָלוציע". ווילנע, לאָדזש פלעגן קומען צום צענטער וואַרשע.

משה קולבאַק האָט זיך געזעגנט מיט די יידישע שרייבער, ברוגז געווען אויף שלום אַש פאַר זיינע „רעאַקציאָנערע" שאַפונגען, און אַליין אַוועק קיין רוסלאַנד. מער האָט מען פון אים ניט געהערט. געבליבן איז בלויז זיין ליד:

שטערנדל, שטערנדל, בלויער שטאַפּעטעלע,
זיי מיר אַ שליחל, פאַל אין מיין שטעטעלע.

אַלץ איז חרוב, פאַרברענט, אויסגעמעקט. איך גיי אויף די חורבות פון יידישן געטאָ. פון עפּעס אַ חורבה קוקט אַרויס אַ צעריסענער שוך, אַ וועסטל מיט אָפּגעריסענע קנעפּלעך, אַ צעבראָכן שיסעלע. דאָ איז געווען די גאַס אויפן נאָמען פון גרויסן יידישן טרוימער, דאָקטאָר זאַמענהאָף, וואָס האָט געחלומט וועגן איין שפּראַך פאַר אַלע מענטשן. אָרעמער יידישער בעל־חלומות! ווען דו וואָלסט געזען די צעריבענע גרודעס אָפּפאַל פון יידישן וואַרשע!

איצט דערציילן די פּאָליאַקן וועגן דער פּוילישער הילף פאַר די אויפשטענדלער פון געטאָ. גיי דערצייל עמעצן, אַז ס'איז אַ ליגן, אַז די פּוילישע „שמאַלצאָווניקעס" האָבן געהאָלפן די זעלבע היטלעריסטן, וואָס האָבן געמאָרדעט פּאָליאַקן צו מאָרדן יידן. איך גיי דאָרט, ווו עס זיינען געווען די גאַסן נאָוואָליפּקי, נאָוואָליפּיע, נאַלעווקעס... מען ווייסט אפילו ניט ווו זיי זיינען געווען, קיין סימן איז ניט געבליבן...

איך קום אין פּראַגע צום יידישן צענטער. פינצטער איז אַרום. אין אַ הויף איז געבליבן דער סקעלעט פון דער אַלטער שול מיטן קיילעכדיקן קופּאָל־אַרטיקן דאַך. אין הויז פון זעלבן הויף — אַ ליכט אין אַ פענצטער. ביכער אויף פּאָליצעס, אין שאַפעס. איך קום אַריין מיט מיין סאָוויעטישן פּאַק אויף די פּלייצעס. אַ גרויסער לאָקאַל, אָפענע שאַפעס מיט ביכער. אַ יונגערמאַן זינגט שטיל:

ס'ברענט, ברידערלעך, ס'ברענט,
אונדזער אָרעם שטעטל נעבעך ברענט...

שלום עליכם!

— שלום עליכם! — דערלאַנגט ער מיר אַ וואַרעמע האַנט — איצט געקומען פון רוסלאַנד? מען דערקענט...

אַריינגעקומען אַן עלטערע פרוי, און גלייך אַוועק אין קיך ברענגען אַ שיסל זופ מיט אַ שטיק ברויט.

— אַלע „פון דאָרט" דערקענט מען תיכף... אויסגענאַגט און אויס־געטריקנט... קוים די ביינער צוריקגעבראַכט.

דער ביבליאָטעקאַר נעמט מיר דערציילן וועגן יידישן חורבן. יידן אויף דער גאַנצער וועלט שיקן געלט צו העלפן. אַ סך פאָרן קיין ישראל. ער פאָרט אויך אין גיכן... „נישטאָ קיין האָפענונג פאַר אונדז דאָ".

יידן שיקן געלט צו העלפן וויפל מען קען, פעלן אָבער ניט קיין פאַסקודניאַקעס אפילו איצט. יידישע קאָמוניסטן זיינען איצט געוואָרן די טאַטעס איבערן יידישן פאַרמעגן. זיי שטאָפּן זיך אַליין אָן, וויפל זיי קענען. זיי זיינען איצט דאָ געוואָרן די „רעדל־פירערס", אויסגעפּוצטע פּריצים מיט תקיפותדיקע שטעלן צו די דערשלאָגענע און אויסגעמאַטערטע.

— אומעטום דאָס זעלבע! — זאָג איך אים. און ער נעמט ווייטער דערציילן מיט פאַרביטערונג:

— באַראַקן האָט מען אויפגעשטעלט פאַר די „רעפּאַטריאַנטן" האָט עס געהייסן, האָבן זיי זיך דערוויל דערמיט פאַרטיילט צווישן זיך... קומט אַ ייד, צעבראָכן און צעקרישעט, האָט ער ניט ווו איבערצונעכטיקן... זוכט מען וואָס גיכער פּטור צו ווערן פון אים... מאַגאַזינען, אָנגעזעצטע מיט קליידער, טוט זיי ווי ס'האַרץ, צו געבן עס די מענטשן, וואָס קומען צעריסן און צעשליסן אין די סאָוויעטישע וואַטענע שמאַטעס.

ביים יידישן קאָמיטעט אויף „שיעננאַ גאַסל" איז אויך ניט פיל בעסער, אומעטום זיינען אויסגעוואַקסן „טאַטעס" און פאַרזאָרגערס — גאַנצע שטאַבן מיט באַאַמטע, און יעדער טוט אַ טובה...

ארום אויף די ווענט — צעטעלעך פון יידן פון גאַנץ פוילן. איך זוך אַ גרוס פון עפּעס אַ לעבעדיקן באַקאַנטן. נישטאָ קיינער. איך פרעג אויף מיינע חברים, די לעצטע צייט, האָבן זיי עפּעס אויפגעהערט שרייבן. אפשר פאַר מיר אַרויסגעפאָרן? מען רעגיסטרירט מיך דערוויל, און אין מיטן רעגיסטרירן האָט אַ יונגע פרוי געפונען, אַז איינער יוסף שוואַרץ זוכט מיך — דער זעלבער, וואָס האָט געוויינט, אַז איך האָב פון אים אַן אלמן געמאַכט און פון זיינע קינדער יתומים, ווייל איך האָב געהייסן אים שרייבן צו זיין ווייב, זיי זאָלן מאַכן „אַפּציע" און פאָרן קיין פוילן... זיין מזל, וואָס איך האָב גוט אָפּגעשאַצט אונדזערע „אויסלייזערס". ער וואָלט נאָך געווען געזעסן דאָרט, ביים אכזר אין די לאַפּעס, און געטריבן די ביקלעך איבער די סיבירער פעלדער...

צו מאָרגן בין איך אויף טוואָרדע און טרעט אָפּ ביים „רבי". — אַ מיטליעריק יידל מיט אַ רויטער באָרד. דערוויל האָב איך ניט ווו צו שלאָפן. איך טרעף אים אין מיטן אַ פּילפּול מיט עטלעכע יידן. איך דערצייל אים אַז איך האָב ניט ווו צו שלאָפן. איך דאַרף זיין מאָרגן ביים דאָקטאָר. שיקט ער מיך צו דער „רביצן" מיט אַ שטיק הענגענדיקן גוידער און אַ גראָבן אונטן, זאָגט זי צו מיר:

— אַז איר וועט מיר געבן 10 טויזנט, וועל איך איך לאָזן איבער־נעכטיקן אַ נאַכט...

— ווו זאָל איך נעמען טויזנטערס, אַז איך קום איצט פון לאַגער? — פרעג איך זי.

— אַז איר האָט ניט קיין געלט, גייט און זוכט איך ערגעץ אַנדערש אַ פּלאַץ...

איך בין אַרויס אין קאָרידאָר און אין אַ ווינקל זיך גוט אויסגעוויינט.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן אַ פּוילישן בחור, מיקאַליי, וואָס איז מיט מיר געקומען פון רוסלאַנד און האָט זיך אָפּגעזוכט אַ ווינקל ערגעץ אויף וואָלסקע גאַס. אַן אומזיסטיקן בילעט אויפן טראַמווי האָב איך געהאַט, בין איך אַוועק צו מיקאַלייען אויף וואָלסקע. מיקאַליי האָט מיך דערזען פון ווייטן, מיר אַנטקעגן געלאָפן, אַראָפּגענומען מיין בינט פון

די פלייצעס, מיך געלייגט אויף זיין אייזערנעם בעטל אין קליינעם אַלקערל, וואָס איז נאָך פול געווען מיט אַנגעוואָרפענע ציגל פון דער דייטשער באָמבאַרדירונג. איבער די ווענט האָט ער אַריבערגעלייגט הילצערנע דרענגלעך, וואָס ער האָט אויסגעזוכט צווישן די חורבות, און פון אויבן צוגעדעקט מיט פּאַפּירן און שמאַטעס. אין אַ ווינקל האָבן פון אַ צעבראָ־כענער וואַסער־רער געקאַפּעט טראָפּנס וואַסער. מיקאַליי האָט אָנגענומען אַ קאָנסערוון־פּושקע מיט וואַסער, געבראַכט אַ ביסל הילצערנע שפּענדלעך און אָנגעוואַרעמט פאַר מיר אַ ביסל וואַסער. איך האָב עס אויסגעטרונקען, און ביז היינט זאָג איך, אַז די גראָבע „רביצן" זאָל זיין די כפרה פאַרן ניט־יידישן מיקאַליי.

פון מיינע חברים איז דערוויַיל קיין סימן נישטאָ. אפשר האָט מען זיי אויך דערציילט וועגן הונגער אין וואַרשע און צרות אין פּוילן: „צו וועמען וועט איר פאָרן? קיין לעבעדיקער ייד איז דאָרט ניט געבליבן."

*

איך בין גליקלעך צו זעען זיך פריי פון זייערע מערדערישע הענט. דאָס קליינע פּוילן האָט שוין אַן אַנדער פּנים. ווי לאַנג ס'וועט געדויערן אונטער זייער „דיקטאַט" — ווייס איך ניט. ס'פאָלק פילט, אַז ס'מוז שווייגן, און זיי שעפּטשען שטיל צווישן זיך. ערגעץ איז פאַראַן עמעצער, וואָס געדענקט זייער שותפות מיט היטלערן קעגן פּוילן... זיי זייגען ניט גליקלעך מיטן פּוילישן שלעזיע, וואָס די סאָוויעטן האָבן געגעבן פּוילן פאַר די צוגערויבטע מזרחדיקע געביטן.

די ביוראָען פון „פּור" זיינען פול מיט דייטשן, ביי וועמען מען האָט צוגענומען זייערע פאַרמעגנס און מען טרייבט זיי, פרויען און קינדער, מיט די בעבעכעס אויף די פּלייצעס, פון זייערע דורותדיקע היימען.

מעכטיקער שקר

איך שפּאַן איבער די גאַסן פון וואַרשע, ווו אויף יעדן ווינקל, זיינען פאַראַן בלומען־קרענץ צום אָנדענק פון די געפאַלענע העלדן אין קאַמף קעגן די היטלערישע מערדער, אָבער קיינער טאָר ניט דערמאָנען, אַז סטאַלין האָט זיי געהאָלפן אומברענגען מיט זיין שותפות צו היטלערן.

די פאָרשטייער פון יידישן קאָמיטעט אויף שעננע גאַס האָבן פאַר מיר קיין פלאַץ ניט. זיי שיקן מיך אין פוילישן „פור". פאַראַן אומעטום מענטשן. פיל יוגנטלעכע זיינען באמת פריינדלעך. פאַראַן אויך גענוג אַנטיסעמיטן. טייל רעדן זיך אויס. געקומען איינער, וואָס האָט מיט אַנדערס אַרמיי אָנגעשלאָגן קיין ישראל, און פאַרטרויט מיר: „דו זאָלסט זעען סאַראַ פּרעכטיקע שטאָט די זשידעס האָבן־דאָרט אויסגעבויט... תל־אביב הייסט די שטאָט — גרויס, שיין, רייך, אייראָפּעיִש"... און ער האָט אַריינגע־וואָרפן אַ קללה, וואָס מעג בעסער פאַלן אויף די קעפּ פון זיינע דערציִער, וואָס האָבן אין אים איינגעפלאַנצט אַזוי פיל שנאה אָן אַ פאַרוואָס. אפשר וועלן זיינע סטאַלינישע „אויבערהערן" אים מיט דער צייט אויפמאַכן די אויגן. מיר אָבער האָט ער אַריינגעזעצט אַ שטיק נייע נשמה: יידן אין אַן אייגענעם לאַנד, אָן פרעמדע דעה־זאָגערס, אָן פרעמדע „דיקטאַטאָרס". די סאָוויעטן שיקן שטילערהייט הילף: מענטשן, געווער. זיי האָפן אַז די ישראלים וועלן איצט העלפן זיי דאָרט איינשטעלן זייער „יושר". זאָל גאָט זיי היטן, איך ווינטש זיי אַ בעסערן תחית המתים.

✶

ערשט אַ פינף יאָר שפּעטער האָב איך באַקומען אַ גרוס פון מיינע חברים.

לויטן סטאַלינישן „ספר פראַלניק", די „איינציקע אין דער וועלט געדרוקטער קאָנסטיטוציע", זיינען זיי נאָכן פאַרענדיקן זייער „סראָק" אַרויס־געשיקט געוואָרן אין אַ פאַרוואָרפענעם העק, אויף 5 יאָר „וואָלנאַ וויסילקאַ", אויף „פרייער פאַרשיקונג".

נאָכן פאַרענדיקן די „וואָלנאַ וויסילקאַ" זיינען מיינע חברים קודם כל צוגעפאָרן „אַהיים" אָנקוקן דעם חורבן, געזעגענען זיך מיטן גרויסן מאַסן־קבר אויפן באַרג, ווו מיר האָבן פאַרבראַכט די שענסטע יאָרן אונדזערע נעבן דעם אייזערנעם צלם, וואָס האָט אַזוי פרעמד אַלע יאָרן אַריינגעקוקט אין אונדזער יידישן שטעטל אַריין און קיין מאָל קיין גוטס ניט אָנגעזאָגט. זיי האָבן צום געזעגענען אָפּגעזאָגט „קדיש", ווי די לעצטע יידן פון פאַר־שווונדענעם שטעטל, מיט הונדערטער יאָרן יידישער געשיכטע.

פאַרן אַרויספאָרן זיינען זיי אַריין אין „גאָרסאָוויעט" (שטאָט־פאַרוואַלטונג) זיך אויסמעלדן, און דאָרט געפונען אַן אָפיציעלן דאָקומענט וועגן ענדגילטיקן אורטייל איבער אונדז אַלע...

צען יונגע, געזונטע, גלויבנספולע אין אַ שיינעם, גערעכטן, בעסערן מענטשלעכן לעבן — האָט מען אונדז פאַרנומען פון אונדזערע היימען, אויף דער אָנווייזונג פון באַנדיטן מיט פאַרטייִשע לעגיטימאַציעס, ווייל מיר האָבן זיי געשטערט אין דער אויסראָטונגס־אַרבעט קעגן יידן און אַלץ וואָס איז יידיש.

פון צען חברים זיינען מיר לעבן געבליבן נאָר פיר, די רעשט איז אויס־געשטאָרבן פון הונגער און שווערער קאַטאָרזשנער אַרבעט, ביים אויפבוי פון זייער „ראָדינאַ", וואָס סטאַלין מיט זיין רויבער־באַנדע האָבן באַשאַפן, מיטן איינציקן ציל אויסצונוצן מיליאָנען פאַרן שאַפן פון זייער נייעם רעזשים פון עקספּלואַטאַציע און מערדעריי.

מיר, די לעבן געבליבענע, זיינען היינט פרייע בירגער פון אַ פרייער וועלט, כאָטש מיט פיזישע און גייסטיקע וווּנדן, צוליבן סטאַליניש־היטלערישן פאַרברעכן פון אויסמאָרדן אונדזערע משפחות און אַ האַלבע וועלט. מיר אָנערקענען ניט די רעכט פון די היטלעריש־קאָמוניסטישע שותפים צו פאַר־טיילן „רעהאַביליטאַציעס" צו זייערע קרבנות. מיר האַלטן זיי שולדיק איבעם

פֿאַרברעכן פֿון אויסמאָרדן מיליאָנען מענטשן, פֿאַר, בעת און נאָך דער מלחמה, און אַזוי ביזן היינטיקן טאָג.

די בלינדע קאָמוניסטישע „ראָמאַנטישע" נאָכלויפֿערס מיט פֿילאָזאָפֿישע און פּראָפֿעסאָרישע טיטולן, זעען אפֿילו ניט, ווי זיי זינקען אין טיפֿן אָפּגרונט מיטשלעפּנדיק מיט זיך מיליאָנען אומשולדיקע, בלינדע נאָכלויפֿערס, וואָס ווילן זיך אַרויסשלאָגן אויפֿן אויבערפֿלאַך, און ווערן אַריינגעצויגן אינעם זומפּ. זיי זעען ניט די מיליאָנען מענטשן, וואָס קומען אום יאָר־יערלעך אין די סאָוויעטישע קאָנצענטראַציע־לאַגערס — הונגעריקע און אויסגעמוטשעטע פֿון די קאָמוניסטישע עקספּלואַטאַטאָרן.